STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00440

HENEKH

Jacob Pat

Permanent preservation of this book was made possible by
Solomon & Deborah Mowshowitz
in memory of
Libby Mowshowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פאַט

העַנעָד

די הכנסה פונעם בוך איז באַשטימט פאַר
דער הילפס־אַרבעט פונעם פוילישן יידנטום

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

29

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך

יעקב פאט

הענעק

א יידיש קינד, וואָס איז ארויס פון געטאָ

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
בוענאָס איירעס, 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
JACOOB PAT

JACOB PAT

H E N E C H

Buenos Aires, 1948

Industria Argentina
Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

* * *

ווען איך בין געווען אין פוילן, האָט מיינער א יונגער פריינט, א לעבנגעבליבענער פון דער ווארשעווער געטאָ, מיר איבערגעגעבן א דיקן געשריבענעם העפט אין דער פוילישער שפּראַך און געזאָגט:

— נעמט דעם העפט מיט זיך, איר וועט זיך איבערציינגן, אז ער איז אן אמתער אוצר.

איך האָב גענומען דעם העפט אין מיינע הענט; צונויפגעדרייטע בלעטלעך פון ציפּער־מעסיג געקעסטלטן פּאַפּיר. איך האָב אויפגעציילט די זייטלעך — איין און ניינציק. די האנט־שריפט האָט מיר אויסגעזען א קינדערשע, דער לשון איז אָבער דערוואקסן. די ערשטע זייטלעך זענען צעקנייטשטע, אָפּגעריבענע און טיילווייז אָפּגעבליאקעוועטע, אזוי ווי זיי וואָלטן זיין פארזשאווערטע אָדער פארפלעקטע. מען קאָן אָבער, מיט שוועריקייטן, דאָך לייענען. די ווייטערדיקע בלעטלעך זענען גוט לעזבאר.

ווען מיינער א באקאנטער פון אן אמעריקאנער אמבאסאדע, וואָס האָט אין מלחמה־צייט אויסגעפירט פאר דער אמעריקאנער רעגירונג פארשידענע וויכטיקע געהיימע דינסטן, האָט געזען ביי מיר דעם העפט, האָט ער גוט דורכגעטאַפּט דאָס פּאַפּיר, אים שאַרף געשמעקט, דורכגעקוקט אים דורכן ליכט און מיר געזאָגט:

— דאָס פּאַפּיר איז פאבריצירט געוואָרן מיט א וועלכע פינף יאָר צוריק אין א פּאַפּיר־פאַבריק אין דייטשלאנד, מינכענער געגנט.

— פון וואנען ווייסט איר אזוי גענוי? — האָב איך אים געפרעגט ניינעריק פארוואונדערט.

— איך ווייס עס גענוי —האָט ער געזאָגט— דאָס געהערט צו מיין בעמישער ספּעציאַליטעט.

איבער דעם ערשטן זייטל פון העפט קאָן מען גוט זען א דייטלעכע איבערשריפט מיט גרעסערע פוילישע בוכשטאַבן:

„די טויט-געפערלעכע רייזע קיין גאַרוואָלין"

גאַרוואָלין איז געווען פאַר דער מלחמה א יידיש שטעטל, וואָס איז געלעגן א וועלכע פערציק קילאָמעטער פון וואַרשע, א יידיש־חסידיש שטעטל אזוי ווי הונדערטער אנדערע. א „טויט־געפערלעכע רייזע קיין גאַרוואָלין"... — ווער האָט געמאכט די רייזע? ווען איז זי געמאכט געוואָרן? פאַרוואָס איז זי געווען טויט־געפערלעך?

אין דער ערשטער פרייער שעה האָב איך אָנגעהויבן לייענען דעם אויסטערלישן העפט. גלייך פון די ערשטע זייטלעך האָב איך געזען, אז מיין יונגער פריינט איז געווען גערעכט, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אז דער העפט איז אן אוצר. יאָ. איך האָב א ווירקלעכן יידישן אוצר אין מיינע הענט. דאָס איז אפשר דער איינציקער דאָקומענט פון אזא מין.

איך האָב געלייענט ווייטער און ווייטער. איך האָב געזען, אז די איין און נײַנציק זייטלעך זענען געשריבן פון א יידישן יינגל פון וואַר־שעווער געטאָ. ער האָט עס געשריבן, ווען ער איז געווען אויסבאהאלטן אין א בונקער אין א וואַרשעווער יידישער פאָרשטאָט, געשיצט פון א וועכ־טערין פון דער אונטערערדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

וווּנדערלעכע רייזעס צווישן טויט, פייער און שנאה, צווישן קידוש השם און גבורה, האָט דורכגעמאכט דאָס געטאָ־יינגל, וועלכער איז אלט געווען דרייצן יאָר, ווען ער האָט געשריבן זיין „טאָג־בוך", און נײַן יאָר איז ער אלט געווען, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. זיין נאָמען איז הענעך. ער האָט געשטאַמט פון דער גזשיבאָווסקע גאַס אין וואַרשע. צו־זאמען מיט אים אין בונקער איז געווען זיין חבר מאָטל, אָדער „מיעטעק" אויף פויליש.

הענעך פון גזשיבאָווסקע גאַס האָט געשריבן זיין טאָג־בוך „אויף צוריק" — ער האָט געשריבן, וואָס עס האָט פּאַסירט פון 1941 ביזן וואַר־שעווער אויפשטאַנד פון יאָר 1944. ער איז געבענטשט מיט א זעלטענעם

ה ע נ ע ך

זכרון. דערצו זענען דאָך דאָס געווען די דראַמאַטישסטע יאָרן אין דער יידישער געשיכטע פון אַלע צייטן.

א יידישע פרוי פון דער אונטערערדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געשפּילט די ראָלע פון א קאַטוילישער נאָנע אויף דער אריי־שער זייט, האָט אים געהאַט געפונען אין א יולי־נאַכט אויף א פעלד אין א וואַרשעווער פאָרשטאָט, ווען זיין לעבן איז שוין געווען אינגאַנצן פאַר־שפּילט און זיין קערפּער האָט געברענט אין טיפוס־פיבער. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען די וואַרשעווער געטאָ איז שוין געלעגן אין ברוך, שוין נאָכ־דעם ווי הענעך איז ארוים פון דאָרט אויף זיין לעצטער רייזע — דורכן שמוץ־קאַנאַל. די יידישע „נאָנע״ האָט אים געבראַכט אין אן אונטערער־דישער קאַטאַקאָמבע — א געהיימע, פינסטערע באַהעלטעניש פאַר לעבנ־געבליבענע יידן.

דאָרט, אין דער פינסטערער געהיימעניש, האָט דער בר־מצוה־ניק הענעך געשריבן זיין ספר. ער האָט דערציילט, וואָס עס איז פאָרלאָפן מיט אים, מיט זיין ברודער ברוך, מיט זיין שוועסטערל גיטעלע, מיט טאַטע און מאַמע, מיט יידישע מיידלעך און יינגלעך; וואָס עס איז פאָרלאָפן אויף וועגן, אין דערפער, אויף בריקן, אין שטאַלן און שייערן, אויף וואַרשעווער גאַסן, אויף ביידע זייטן פון די געטאָ־ווענט, אין וואַרשעווער געטאָ־אויפ־שטאַנד, אין קינדער־הייזער, אויף דעם „אומשלאַגפּלאַץ״.

פיר הונדערט פופציק טויזנט יידישע קינדער פון פוילן זענען אוועק אין די „אויוונס״. הענעך איז, מעשה נס, געבליבן לעבן, אזוי ווי ער וואָלט געבליבן לעבן צוליב א שליחות — צו דערציילן די מעשה פאַר דער וועלט.

ווי געזאָגט, דערציילט הענעך וועגן זיינע „רייזעס״. קיין וועלט־רייזנ־דער האָט נאָך נישט געמאַכט אזא רייזע ווי הענעך פון גזשיבאָווסקע גאַס — געטאָ ארויס און געטאָ אריין, גרוב ארויס און גרוב אריין, שטאָט אריין און שטאָט ארויס — צווישן יידן און גויים, אין דערפער און אויף באַנען, אויף וועגענער און אויטאָבוסן, אין עמערס פון וואַסער פאַר פערד און אונטער שטרוי, צווישן מענטשן־חיות און צווישן גוטע מענטשן. מערסטנס האָט ער דורכגעמאַכט זיינע „רייזעס״ זאַלבעצווייט. די דערציילונג וועגן אָט די „רייזעס״, די „מסעות שני אחים״, ברענגט ארויס צו דער וועלט א מעסעדזש פון א יידיש קינד. הענעך איז געבליבן לעבן, זיין ברודער

ברוך איז אומגעקומען, ווייל הענעך האָט געהאַט אַ בלאָנדן קאָפּ און ברוך האָט געהאַט אַ שוואַרצן קאָפּ, און אפשר אויך דערפאַר, ווייל הענעך האָט מער מזל געהאַט, אפשר דערפאַר, ווייל אויף אים איז מער געלעגן די אחריות פאַר דער שליחות.

הענעך האָט דורכגעטראָגן זיין בלאָנדן קאָפּ דורך אַלע געפאַרן, ער האָט אים אַליין אַריינגעוואָרפן אין די הענט פון טויט און אַרויסגע־כאַפּט אים צוריק, אַריין אין די פלאַמען פון געטאָ־אויפשטאַנד מיט בענזין־פלעשער אין די הענט און אַרויסגעפלויגן פון דאָרט אַ גאַנצער. ער האָט זיך געטרונקען אין ים פון שנאה צו יידן און דאָך געפונען אין דער לעצ־טער רגע אַ שווימענדיק ברעט, אויף וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעראַטע־וועט — אַ ברעט מיט אַ פונק מענטשלעכקייט.

הענעך איז אַרויסגעלאָפן פון אונטערערדישן לאַבירינט, ווען גאַנץ וואַרשע איז געשטאַנען אין פלאַמען, כדי זיך צו באַטייליקן אויך אין וואַר־שעווער אויפשטאַנד. ער איז געבליבן לעבן, ווען גאַנץ וואַרשע איז פאַר־ברענט געוואָרן, און איז געטריבן געוואָרן מיט צענדליקער טויזנטער פּאַ־ליאַקן צו די פעלדער פון פּרושקאָוו. ער האָט ווייטער געמוזט שפּילן די ראָלע פון אַ פּוילישן שייגעץ מיט אַ צלמל אויפן האַלדז, כדי די אויסגע־ריסענע פּוילישע מאַסע זאָל אים נישט פאַרלענדן אויפן וועג פון איר גלות.

אַ סך שפּעטער, ווען וואַרשע איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן, האָט מען געפונען הענעכס טאָג־בוך אין אַ חרובן הויז. דער העפט איז דאָרט געלעגן פאַרשאָטן מיט שטיינער, זאַמד און אַש. דער העפט אַליין איז געווען אַ גאַנצער!

איצט איז דער העפט ביי מיר אין די הענט. „נעמט אָט דעם קליי־נעם אוצרל און באַקענט מיט אים די וועלט"... — האָט מיר געזאָגט מיין יונגער פריינט, בלאָנדזשענדיק מיט מיר צוזאַמען איבער די רואינען פון דער וואַרשעווער געטאָ.

איך האָב דעם העפט מיט זיך גענומען. איך האָב אים פאַר דער צייט געלייענט און איבערגעלייענט פיל מאָל. זיין באַדייט און הייליקייט איז געוואַקסן כסדר אין מיין געפיל. איך האָב געוואָלט אויספילן די שליחות — באַקענען מיט אים די וועלט; איך האָב דאָס אָבער כסדר אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט.

ה ע ג ע ד

איך האָב נישט געקאָנט זיך אַן עצה געבן מיט דער שווערער אויפ־גאַבע. די אויפגאַבע איז געווען באַזונדער שווער, ווייל פילע שטעלן אין „טאָג־בוך" זענען געשריבן געוואָרן מיט ווינקען, בלשון סגי־נהור, זיי מוזן בעסער אויפגעקלערט ווערן, אויסגעברייטערט ווערן. דערווייל זענען גע־קומען אין מיינע הענט וויכטיקע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן געגעבן די גע־לעגנהייט קלאָר צו מאַכן אומקלאָרע שטעלן, באַגעגענישן און דאָקומענטן פון געשעענישן, וואָס זענען ריכטיק צוזאַמענגעפאַלן מיט איינצלהייטן און מאָמענטן פון אויסטערלישן „טאָג־בוך".

פאַר מיר איז געשטאַנען די פראַגע: זאָל איך בלויז איבערשרייבן דעם „קליינעם אוצרל" וואָרט ביי וואָרט און עס אַזוי לאָזן אַלס אַ דאָקו־מענט פאַר שפּעטערדיקע פאָרשער, פּסיכאָלאָגן און היסטאָריקער, אָדער עס אויסברייטערן, פונאַנדערוויקלען, קלאָרער מאַכן? —

דאָס איז מיר געווען זייער שווער צו אַנטשיידן און איך האָב דאָס בסדר אָפּגעלייגט. הענעך האָט שטומערהייט געמאָנט זיינס — דאָס „אוצרל" האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט בלייבן ליגן פאַרשלאָסן אין שרייב־טיש, ביז איך האָב באַשלאָסן צו טון ביידע זאַכן: אים איבערגעגעבן אַזוי ווי ער שטייט און גייט, וואָרט אין וואָרט, ווי ער איז געשריבן גע־וואָרן אין „בונקער", צו די היסטאָריקער און וויסנשאַפטלער, דאָס איז איינס. און צווייטנס — אים איבערדערציילן גענויער און ברייטער פאַר דעם אַלגעמיינעם לייענער, אַריינברענגענדיק אַלע נויטיקע איינצלהייטן, שילדערונגען און היסטאָרישע צוגאָבן.

דער אָריגינעלער טאָג־בוך הייבט זיך אָן אַזוי: „מיר זענען דורכ־געגאַנגען דאָס דאָרף פּאַוושין, דאָרט האָט אונדז אַ פּויער געכאַפּט און גע־פירט אונדז ביידן, מיך און מיין ברודער, אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. אויפן וועג האָט ער אונדז געשלאָגן אָן רחמנות. פּלוצלינג האָט ער אונדז אַ פרעג געטון: „האָט איר, זשידקעס, געלט?"... — דאָס האָט אונדז דעמאָלט געראַטעוועט. טאָמער האָבן מיר אַ פּאָר זלאָטעס אין קעשענע, וועלן מיר דאָך אים נישט אַוועקגעבן. אָן אַ פּאָר זלאָטעס ביסטו גלייך ווי אַ מת. זאָג איך אָבער צו אים אַזוי מיטן גאַנצן כוח: „גוט, גוט, פיר אונדז אין פּאָ־ליציי, מיר וועלן זאָגן, אַז דו האָסט אונדז געוואָלט אָפּלאָזן פאַר געלט. פאַר דעם וועסטו קרינן אַ קייל־כל..." מיין ברודער האָט אויך געזאָגט:

„טשלאוועקל, וועסט אומקומען מיט אונדז צוזאמען". דער פויער האט זיך פאר דעם דערשראקן, אונדז געלאזט שטיין און אליין געמאכט פיס. ער איז אוועק וואס שנעלער".

שוין אין די ערשטע פאר שורות איז צונויפגעדריקט א גרויסע דראמע. צוויי יידישע יינגלעך, שני אחים הענעך און ברוך, זענען אין פויליש דארף ווי צוויי שעפסן צווישן הונגעריקע וועלף. אין דעם זעלבן דארף זענען דאך אין פארלויף פון דורות געקומען יידישע ישובניקעס, בעלי מלאכות, איינקויפער און פארקויפער. קאראבעלניקעס און געלעבט מיט די גויים בשלום — וואס פאר א פייער פון שנאה צו יידן איז דאס מיט א מאל אראפ אויף דעם דארף פאוושין? פארוואס און פארוועמען?

א גזלן האט געכאפט צוויי יידישע שעפסן און שלעפט זיי צו שחיטה, אויפן וועג צו דער שחיטה האט אבער דער פויער אויסגעחשבונט, אז ער קאן פון די דייטשן באקומען וויניקער זלאטעס פאר די צוויי יידישע יינגלעך, ווי ער קאן ארויסבאקומען פון זיי גופא. זאלן זיי אויסקויפן אליין זייערע לעבנס פון זיינע הענט. ער וועט מאכן א בעסערן מסחר.

און אפשר האט ער זיך אביסל דערשראקן פארן מארד און פאר גאט און ער האט דאך נישט געוואלט אוועקגיין מיט גארנישט — האט ער געוואלט כאטש אוועק מיט אביסל זלאטעס. זאלן זיי צאלן, די קליינע יידעלעך, אויסקויף־געלט!

איז אבער דער יידישער ייִנגל הענעך פון גזשיבאווסקע גאס קליגער פון דעם פויערישן גייציקן גזלן. ער האט געוואגט צו שפילן אן אזארט־שפיל, א גרויסע לעבנס־שפיל. ער כאפט אן דעם פויער און לאזט אים נישט אפ: „קום מיט אונדז אין פאליציי!... קום צו די דייטשן!... דו וועסט שוין מיט דיין לעבן באצאלן דערפאר, ווייל דו האסט געוואלט פאר געלט פריילאזן צוויי יידן!... קום, פאניע, צו די דייטשן!... דו וועסט קריגן א קיילכל!"...

דאס איז געווען א גרויסע דראמאטישע שפיל אויפן דארפישן וועג, ביי וועלכער דאס לעבן פון צוויי קליינע יידן הענגט אויף א האר.

ווי קומען זיי אבער אויף דעם וועג איבער דעם דארף פאוושין, ווען ארום און ברענט מיט טויט־סכנה?

ה ע נ ע ד

וואוהין גייען די צוויי ברידער?

וואָס טרייבט זיי אין ווייטעניש אזש קיין גאַרוואָלין?

דאָס איז דער אָנהייב פון טאָג־בוך. לאָמיר טאקע דערציילן און איבערדערציילן דעם טאָג־בוך פון יידישן קינד פון געטאָ מיט אַלע איינצלהייטן.

קאפיטל איינס

זיבן טעג אין קעלער

הענעך און זיין ברודער ברוך פון דער גזשיבאָווסקע גאס זענען שוין געווען עטלעכע מאָל אויף „יענער זייט" פון דער געטאָ, זיך ארויסגעגנבעט אונטערן פּארקאַן אָדער איבערן פּארקאַן, דאָרט צווישן די אריער נע־האנדלט אָדער געבעטלט. מען האָט זיי נישט געכאַפּט און נישט געשאָסן. הענעך איז געווען מיט צוויי יאָר יינגער פון זיין ברודער ברוך, אָבער ער האָט עס געזאָגט דער ערשטער: „לאָמיר גיין צו דער מומען אין נאַר־וואָלין".

ביידע וויסן זיי, אז זיי האָבן א מומע אין נאַרוואָלין. זי הייסט פּעסע און איר מאַן, דער פעטער, הייסט מרדכי בער. זייער פאַמיליע־נאָמען איז קערש. זיי וווינען אין דעם „גרינעם געסל". די מאַמע האָט שטענדיק גערעדט וועגן איר „שוועסטער פּעסע פון נאַרוואָלין". פאַר דער מלחמה זענען זיי דאָרט עטלעכע מאָל געווען, געפאָרן צוגאַסט צו דער מומען. אין נאַרוואָלין איז די סכנה געווים קלענער ווי אין ווארשע. מען קאָן דאָרט געווים קריגן א שטיקל ברויט. — „לאָמיר גיין צו דער מומען — האָב איך געזאָגט" — דערציילט הענעך אין זיין טאָג־בוך.

מיט דער מאַמען איז נישטאָ וועגן דעם וואָס צו רעדן, ווייל זי וועט הייסן נישט גיין. „מיטן טאַטן איז דאָך געווים נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן דעם, ווייל ער ליגט קראַנק און קרעכצט שטיל ווי אן אַלטיטשקער". דאַרפן זיי ביידע, הענעך און ברוך, אָפּרעדן צווישן זיך.

— „ווילסטו, ברוך?"

ברוך איז מסכים. ער זאָגט, אז מען דאַרף איינשטעלן. יאָ, ער וועט גיין צו דער מומען אין נאַרוואָלין.

ה ע נ ע ך

„מירן גיין ווי שקצים" — האָט אויסגעפּלאַנעוועט הענעך. — מירן רעדן נאָר פּויליש, מירן אָנטון צלמימלעך און גיין, און גיין, נאָר נישט אָפּשטעלן זיך — גענאַנגען, גענאַנגען, ווייל שקצים האָבן נישט קיין מורא". זיי ביידע, הענעך און ברוך, זענען שוין גענימע גייער און זיי ווייסן ווי מען דאַרף גיין, מען זאָל נישט דערקענען, אַז זיי זענען אין דער אמתן צוויי יידן.

עס איז שוין געווען סוף זומער 1941, ווען זיי זענען אַרויס פון שטאָט אויף זייער גרויסער רייזע קיין גאַרוואָלין, צו דער מומע פּעסע און דעם פעטער מרדכי בער. די געטאָ־וואַנט האָבן זיי דורכגעמאַכט מזלדיק און זיך געלאָזט איבער די גויאישע גאַסן. „פריער איז זייער הייס, נאָכדעם איז זייער קאַלט, איידער מען גייט זיך איין, ציטערן די פיס, אין קאָפּ איז הייס און קאַלט, די ציינער קלאַפּן, אַמאָל דוכט זיך, אַז אָט־אָט טוט דער קאָפּ א פלי אוועק"... — דערציילט הענעך.

עס איז א מורא פאַר די גאַסן, פאַר די הייזער, פאַר די מענטשן. עס דוכט זיך, אַז אָט דערקענען דיך די גויים, אַז אָט קומען אונטער דייטשן, אַז אָט גייען פּאָליציאַנטן, אָט לויפן שקצים און שרייען „יודע", „יודע"... — אָבער אַז מען גייט זיך איין, אַז מען גייט אַרויס פון איין גאַס און מען קומט אַריין אין א צווייטער, און קיינער האָט דיך נישט גע־כאַפּט, קיינער האָט דיך נישט פאַרטשעפּעט, ווערט גרינגער די מורא און מען גייט ווייטער. מען גייט און מען גייט און מען ווייסט נישט ווּהין מען וועט דערגיין. מען טאָר זיך אָבער נישט אָפּשטעלן, „מיר ווייסן — דער־ציילט הענעך — אַז מיר גייען צו דער מומע פּעסע אין גאַרוואָלין".

„דורך פראַגע זענען מיר אַרויסגעקומען הינטער וואַרשע; דאָרטן, ווּ עס הייבן זיך שוין אָן די פעלדער, איז א סך בעסער. אַז מען טוט זיך א לייג אויפן גראָז זיך אָפּצורוען, מען לייגט זיך מיטן פּנים אין גראָז אַריין און מיט דער פלייצע פאַרקאַטשעט צו דער וועלט, איז א מחיה, דעמאָלט דאַרף מען נישט מורא האָבן, ווייל אַלע פלייצעס זענען גלייך, סיידן מען זאָל זיך איבערקערן מיטן פּנים צו די מענטשן"... — דערציילט הענעך.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען און קיינער האָט זיי נישט געטשעפּעט.

— ברוך, דאָ איז גאָרנישט קיין מלחמה... — האָט הענעך געזאָגט. ברוך האָט נישט געענטפערט, ער האָט געשוויגן. מען וועט נאָך זען

ווייטער. עס איז געווען מזלדיק ביז דעם דאָרף פּאָווּשין. דאָרט האָט זיי געטראָפן דאָס ערשטע אומגליק אויף זייער רייזע. דאָרט האָט דאָס דער פויער זיי געכאַפּט און געפירט אין פּאָליציי. אויפן וועג צו דער פּאָליציי האָט זיך דאָס דער פויער מישב געווען, אז ער וועט בעסער נעמען ביי זיי געלט און זיי אָפּלאָזן. דעמאָלט איז דאָס געקומען דער גוטער איינפאַל אין הענעכס צען־יאָריקן קאָפּ, ווי צו ראַטעווען זיך אליין און זיין ברודער ברוך: „קום מיט אונדז צו די דייטשן, וועסט שוין באַצאָלן מיט דיין לעבן דערפאַר, וואָס דו האָסט געוואָלט פאַר געלט אונדז פריי לאָזן". דער פויער האָט זיך דערשראָקן און האָט זיי אָפּגעלאָזט. ער איז וואָס שנעלער אוועק פון זיי און אפילו זיך נישט אומגעקערט.

ווי נאָר זיי זענען געבליבן אליין און דער פויער האָט זיך אָפּגעטראָגן, איז געוואָרן גרינג אויפן הארצן. עס האָט זיך געוואָלט א לויף טון, א שפּרונג טון, א שטיף טון און הענעך האָט געזאָגט צו זיין ברודער:

— ברוך, דו זעסט...

— איך זע... — האָט ברוך געענטפערט.

זיי זענען אוועק ווייטער. אָבער אז עס הייבט אָן צו גיין מיט דער פוטער אראָפּ, איז שלעכט — גייט עס שוין ווייטער אזוי. זיי זעען, אז זשאַנדאַרמעריע „גייט אין דאָרף אריין". די זשאַנדאַרן גייען גלייך זיי אנטקעגן. אין דאָרף איז שווערער צו אנטלויפן און זיך אויסבאהאַלטן ווי אין שטאָט.

קענגאיבער שטייט א כאַטע. אין כאַטע וווינען מענטשן. אפשר וועלן זיי רחמנות האָבן? — האָבן זיי זיך אריינגעכאַפּט אין דער כאַטע. די טיר איז נישט געווען פארשלאָסן. א שייגעצל, וואָס איז געווען אין הויז, האָט זיי דערזען אין טיר, האָט ער זיך פשוט דערשראָקן, וואָס ער האָט דערזען אין שטוב צוויי יידן, און ער האָט אָנגעהויבן הויך שרייען:

— טאַטקו... „יודע"... „יודע"...

גראַד אין דער רגע זענען די זשאַנדאַרן פאַרבייגעגאַנגען די זעלבע כאַטע און געהערט דעם געשריי פון א קינד: „יודע"... „יודע"... זיי גייען שוין נישט ווייטער, זיי האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט, זיי מוזן שוין זען וואָס דאָ קומט פאָר, פאַרוואָס שרייט מען דאָס „יודע". ווער איז דער „יודע"? ווו איז דער „יודע"?

ה ע נ ע ך

אינעווייניק אין כאטע שטייט אַן אמתער גויאישער יינגל, ביי דער טיר שטייען צוויי קליינע יידעלעך, וואָס שפּילן די שפּיל פון שקצימלעך. הינטער זיי שטייען צוויי דייטשע זשאַנדאַרמען. עס איז א סצענע פון א גרויסער דראַמע, עס איז א שפּיל צווישן לעבן און טויט. די צוויי יידן האָבן דאָס מאָל פאַרשפּילט.

„דעמאָלט קאָנען מיר שוין נישט אַנטלויפן —דערציילט הענעך— עס איז קאַפּוט. ברוך, וועסט שוין די מומע פּעסע אין גאַרוואָלין נישט זען. מיר מעגן שוין זאָגן אונדזער מאַמען אויף גזשיבאָווסקע גאַס אין וואַרשע „זיי געזונט״. מען האָט זיי געכאַפּט, דיינע בנימלעך, אין שטייג. דער טאַטע מיטן קראַנקן האַרץ וועט שוין קיין קדישימלעך נישט האָבן...״

די צוויי דייטשע זשאַנדאַרן האָבן אָבער נישט געקאָנט אויפן שטעל זיך אַן עצה געבן מיט די צוויי יידן —מיט הענעכן און ברוכן, ווייל זיי זענען געווען זייער פאַרנומען, זיי זענען געגאַנגען עפּעס טון, וווּהין זייער מאַיאָר האָט זיי געשיקט. זיי האָבן דאָך נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די הענט די צוויי געכאַפּטע יידישע טויבן, האָבן זיי געפונען אַן עצה — זיי האָבן צוגעפירט די צוויי ברידער צו אַן אַנדער כאַטע אין עק פון זעלבן דאָרף, ווו עס האָט געוווינט א „פאָלקסדייטש״, זיי איבערגעגעבן צו אים און אָנגעזאָגט:

— „היט די צוויי יידן, פאַרמאַך זיי אין קעלער אַן עסן, מירן קומען נאָך זיי״.

די צוויי ברידער זענען געבליבן אליין אין קעלער. ווי נאָר זיי זענען געקומען אביסל צו זיך, האָט ברוך געזאָגט צו הענעכן:

— אָט האָסטו א גאַנג צו דער מומען...

— רעד פּויליש... — האָט הענעך געזאָגט.

— עס איז שוין סיי־ווי־סיי אַלץ איינס.

— מען קאָן נישט וויסן.

זיי זענען געווען זיכער, אַז באַלד וועלן די זשאַנדאַרן קומען נאָך זיי. עס גייט אָבער אוועק א שעה, צוויי, דריי שעה און — די זשאַנדאַרן קומען נישט.

— מסתמא האָבן זיי אַן אונדז פאַרגעסן...

— פאַרגעסן זאָלן זיי אַן זייערע קעפּ...

די צוויי ברידער האָבן דערשפּירט הונגער. וואָס צום עסן איז אָבער ניִשטאָ. „זיי ווילן אונדז אוועקפּטרן”, — האָט געברומט ברוך א בייזער. הענעך האָט זייער געוואָלט ערגעץ זיך ארויסכאפּן, קריגן ערגעץ א קיי, עס זאָל אויפהערן אזוי זיך וועלן עסן. ער האָט געטאַפּט די טיר פון קע־לער — זי איז גוט פארשלאָסן. פון קעלער קאָן מען נישט ארויסקריכן. דאָס פענסטערל איז א קליינס און איז דערצו נאָך פארצווינגן מיט קראַטעס. „אפשר א רידל, א לאָפּאטע, גראָבן א גרוב, אונטערגראָבן דאָס הויז, אפשר ארויסקריכן דרויסן, אפשר?...” — דער געדאנק ארבעט, עס איז אָבער סתם אזוי נעטראַכט, אזוי ווי ווארפן שטיינדלעך אויף א וואנט — זיי פאלן אראָפּ אויף דער ערד. מיט די פינגער קאָן מען נישט אויסגראָבן א טונעל. „אפשר גאָר אונטערצינדן דאָס הויז, אונטערליינן א פייער, וועט ווערן א טומל, א לויפעריי, א בהלה, — און דעמאָלט אנטלויפן?...”

מיט די הוילע פינגער קאָן מען נישט מאכן קיין פייער. דער קאָפּ ארבעט אומזיסט און אומנישט, סתם אין דער וועלט אריין.

„אפשר אָנהייבן שרייען, גוואַלדעווען, מענטשן וועלן זיך צונויפ־לויפן, אפשר וועלן זיי גאָר רחמנות האָבן און געבן א שטיקל ברויט?...”

דאָס טויג אויף כפּרות. זאָל זיין בעסער שטיל און זאָלן די מענטשן פון דיר נישט ווייסן. די מענטשן וועלן נישט געבן קיין ברויט, זיי וועלן שלאָגן און הרגענען. צו וואָס זאָל מען זיי דערמאָנען, אז מען איז דאָ אין קעלער, טאָמער האָבן זיי שוין גאָר פארגעסן?

דער קעלער איז א גרויסער. הענעך איז א קוועקזילבער, ער קאָן נישט איינזיצן. איז ער אומגעקראָכן אין דער פינסטער. ערשט ער האָט פאר זיין ברודער ברוך א גוטע בשורה:

— ס'איז דאָ!...

— וואָס איז דאָ?

— עסן!

דער באַלעבאָס פון קעלער, דער „פאָלקס־דייטש”, האָט געהאַט דאָרט ארויפצו ווייט אין קעלער מערן, בולבעס, ברוקווע. ביידע ברידער האָבן זיך צוגעכאפּט צו דעם ווי צו דער באַטעמסטער זאך אויף דער וועלט. זיי האָבן געגריזשעט מיט זייערע שאַרפע ציין די מערן ווי חיהלעך.

דערציילט הענעך:

ח ע נ ע ך

„אזוי איז אוועק א טאָג נאָך א טאָג, עס זענען אוועק עטלעכע טעג. כדי צו געדענקען די טעג, מאַכן מיר פּאַסיקלעך אויף א ברעט, יעדן טאָג א פּאַסיקל. ערשט עס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אונדז א קליינער פויערל"...

א קליינער פויערל, א מין האַרבאַטער קאַרליק מיט לאַנגע, שפּיציקע וואָנצעס, האָט דערשמעקט, אז צוויי יידישע יינגלעך זיצן פאַרשפּאַרטע אין קעלער. א שמאָל פענסטערל, פאַרפלאָכטן מיט דראָט און אייזן, איז אַרויסגעקומען פון קעלער דרויסן, סאַמע ביי דער ערד. דער קליינער פויערל, דער קאַרליק, פלעגט צוקומען צום פענסטערל, זיך אוועקלייגן אויף דער ערד און קוקן, אַריינקוקן אין קעלער, קוקן אויף די צוויי יינגלעך, ווי עס קוקט א קאָטער אויף צוויי מייזלעך. ער פלעגט לאַכן ווי א חיהלע, כיכיקען, כיכיקען, און זיך רייצן מיט זיי:

— זשידקעלעך...

— ממזרימלעך...

— כיקען, כיקען די העלזעלעך...

ער פלעגט קוקן מיט גרויסע, בולוועגע אויגן אויף זיי און דראָען צו זיי מיט א לאַנגן שוואַרצן פינגער:

— כיקען... כיקען...

עס האָט זיך צו אים אויך צוגעטשעפּעט א יינגל, א דייטשער יינגל. ער פלעגט וואַרפן אין קעלער אַריין שטיינדלעך, זאַמד, שטיקלעך קויט און פלעגט מאַכן זייער מיאוסע קונצן.

„וואָס האָבן מיר געקאָנט טון? —פרעגט הענעך— מיר האָבן גע־שוויגן און שטיל געשאָלטן".

נאָך זיבן טעג איז ברוך שוין געלעגן ווי א קלאָץ. זאָלן זיי שוין טון וואָס זיי ווילן. הענעך האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. ער איז נאָר אַרומגעקראָכן איבערן קעלער, אַרומגעשלעפּט זיך, געזוכט, געשנאָרט — אפשר, מאַלע וואָס.

ביז ער איז איינמאָל צוגעפאַלן צו דער טיר פון קעלער, געטאַפּט זי מיט די הענט, געפּילט די דרויסנדיקע קילקייט, וואָס איז געווען אין דער הילצערנער טיר. ער האָט געגלעט די טיר, געשטופּט דעם פינגער אין לעכל פון שלאָס, צוגעשטעלט דאָרטן זיין מויל און געאָטעמט דעם דרויסן, ביז ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן. ער איז געבליבן זיצן ביי דער טיר, אָנ־

געשפּאַרט אָן איר זיין קאָפּ און אָנגעהויבן שטיל וויינען, וויינען, נאָכדעם יאָמערן. ער אליין האָט גאָרנישט געקאָנט אָפּשטעלן דאָס יאָמערן זיינס. זיין געוויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער פון א קראַן.

— מאַמע... מאַמע... — האָט ער געיאָמערט, „סקאַווּטשעט" ווי אַן אָרימער, עלנטער, דערשלאָגענער הינטל.

עס איז שוין געווען אָוונט, עס איז שוין געוואָרן נאכט און הענעך האָט אַלץ נישט געקאָנט אוועק פון טיר פון קעלער. ער וועט שוין דאָ בלייבן זיצן. דעמאָלט איז געשען א נס. ער האָט פּלוצלינג געהערט ווי עמיצער שליסט די טיר. די טיר עפנט זיך. עס איז געוואָרן מיטאמאָל זייער קיל און זייער פריש. די פרישקייט גייט אריין אינגאַנצן אינעווייניק, ווי עס וואָלט זיך אויך אין זיך געעפנט א טיר צום דרויסן. אַן איינגעבויגע־נער מענטש, איינגעוויקלט אין א טוך, שטייט אין טיר פון קעלער.

דאָס איז געווען א פּויערטע. זי רעדט זייער שטיל, זי שעפּטשעט, און זי שעפּטשעט גוטס:

„יינגלעך, ארויס פון דאַנען, אַנטלויפט..."

ברוך האָט אויך דערהערט. ער האָט זיך געטון א שטעל אויף די פיס. הענעך האָט געציטערט. א פרייד האָט געציטערט זיינע הענט און פיס, און האַרץ. ארויס! גיי ארויס! אַנטלויף...!

די פּויערטע האָט זיי אויך ארייגעשטעקט א שטיק ברויט. הענעך, דו האָסט נישט אומזיסט געוויינט אין דער נאַכט. דו האָסט אויפגעוועקט א מענטשן, וואָס האָט שוין מער נישט געקאָנט שלאָפן, א פּויערטע אין א פּאַטשיילע. „ווען מיר זענען ארויס פון קעלער —דערציילט הענעך— זענען מיר געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אז מיר האָבן כמעט נישט געקאָנט שטעלן א טראָט".

מען מוז אָבער גיין. מען דאַרף גיין גיך. מען מוז שנעל פארשווינדן פון דאָרף.

זיי זענען אַנטלאָפן. נישטאָ מער קעלער, נישטאָ מער „פאָלקס־דייטש". עס איז דאָ פעלד און די נאַכט. עס איז דעמאָלט א מחיה צו זיצן אין פעלד און קייען דאָס פרישע ברויט פון דער גוטער פּויערטע.

— זעסטו, ברוך...

— יאָ, הענעך, איך זע.

ק א פ י ט ל   צ ו ו י

זיי ראטעווען זיך פון זומפ

צו דער מומע אין גארוואלין איז נאך ווייט, ביידע ברידער גייען אהין. עס איז דא א ציל אין זייער גאנג — גארוואלין, די מומע פעסע. „ביינאכט פלעגן מיר שלאפן אין די וועלדער, בייטאג פלעגן מיר גיין מיטן וועג" — דערציילט הענעך.

טרעפט מען א פויער אין וועג, רעדט מען צו אים שקציש־פויליש און ער דערקענט נישט, אז דאס רעדן צו אים יידישע יינגלעך.

— איז ווייט פון גארוואלין? — האט אים הענעך געפרעגט.

— „דאלעקא" — ווייט. איר זייט ביים דערפל יעזשערקע — האט דער פויער געענטפערט.

זענען זיי ווייטער געגאנגען. דער פויער איז אוועק זיין וועג. אין דערווייטנס האבן די צוויי ברידער שוין געזען כאטעס. „אז מען זעט זיי, די כאטעס, הייבט אן קלאפן דאס הארץ" — זאגט הענעך.

די גויים אין דארף לאזן זיך נישט אפנארן, זיי זעען צוויי יידישע יינגלעך גיין איבער זייער דארף יעזשערקע. דאס איז פאר זיי אן אומגע־ריכטע זאך. שקצים יאגן זיי נאך מיט שטעקנס. „פון די זשידקעס קומען אלע אומגליקן" — זאגן פויערים. דער געיעג נאך זיי ווערט דראענדיקער, גרעסער, מען „פארמאכעוועט" זיך אויף זיי מיט אייזנס — „זיי קריכן נאך ארום ווי ווערעם..." — מוז מען לויפן, מען מוז זיך ראטעווען.

— מאך פיס, הענעך!...

— לויף, ברוך!...

זיי זענען אנטלאפן און מען האט זיך נישט געיאגט נאך זיי. ווייטער דורכן דארף זענען זיי געגאנגען פאמעלעך. „עסן האבן מיר געהאט זייער

ווייניק און גיין האָבן מיר געמוזט א סך. צוליב אָט דער סיבה האָבן מיר שיעור נישט פארלוירן די כוחות — דערציילט הענעך.

די צווייטע טייל פון דאָרף איז א רואיקע. וועגנער שטייען ביי די כאטעס מיט אויסגעשפאנטע פערד, וואָס קייען רואיק, געמיטלעך היי און הירזשען. אויפן מארק דרייען זיך ארום יינגלעך און זיי טשעפּען זיך נישט. עס ווערט שוין קאלט, וואסערן ווערן שוין צוגעפרוירן, פּויערים גייען אָנגעטון אין האַריקע רעקלעך. יינגלעך גייען מיט ביכלעך פון שולע. „דאָס איז זייער מאָדנע —זאָגט הענעך— יינגלעך מיט ביכלעך פון שולע, אזוי ווי פאר דער מלחמה. זיי, די שקצים, ווייסן גאָרנישט, אז עס איז א מלחמה".

ביים עק פון דאָרף שטייט א סלופּ און אויפן סלופּ איז אָנגעשריבן „26", דאָס מיינט, אז זיי זענען שוין אָפּגעגאנגען זעקס און צוואנציק קי־לאָמעטער פון ווארשע. מיט א פערד מאכט מען אזא רייזע אין דריי שעה, אָבער זיי גייען שוין דריי וואָכן. די זיבן טעג אין קעלער דארף מען אויך אריינרעכענען. מען מוז גיין ווייטער, מען מוז דערגיין צו דער מומע אין גארוואלין. פון דערווייטנס זעט זיך א בריק. פרעגט הענעך ביי זיין ברו־דער ברוך:

— וואָס איז דאָס פאר א בריק?

— דאָס איז די אָטוואָצקער בריק — ענטפערט ברוך ווי א ווייסער.

— אזוי נאָענט איז שוין די בריק?

— עס איז נישט נאָענט, — ענטפערט ברוך, — מיר האָבן נאָך צוויי קילאָמעטער צו דער בריק.

גייען זיי, גייען זיי, ערשט זיי זעען, אז ס'איז שלעכט. זיי זעען, אז עס גייען מענטשן. דאָס איז נישט גוט. די מענטשן קוקן אויף די צוויי יינגלעך בייז. באלד דרייען זיך שוין ארום זיי שקצים און קוקן אריין אין די אויגן. זיי זוכן שוין, זיי שמעקן אוים.

— רעד פּויליש... — זאָגט אָן ברוך זיין ברודער הענעך.

— „פּעוונא"... — אוודאי — ענטפערט הענעך אויף פּויליש. — מיר זענען שקצים...

די געפאר ארום זיי ווערט געדיכטער, עס דרייען זיך שוין גרעסערע שקצים, א גרויסער גוי מיט א שטעקן אין האנט. „באלד איז אויף אונדז

אַנגעפאַלן אַ המון — דערציילט הענעך — און מען האָט אונדז געוואָלט דערהרגענען, אויף אַן אמת דערהרגענען, נאָר דערהרגענען..."

אַנדערע האָבן געשריגן, מען זאָל זיי נישט הרגענען, נאָר אָפּגעבן דעם דייטש. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען זאָל זיי שלעפּן צו דער בריק און אָפּטונקען אין וואַסער. דערווייל האָט מען אָנגעהויבן זיי שלאָגן. „די עלטערע האָבן געהייסן, מיט געלעכטערס, די יינגלעך, זיי זאָלן אונדז שלאָגן און האָבן אפילו אליין אונדז געשלאָגן".

מען מוז זיך ראַטעווען. זיך לאָזן שלאָגן איז נישט קיין חכמה. געבן אויף צוריק איז נישטאָ קיין כוח, דאַרף מען פּרוּוון אַנטלויפן.

— לויף!

— איך לויף!...

עס איז נישטאָ קיין כוח צו לויפן, מען מוז אָבער. זיי האָבן אָבער נישט געקענט אַנטלויפן. די מענטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי און זיי געכאַפּט. דערשלאָגן זענען זיי שוין געווען, אָבער נאָך געלעבט. וואָס וועט מען מיט זיי נאָך טון?

איינער האָט עפּעס געזאָגט און די אַנדערע האָבן זיך צעלאַכט. זעט אויס, אַז עס איז זיי געפעלן געוואָרן. זיי ווייסן שוין וואָס צו טון מיט די צוויי יידן.

„מען האָט אונדז אַריינגעוואָרפן אין דערבייאיקן זומפּ — דערציילט הענעך. — מיר האָבן געקעמפט מיט די הענט און פיס, כדי זיך אַרויס־צובאַקומען פון אייזיקן זומפּ. די עלטערע פּויערים זענען געשטאַנען ביים ברעג מיט אַ שמייכל. די שקצים האָבן אונדז געשלאָגן מיט בייטשן, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג פון זומפּ און געוואָלט אַרויסקריכן. מיר זענען געשטאַנען אין מיטן דער בלאָטע און שיעור נישט פאַרפרוירן געוואָרן".

די ווערטער פון „טאָג־בוך" זענען פּשוטע. דער כתב איז אַ קינדער־שער, אָבער די סצענע איז פון אַ גרויסער טראַגעדיע, כמעט פון אַן אומ־מענטשלעכער טראַגעדיע. עס איז אַ וועלט־דראַמע אין זומפּ, אין מיטן טאָג פון פּוילישן גילדערנעם האַרבסט. די יינגלעך ווילן אַרויסקריכן פון איי־זיקן זומפּ, פּרוּוון איין מאָל און נאָך אַמאָל. זיי קריכן שוין ווי חיהלעך

אויף אלע פיר, און די גרויסע מענטשן — יאָ, מענטשן! — שטייען מיט בייטשן און שמייסן זיי, און טרייבן זיי צוריק, און קוועלן, און לאַכן!...

די מענטשן האָבן געלאַכט, געקוואַלן, און די צוויי ברידערלעך, אויס־געשמירט אין בלאָטע, זענען געלאָפן פון ברעג צוריק אין בלאָטע אריין, אומגעפאלן אין בלאָטע, געקראָכן אין בלאָטע אויף אלע פיר, אויסגעשמירט די פּנימער מיט די אייגענע הענט, געמאכט משונהדיקע העוויות און גרי־מאַסן ביים אויפהייבן זיך און צוריק פאלן, געשפּרונגען, געקראָכן, גע־לאָפן אהין און צוריק.

— זשאבעס, יידישע זשאבעס!...

— קוואַקעט, קוואַקעט!...

א היפשער עולם איז געשטאַנען ביי די בלאָטעס און זיך צוגעקוקט צו דעם יידיש־פּוילישן ספּעקטאַקל. דעמאָלט איז אָנגעפאָרן פּאָליציי.

פּאָליציי האָט זיי געהייסן ארויסקריכן שנעל פון בלאָטע. „מיר זענען ביידע געקראָכן —דערציילט הענעך— און אלע האָבן זיך צו דעם צוגע־קוקט. מיר ביידע האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און זיך אָנגעשפּאַרט איינער אָן צווייטן. מיר האָבן געוווּסט, אז איצט וועט מען אונדז נישט שמייסן מיט בייטשן. פּאָליציי איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אונדז, מיר זאָלן ארויסקומען צום ברעג. מיר זענען גלייך געגאַנגען צו די פּאָ־ליציי־לייט, צוגעקומען צו זיי און זיך אוועקגעשטעלט און געשוויגן". די פּאָליציי־לייט האָבן געהייסן די צוויי ברידערלעך, זיי זאָלן גיין מיט זיי אין פּאָליציי.

דאָרט וועט מען שוין זען, ווער איר זענט און וואָס צו טון מיט אייך— האָט דער עלטסטער פּאָליציי־מאַן געזאָגט.

זיי זענען אהין געגאַנגען. זיי האָבן זיך קוים געשלעפּט. זיי זענען געווען ביידע שמוציק, פאַרשמירט, פאַרבלאָטיקט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין כוח און קיין ווילן אפילו צו רעדן איינער צום צווייטן א וואָרט.

אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט איז פאָרגעקומען אזא געשפּרעך צווישן פּאָליציי־עלטסטן און הענעכן:

— ביסט א יידישער יינגל?

הענעך האָט געשוויגן.

— זאָג דעם אמת, וועט זיין בעסער פאַר דיר.

ה ע נ ע ד

הענעך האָט ווידער נישט געענטפערט. — ער האָט אָבער פאַרוואָס־עפּעס פאַרלוירן די מורא צו קוקן דעם פּאָליציאַנט אין פּנים אַריין. ער האָט אָנגעכאַפּט א פּונק פון א שמייכל אין זיינע אויגן. דעמאָלט האָט הענעך געזאָגט:

— אזוי...

— וואָס אזוי?

—א ייד.

—אָט אזוי, זאָג דעם אמת.

דער פּאָליציאַנט האָט א קוק געטון אויף ברוכן, וואָס איז געשטאַנען אביסל אָפּגערוקט, און ער האָט ווידער גערעדט צו הענעכן:

— און ער?

— ער איז מיין ברודער.

טוט נאָך אמאָל א שמייכל דער פּאָליציאַנט, קוקט זיך אַרום, אז ער איז אליין אין קאָמיסאַריאַט.

— ווּהין שלעפּט איר זיך? — האָט ער געפרעגט.

— צו אונדזער מומען.

— ווּ ווינט אייער מומע?

— אין גאַרוואָלין.

— פון וואַנען גייט איר?

— פון וואַרשע.

— פאַרוואָס זענט איר אוועק פון וואַרשע?

— ווייל מיר ווילן עסן.

דער פּאָליציאַנט האָט ווידער א שמייכל געטון.

— און מיר ווילן נישט דערהרגעט ווערן — האָט הענעך זיך איינגעשטעלט צו זאָגן.

— איר זייט איינשטעלער —האָט פּלוצלינג א זאָג געטון דער פּאָליציאַנט — איר ווילט גיין, טאָ גייט.

און באַלד האָט ער א מאַך געטון א בייזן פּנים און זיך צעשריען:

— איך זאָל אייך מער נישט אָנקוקן, ממזרים!...

און ער האָט זיי ארויסגעטריבן. העגעך האָט נאָך געהערט ווי דער פּאָליציאַנט האָט געזאָגט הינטער זיי, צו זייערע פּלייצעס:

— זאָלן זיי נישט אריינפאַלן אין מיינע הענט.

„דער פּאָליציאַנט איז צו אונדזער גליק —דערציילט העגעך— געווען אַ מאָדנע־גוטער. ער האָט אונדז געלאָזט גיין אויף אַן אמת. מיר האָבן איצט באַשלאָסן צו גיין דורך די וועלדער, כדי אויסצומיידן די שלעכטע דערפער".

ק אַ פּ י ט ל ד ר י י

אין סאָסנאָווען וואַלד אויפֿן מאָך

„אויף א בוים איז גוט ארויפצוקריכן, מען קאָן אויף אים זיצן און זיצן. עס וואָלט נאָך גוט געווען צו האָבן פליגלען אזוי ווי א פויגל, טאָמער וואָס־ווען, טוט מען א פלי אוועק" — דערציילט הענעך וועגן זייער גיין דורכן וואַלד.

עס וואָלט זיך אים וועלן, אז דער וואַלד זאָל זיך נישט ענדיקן. עס איז גוט צו ליגן אין וואַלד און נאָך האָבן צו דעם וואָס צו עסן. זיי פוילן זיך צו גיין ווייטער, די פיס טוען וויי און עס ווילט זיך ליגן און ליגן. און אז מען גייט אין וואַלד, וויל מען, אז ער זאָל זיך נישט ענדיקן. וועגן וואָס זאָל מען רעדן אין גויאישן וואַלד? — די צוויי ברידער, הענעך און ברוך, רעדן וועגן דער מאמען און וועגן טאַטן.

— די מאמע פארשטייט, אז מיר זענען אוועק צו דער מומע פעסע.

— זי האָט דאָך געהאַלטן אין איין זאָגן, אז מען זאָל אוועק צו דער מומען אין גארוואָלין.

נאָכדעם רעדט מען וועגן „מסחר", וואָס זיי האָבן געמאַכט אין וואַרשע אויף דער ארישער זייט. מען קאָן וועגן דעם רעדן אויף יידיש. צווישן זיך און אין דער שטיל רעדט מען נישט אויף פויליש.

„געדענקסטו די בולבעס? צוואַנציק גראָשן פאַר א בולבע!"

זייער ערשטער מסחר אויף דער ארישער זייט איז געווען מיט בולבעס. זיי האָבן דאָרטן געקויפט בולבעס פאַר צען גראָשן א בולבע און פארקויפט אין געטאָ פאַר צוואַנציק גראָשן.

אַלע ייִנגלעך אין געטאָ האָבן געזוכט עפּעס צו פאַרדינען, מיידלעך

אויך. אויב נישט פארדינען, האָט מען געמוזט עפּעס כאַפּן, אויב נישט כאַפּן, איז גנבענען.

— געדענקסטו די צוויי יינגלעך, „די בוכהענדלער", אויף דער גזשיבאָווסקע גאַס?

זיי האָבן געהאַלטן ביכער אויף א קינדער־וועגל. יידן פלעגן שטיין ארום זייער וועגל און אריינקוקן אין די ביכער. „ס'איז דיין טאַטנס ספר?" — פרעגט א ייד. „עס קאָסט א זלאָטע, קויפט אָדער לייגט אוועק" — ענטפערט דער יינגל, דער „ביכער־הענדלער".

„געדענקסטו דעם קאַליקע־שרייבער אויף דער פאַנסקע גאַס?"

„וואָס האָט געשריבן דייטשע בריוו".

א קאַליקע בריוון־שרייבער איז געזעסן ביי א טישל און געשריבן בריוו אויף דייטש. א זלאָטע פאַר א בריוו. שטייט אַן אַלטע יידענע און רעדט צום קאַליקע־שרייבער: „שרייב צו מיין טאָכטער אין אמעריקע, אז איר מאמע גייט אוים פון הונגער. זי איז א גאָלדן קינד... אָבער צי וועט זי פארשטיין אויף דייטש?"...

אז מען ליגט אין וואַלד, פילט מען, אז די געטאָ איז זייער ווייט פון דאָרטן. מען זעט וואָס דאָרט קומט פאָר אזוי ווי מען זיצט אין א קינאָ און מען קוקט אויפן לייוונט. זען זעט מען, אָבער אָנכאַפּן קאָן מען דאָס נישט.

„געדענקסטו אויף גענשע גאַסביים „טאָז"?

„ווי דאָס ווייבל האָט א פאַל געטון א טויטע".

„א קליין יינגל איז אונטערגעקומען און געזאָגט: „דאָס איז מיין מאמע".

רעדן זיי ווידער וועגן זייער אייגענער מאַמען. אז די מאַמע האָט אָנגעשמעקט צום ערשטן מאָל, אז זיי קלייבן זיך צו גיין אויף „יענער זייט", האָט זי געזאָגט:

„הענעך, זאָלסט עס נישט טון, זאָל גאָט רחמנות האָבן".

ווו איז גאָט? ווי זאָל ער רחמנות האָבן?

זיי האָבן דעמאָלט געקויפט ביי די גויים די בולבעס זייער גיך. זיי האָבן עס געמוזט מאַכן שנעל, כאַפּן גיך. זיי האָבן דעריבער טאַקע גע־כאַפּט א פּאָר בולבעס צוגעפוילטע. די גויע האָט זיי אָפּגענאַרט, די צוויי

בולבעס־סוחרים. זיי האָבן אריינגעוואָרפן די בולבעס אונטער די העמדער, קאַלטע בולבעס ביי דעם ווארעמען לייב, און זענען געקראָכן מיט זיי צוריק אין געטאָ.

זיי זענען דורכגעקראָכן בשלום. עס איז געווען גענוג שרעק, האַרץ־קלאַפעניש, אָבער — בשלום. האָבן זיי זיך געזעצט אין געטאָ אביסל אָפּ־רוען, אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די בולבעס זענען שוין דעמאָלט געווען ווארעם. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרקויפן די בולבעס ביסלעכווייז. זיי האָבן נישט ארויסגענומען אַלע בולבעס מיט אַמאָל, ווייל זיי זענען געווען פאַר־זיכטיק.

— ווי טייער? — פרעגט א ווייבל.

— צוואנציק גראָשן.

— טייער, סוחר.

— איך קאָן נישט ביליקער.

זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרקויפן אַלע בולבעס. צען בולבעס האָט מען געלאָזן פאַר דער מאַמען. זיי זענען ביידע געלאָפן אהיים מיט קע־שענעס געלט און בולבעס — פינף בולבעס הענעך, און פינף בולבעס ברוך, ביידע גלייך. דאָס געלט האָט געהאַלטן ברוך, ווייל ער איז דער עלטערער.

— געדענקסטו ווי די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, ווען זי האָט דערזען אויפן טיש דאָס געלט און די בולבעס?

— זי האָט געזאָגט, אז דאָס האַרץ שפּרינגט איר ארויס פון שרעק...

זי האָט דערציילט, אז איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אז אירע צוויי זין האָבן זיך אוועקגעלאָזט אהינצו. זי האָט זיך געשראָקן א גאַנצן טאָג. זי האָט נאָר געבעטן גאָט, אז ער זאָל זיי אויסהיטן, מען זאָל זיי גאָרנישט טון, חס ושלום. טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן.

— ס׳איז גאָרנישט, מאַמע... — האָט הענעך געזאָגט.

— איר זאָלט דאָס נאָך אַמאָל נישט טון, זאָל אייך גאָט אויסהיטן — האָט די מאַמע גערעדט.

זייער צווייטע רייזע „אין דער וועלט אריין” האָבן זיי שוין געמאַכט נישט נאָך קאַרטאָפל, נאָר נאָך סאַכארין. דעמאָלט זענען שוין געלעגן אין געטאָ אויף דער גאַס טויטע יידן, צוגעדעקטע מיט פּאַפּיר. מען איז געווען

אין געטאָ זייער הונגעריק, יעדערער האָט געוואָלט עסן, מען האָט געכאַפּט פון די הענט.

זיי בײדע זענען געוואָר געוואָרן, אַז אין א געוועלבל אויף אַלט־שטאָט קאָן מען קויפן סאַכארין. אַז מען ברענגט אין געטאָ סאַכארין, פאַרדינט מען א סך געלט — נישט קיין גראָשנס, נאָר זלאָטעס.

— וועלן מיר גיין, ברוך?

— מירן גיין.

— אַז מען גייט ארויס דאָרטן, רעדט מען פויליש.

— „פּעוונא"... פאַרשטייט זיך...

ווי נאָר מען איז ארויסגעקראָכן „דאָרטן", האָט הענעך גיך פאַר־דרייט זיין היטל אָן א זייט ווי א ריכטיקער שייגעץ און האָט אפילו גע־פייפט ווי א שייגעץ. ביידע ברידער זענען געגאַנגען מאַכן א גרויסן מסחר. מען גייט נאָך סאַכארין... — דאָס האָט א גרויסער יינגל פאַרטרויט הענעכן, וווּ מען קויפט סאַכארין.

אין קרעמל קויפן איז אָבער אריין ברוך, ווייל ער איז דער עלטערער. הענעך איז געבליבן וואַרטן אין דרויסן. זיי האָבן אָפּגערעדט, אַז איידער ברוך וועט ארויסגיין פון געוועלבל, וועט ער א קוק טון דורכן שייבל פון טיר. הענעך וועט שטיין אים אנטקעגן. אויב די גאַס וועט זיין כשר, וועט אים הענעך ווייזן אַן אָפענע האַנט. אויב די גאַס וועט זיין טריף, וועט אים הענעך ווייזן א פויסט, וועט ער אונטערוואַרטן אין געוועלבל.

האָט אָבער הענעך דאָך געמאַכט א פעלער, ער האָט זיך צופיל פאַר־קוקט אויף דער טיר פון געוועלבל; ווען ער פאַרקוקט זיך נישט צו־שטאַרק, וואָלט ער אָנגעשמעקט, ווי עס קומט אונטער א דייטש, אָבער אַז ער האָט זיך פאַרקוקט, האָט אים דער דייטש א כאַפּ געטון פון הינטן:

—יודע...

— איך וועל דיך דערשיסן ווי א הונט...

דער דייטש האָט אים געשלעפּט מיט כוח, און דאָרט אין געוועלבל איז ברוך. הענעך האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אייזערנעם פּלויטל ארום א בוים אין גאַס, נישט געלאָזט זיך שלעפּן און געשריען מיטן גאַנצן כוח:

— „שים!... שים מיך!..."

ער האָט געמיינט, אַז דער דייטש וועט אים נישט שיסן אויף מיטן

דער גויאישער גאַס. ער האָט געמיינט, אַז צוליב זיין געשריי וועלן זיך מענטשן צונויפלויפן, אפשר וועלן זיי אים ראַטעווען:

„יעסטעם" פּאַליאַקעם!... ראַטויטשע!"... (כ'בין א פּאַליאַק, ראַטע־וועט) — האָט ער געשריען איבער דער גאַנצער גאַס.

מענטשן האָבן זיך טאַקע ארומגעקליבן, אָבער זיי האָבן אים נישט געהאָלפן. זיי האָבן זיך נאָר איינגעקוקט און געהערט ווי דער דייטש האָט געשריען: „יודע!... יודע!"... דער דייטש האָט אים אָפּגעריסן פון איי־זערנעם פּלויטל און אים געשלעפּט איבער דער גאַס, און אין האַנט האָט דער דייטש געהאַלטן זיין רעוואָלווער.

ער האָט אים דערשלעפּט ביזן עלפטן קאָמיסאַריאַט. דאָרטן האָט ער אים געשלאָגן מיטן שוך ווי א ביטערן עפּל. ער האָט אים צוגעוואָרפן צו אַן אַלטן פּוילישן פּאָליציאַנט און אים אָנגעזאָגט:

— מאַך אים צורעכט.

דער פּאָליציאַנט האָט אים אריינגעשטופּט אין א שטייג פאַר שיכורים און גנבים. הענעך ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי אים איז אונטערגעקומען א שטיק ברויט.

— קיי דאָס... — האָט אים עמיצער אין שטייג געזאָגט.

מען האָט אים דאָרט געלאָזט ליגן א נאַכט און א טאָג, נישט מען פרעגט אים עפּעס, נישט מען טוט אים עפּעס — ער ליגט. אויף דער צווייטער נאַכט, ווען ער איז געלעגן אין שטייג איינער אַליין, קיין גנבים און שיכורים זענען דעמאָלט דאָרט נישט געווען, האָט זיך צוגערוקט דער אַלטער וועכטער צו דער שטייג, געקוקט אויף אים ווי ער ליגט א צונויפגעקאָרטשעטער און עטעמט שווער און סאָפּעט, זאָגט ער צו אים:

— טוט דיר עפּעס וויי, יינגל?

— יאָ, דער בויך... — האָט געענטפערט הענעך.

קוקט אויף אים ווייטער דער אַלטער וועכטער און זאָגט צו אים:

— ווילסט אַרויס אויפן הויף?

— יאָ... — האָט גיך א זאָג געטון הענעך.

קוקט אויף אים דער אַלטער, שליסט אָפּ די טיר פון שטייג און זאָגט:

— גיי, אָבער קום באַלד צוריק...

און עס דוכט זיך הענעכן, אַז דער אַלטער פּאָליציאַנט האָט געטון

א ווינק צו אים מיט נישט קיין היגע אויגן, מיט גוטע אויגן, מיט א שמייכעלע, ווי ער וואָלט זאָגן:

— „פארשטיי"...

הענעך איז ארויס אויפן הויף. ער איז שוין צוריק נישט אריין. עס האָט אים א טראָג געטון. ער איז דערגאנגען צו אַן אנדער הויף און זיך ארונטערגעלייגט אונטער טרעפּ, ווייל עס איז געווען נאכט. ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג, האָט ער זיך געלאָזט גיין צוריק אין געטאָ אריין.

אויף זייער גאס, אויף דער גזשיבאָווסקע גאס, האָט ער ריכטיק אָנגעטראָפן זיין ברודער ברוך און ער האָט אים דאָס ערשטע געפרעגט:

— האָסטו די סאַכארין?

— יאָ, האָט ברוך געענטפערט.

— האָסטו שוין פארקויפט?

— ניין, איך האָב געוואַרט אויף דיר.

ערשט דעמאָלט האָט זיך דערמאנט ברוך אים צו פרעגן:

— וווּ ביסטו געווען?

— אין שטייג... — האָט הענעך קורץ געענטפערט, — אין עלפטן קאָמיסאריאַט.

— — — איצט ליגן זיי ביידע אין וואלד, וואָס זעט אויס צו זיין זייער ווייט פון עלפטן קאָמיסאריאַט. זיי קייען שטיקלעך ברויט און שמועסן וועגן זייער פארגאנגענהייט.

פרעגט ברוך:

— וואָס מיינסטו טוט די מאמע איצטער?

— וואָס מיינסטו?

— זי זוכט אונדז ארום.

— מען זוכט נישט —זאָגט הענעך— אָדער מען איז דאָ, אָדער מען איז נישטאָ.

זיי ציען זיך אויס אויפן מאָך פון סאָסנאָוועץ וואלד און ברוך זאָגט הענעכן:

— אז מירן קומען אין גארוואָלין, וועלן מיר גלייך שרייבן א בריוו.

קאפיטל פיר

די מלחמה אין פעלד

דערציילט העניק אזוי:

„ווען מיר זענען ארויס פון וואלד אין פעלד, האבן מיר דערזען, אז עס גייט א יונגער פויער פון א יאר אכצן. ער האט אונדז דערזען. איז ער גלייך צוגעלאפן צו מיין ברודער ברוך. אין דער רגע בין איך אנטלאפן.

„לויף איך, לויף איך, ערשט איך דערהער, אז מיין ברודער שרייט. דעמאלט האב איך זיך אפגעשטעלט און א קוק געטון הינטער זיך. איך האב דערזען, אז דער פויער שלאגט מיין ברודער. איך האב נישט געוווסט וואס צו טון. בין איך געלאפן צוריק צו זיי".

א גוי שלאגט זיין ברודער. ער קאן אים דערשלאגן אויף טויט. איז ער געלאפן אים ראטעווען. ער איז דעמאלט מער נישט געווען דער קליינער העניק, וואס גייט צו זיין מומען אין גארוואלין. ער איז געווען א גרויסער מענטש, וואס גייט ראטעווען זיין ברודער. פקוח נפש!

„ווען איך בין צוגעלאפן נענטער", דערציילט ער, „האב איך דער־זען, אז מיין ברודער ברוך איז זייער איינגעבויגן, און דער גרויסער פויער שטיקט אים. איך האב געטון א כאפ א שטיין און שנעלער געלאפן מיטן שטיין אין האנט".

עס וועט זיין א מלחמה, א גרויסע מלחמה, טויט אדער רויט. קיינער קאן שוין העניקן נישט אפהאלטן.

„איך האב געזען", דערציילט ער, „אז מיין ברודער ברוך בייגט זיך אראנטער און אראנטער. ער זעט שוין אויס ווי א קנוילכל, ווי א פעקל. באלד וועט ער שוין זיין א דערהרגעטער, נאך איין רגע. דעמאלט האב איך מיט אלע כוחות א שליידער געטון דעם שטיין".

ער האָט געטראָפן. עס האָט זיך געהערט א געשריי: „באָזשע", און דער מערדער, וואָס האָט גערופן זיין גאָט צו הילף, איז געפאלן.ביידע ברידער זענען אנטלאָפן, געלאָפן, געמאכט פיס, געלאָפן אין פעלד. „הענעך, לויף! ברוך, לויף!".

צוויי יידישע יינגלעך איבער א גויאישן פעלד. יעדע מינוט קאָן מען זיי אָניאָגן, קאָן מען זיי כאפן. עמיצער האָט געקענט באמערקן פון דער־ווייטן די מלחמה אין פעלד, דוד מיט גליתן, און לויפן נאָך נקמה. אין פעלד ברענט איצט די סכנה, אָבער עפּעס אנדערש איז נישטאָ וואָס צו טון, אחוץ לויפן און לויפן.

„ווען מיר זענען שוין געווען ווייט אנטלאָפן", דערציילט הענעך, „האָב איך געפרעגט ברוכן, צי דער פּויער לעבט. ברוך האָט געענטפערט, אז ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער אונדז נאָכגעיאָגט; האָב איך געזאָגט, אפשר ליגט ער מיט א צעשפּאָלטענעם קאָפּ, האָט ברוך געזאָגט, אז ער וואָלט מיט א צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויך געלאָפן".

ווייט פון יענעם פּלאַץ האָבן זיי באמערקט, אז עמיצער גייט הינטער זיי. עס גייט א פּויער. זיי האָבן זיך דערשראָקן, און „אז מען שרעקט זיך, ציטערן די פיס אזוי, אז מען קאָן זיי גאָרנישט איינהאַלטן". זיי האָבן אָנ־געהויבן גיין גיך. דער פּויער גייט גיך נאָך זיי. דאָס פעלד איז אָפן און ווו זיך אויסצובאהאלטן איז נישטאָ. פארפאלן, דער פּויער האָט זיי אָנגעיאָגט. ערשט זיי האָבן אומזיסט מורא געהאט. „ביי דער שרעק זענען גרויס די אויגן". זעט אויס, אז דער פּויער ווייסט גאָרנישט, וואָס עס איז פארלאָפן אין פעלד. ער ווייסט נישט פון דער מלחמה מיטן שטיין אין האנט. ער האָט נאָר געזען ווי צוויי יינגלעך גייען אין פעלד, האָט ער גע־וואָלט זיי אָניאָגן און גיין מיט זיי צוזאמען, ווייל צוזאמען איז פריילעכער.

„איך האָב זיך גלייך צו אים צוגעקלעפּט", דערציילט הענעך, „עס איז זיכערער צו גיין צוזאמען מיט א פּויער ווי גיין אליין".

גייען זיי צוזאמען, רעדן א פּאָר ווערטער. זעט, אָבער, אויס, אז דער פּויער הייבט אָן עפּעס צו פארדאכטן. פרעגט ער זיי:

—ווּהין גייט איר, יינגלעך?

— קיין גארוואלין.

קוקט זיך איין גוט דער פּויער אין זיי און זאָגט סתם־אזוי־זיך:

ח ע נ ע ד

— אויף דער בריק שטייען דייטשן און זוכן יידן.

— מיר זענען נישט קיין יידן, — ענטפערט הענעך.

דעמאָלט האָט דער פויער זיך פאַרקירעוועט אויף אַן אַנדער וועג און אוועקגייענדיק פון זיי, האָט ער זיי אָנגעזאָגט:

— היט די ביינער!

זיי זענען געגאַנגען צו דער אַטוואָצקער בריק, אין דער ריכטונג, אין וועלכער דער פויער האָט זיי אָנגעוויזן צו גיין.

ביי דער בריק שטייט אַ ביידל. אַ וועכטער איז אַרויסגעקומען פון דאָרטן און געבעטן „פּאַפּירן". קיין פּאַפּירן האָבן זיי נישט געהאַט, „האָט ער אונדז אוועקגעגעבן צו די צוויי זשאַנדאַרן, וואָס זענען אַרויסגעקומען".

די זשאַנדאַרן האָבן אַריינגעפירט ביידע ברידער אין ביידל. הענעך דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„ווי נאָר מען האָט אונדז אַריינגענומען אין ביידל, האָט מען גענומען אונדז שלאָגן. איין זשאַנדאַר איז געווען אינגאַנצן אַ ווילדער. ער האָט געשלאָגן אַזוי ווי נישט קיין מענטש. איך ווייס שוין גוט וואָס שלאָגן איז. פון אָנהייב טוט וויי, זייער וויי. נאָכדעם ווערט זייער הייס. נאָכדעם ווערט מען זייער צעמישט. אָבער נאָכדעם טוט שוין גאָרנישט וויי. מען קאָן שוין שלאָגן און שלאָגן, סיידן מ'ווערט דערהרגעט..."

מען האָט זיי געהאַלטן אין ביידל עטלעכע שעה. שפּעטער איז געקומען אַ דייטשער אָפיציר, „וועלכער איז געווען נאָך ערגער פון דעם ווילדן זשאַנדאַר". ער האָט זיי אָפּגעפירט אין דער דאָרפישער קאָמענדאַנטור. „אין דער קאָמענדאַנטור זענען מיר געווען פיר טעג", דערציילט הענעך. „יעדן טאָג האָט מען אונדז געשלאָגן. צום סוף האָט מען אונדז אויך פאָטאָגראַפירט".

נאָכדעם ווי מ'האָט זיי פאָטאָגראַפירט, האָט מען זיי נישט געהרגעט, נאָר אַרויסגעגעבן אַ צעטל, מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין דער אַטוואָצקער געטאָ. אויפן צעטל זענען געווען צוויי פאָטאָגראַפיעס פון זייערע משונה־דיקע פּנימער און אַ שטעמפּל: „קאָמענדאַנטור דער דייטשער פּאָליציי". מען האָט זיי געהייסן גיין איבער דער בריק אַריין קיין אַטוואָצק.

איצט גייען זיי שוין מיט „פּאַפּירן". ביי דער בריק פאַרלאַנגט דער

זשאנדאר „פּאפּירן". זיי האָבן „פּאַפּירן" מיט אַ גרויסן סטעמפּל: קאָמענ־דאנטור דער דייטשער פּאָליציי. דער זשאנדאר האָט זיי דורכגעלאָזט.

אַז מען גייט אַראָפּ פון בריק, ליגט נישט גלייך אַנטקעגן אַטוואָצק. מען זעט נאָר אַ פעלד. גייען זיי ווייטער. קומט אָן אַ פּאָליאַק זיי אַנטקעגן. פרעגן זיי אים:

— ווי גייט מען קיין אַטוואָצק?

„מיר האָבן גערעדט ריכטיק פּויליש ווי שקצים", דערציילט הענעך, „אָבער מסתמא האָט ער אונדז דערקענט, ווייל ער האָט אונדז אָפּגענאַרט. ער האָט אונדז געזאָגט: „איר וועט גיין גלייך, נאָכדעם לינקס, נאָכדעם אויף רעכטס, וועט איר באַגעגענען די יידעלעך פון אַטוואָצק".

ווי נאָר ער איז אוועק פון זיי, האָט ברוך געזאָגט:

„ער האָט אונדז אָפּגענאַרט, מירן נישט גיין לינקס".

אַז זיי זענען אַריין אין אַטוואָצק „פון דער צווייטער זייט", איז שוין געווען אָוונט. זיי האָבן געזען הייזער מיט ליכטיקע פענסטער. דורך די פענסטער זעט מען יידן. „ווי נאָר מיר האָבן געזען יידן" —דערציילט הענעך— „איז געוואָרן גוט".

אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע זענען זיי צוגעגאַנגען צו אַ טיר און אין איר אָנגעקלאַפּט. אַ ייד האָט געעפנט.

— דאָ איז די אָטוואָצקער געטאָ? — האָט ברוך געפרעגט.

— זעסט דאָך, — האָט הענעך געענטפערט, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויפן יידס ענטפער.

דערציילט ער ווייטער אַזוי:

„דער ייד האָט אונדז אַריינגענומען אין שטוב און געהייסן זיך אוועקזעצן. ער האָט אונדז נישט געפרעגט, צי מיר זענען הונגעריק און אונדז געגעבן וואַרעמע געקעכטס. מיר האָבן געגעסן ווי די וועלף. דער ייד האָט אונדז געפרעגט, צי מיר ווילן נאָך קאַשע, האָבן מיר געזאָגט: „יאָ!" ער האָט אונדז געגעבן, מיר וואָלטן געקאָנט אַראָפּשלינגען אפילו די שיסעלעך. עס איז געוואָרן זייער גוט און אפילו פריילעך".

אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט דער ייד צו זיי געזאָגט:

— איר זענט, קינדערלעך, גוט צעהרגעט.

ה ע נ ע ך

זיי האָבן זיך מיט דעם יידן נישט געשפּאַרט, נישט גערעדט אַנט־קעגן. ער האָט זיי געפרעגט, פון וואַנען זיי גייען, האָבן זיי געזאָגט „פון וואַרשע". ער האָט זיי געפרעגט, וווּהין זיי גייען, האָבן זיי געזאָגט „קיין גאַרוואָלין". ער האָט זיי געפרעגט, נאָך וואָס זיי גייען קיין גאַרוואָלין.

— „מיר האָבן דאָרט א מומע..." — האָט הענעך אויפגעקלערט.

קאפיטל פינף

אַן אַלטע קריאת שמע

נאָך דריי טעג אָטוואָצק האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קלייבן קיין גאַר־וואָלין, צו דער מומע פּעסע. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט גיין צופוס. פון אָטוואָצק קיין גאַרוואָלין גייט א באַן, אביסל זלאָטעס האָבן זיי געהאַט, דאַרף מען קויפן בילעטן און פאָרן. יידן טאָרן נישט קויפן קיין בילעטן, גוייאישע יינגלעך קאָנען אָבער צוגיין צום פענסטערל, וווּ עס זיצט דער קאַ־סיר, און זאָגן גאַנץ איינפאַך: „צוויי בילעטן קיין גאַרוואָלין".

— ווער וועט צוגיין צום פענסטערל? — האָט געפרעגט ברוך.

— איך —האָט געענטפערט הענעך— ווייל מיך נעמט מען אָן פאַר א שייגעץ.

אזוי האָבן זיי געטון. הענעך האָט זיך געשטעלט אין דער לאַנגער רייע פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט קויפן בילעטן.

מען רוקט זיך נענטער און נענטער צום פענסטערל. עס גייט גוט, קיינער דערקענט אים נישט און קיינער שטופּט אים נישט ארויס פון דער רייע. ווען ער איז אָבער שוין געשטאַנען ביים פענסטערל, צו וועלכן ער האָט קוים געגרייכט מיטן קאָפּ, און געזאָגט אויף א ריכטיקן פּויליש: „צוויי בילעטן קיין גאַרוואָלין", האָט דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים און זיך געאיילט צו קריגן זיין בילעט וואָס פריער, געזאָגט צום קאַסיר: „דער קליינער איז א ייד"; דעמאָלט האָט הענעך געוווּסט, אז ער מוז זיך שוין אָפּטראָגן. „נו?" — האָט אים געפרעגט ברוך. „נישטאָ" — האָט ער אים געענטפערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין" און גע־וויזן די ליידיקע הענט.

וואָס טוט מען איצטער? — אויפן וואקזאל זענען געווען א סך

מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף צוגן. מען האָט זיך געקאָנט אַרומ־דרייען צווישן די מענטשן. דאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט גענוג פּוילישע יינגלעך, לאָבוסעס.

„מיר האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט צוויי טעג" — דערציילט הע־נעך — „מיר זענען געווען אין אַ זייער קריטישער לאַגע, ווייל די פּוילישע יינגלעך פלעגן אונדז שלאָגן און כּסדר שרייען: „יודע־זשידזשי".

„פּאַרנאַכט זענען מיר אַוועק צוריק אין אָטוואָצקער געטאָ" — דער־ציילט ער — „כּדי ערגעץ־ווו איבערצונעכטיקן. מיר האָבן אָבער אין געטאָ נישט געהאַט ווו צו שלאָפן. מיר האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט ביז האַלבער נאַכט, ביז מיר האָבן געזען, אַז די גאַס וועט אונדז נישט געבן קיין נאַכט־לעגער".

„די גאַס וועט אונדז נישט געבן קיין נאַכט־לעגער" — דאָס איז אַ שטומער מורמל פון אַ יידישן יינגל אין גאָטס נאַכט אַריין, אין דער וועלטס נאַכט. צוויי יידישע יינגלעך, צוויי יידן־וואַנדערער צווישן שנאה און טויט, זוכן אַ טיר צו עפענען און אַלע טירן זענען פאַרשלאָסן. די יידן אין געטאָ ליגן אין מורא הינטער פאַרשלאָסענע טירן. זיי וועלן ביינאַכט נישט עפע־נען. אויסער דער געטאָ זענען דאָך גויים. די נאַכט איז אַ קאַלטע, דער הימל איז אַן אויסגעשטערנטער — וואָס האָבן אָבער צו טון די יינגלעך מיט די שטערן?

„האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין אין וואַלד" — דערציילט הענעך,— „ווייל אָטוואָצק שטייט דאָך אין וועלדלעך". „צו גיין אין וואַלד אַריין..." — הענעך דערציילט עס אין פיר פּשוטע ווערטער, אָבער ער ווייסט נישט, אַז ער האָט געוואָרפן אַ שטיין אין קאָפּ פון דער וועלט — „צו גיין אין וואַלד אַריין!"

זיי זענען אַריין צווישן געדיכטע קוסטעס. „אין די קוסטעס זאָל זיין וואַרעמער, ווייל עס בלאָזט נישט קיין ווינט". עס איז גוט! קיינער אויסער זיי ביידן איז דאָרט נישטאָ.

„דאָ?", — האָט הענעך געפרעגט שטילערהייט זיין עלטערן ברודער ברוך. ברוך האָט נישט געענטפערט מיט אַ וואָרט. ער האָט זיך נאָר אַראָפּ־געזעצט אויף דער ערד. הענעך האָט אים געפאָלגט און זיך אויך אַראָפּ־געזעצט נעבן זיין ברודער.

עס וואָלט גוט געווען, ווען זיי וואָלטן איבערזיצן די נאכט אין אָט־וואַצקער וועלדל צווישן די קוסטעס, זיי האָבן אָבער נישט געקענט, ווייל די נאכט איז געוואָרן אַלץ קעלטער. די קעלט האָט דורכגענומען די ביינער. „מען קאָן דאָ פארפרוירן ווערן" — האָט געזאָגט דער עלטערער ברודער ברוך.

„דער פראָסט מאכט אין כעס א מענטשן" — דערציילט העניעך. — מיר ביידע האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן, אזוי ווי איך וואָלט געהאט א וואַרעמע שטוב און לאָז אים נישט אריין".

ברוך האָט זיך איינגעשפּארט, מען זאָל גיין צוריק אין אָטוואַצק, ווייל אין וואלד קען מען מער נישט זיצן. ער האָט אָנגעהויבן גיין דער ערשטער און העניעך איז אים נאָכגעגאנגען.

ווען זיי וואָלטן דערקענט דאָס הויז פון יענעם יידן, וואָלטן זיי אָנגעקלאפּט און ער וואָלט זיי געוויס אריינגעלאָזן, אָבער זיי האָבן נישט דערקענט, ווייל „ביינאכט זענען אַלע גאסן און אַלע הייזער גלייך". האָבן זיי זיך געזעצט אויף א בריקל פון א הויז, הינטער א פארמאכטער טיר. זיי האָבן זיך צוגערוקט איינער צום צווייטן, זיך צוגעטוליעט און צום סוף איינגעשלאָפן דער שלאָף איז א גוטער מלאך, ער טוט נישט קיין שלעכטס, ער נעמט ארום, דעקט איין און טראָגט ווייט אוועק.

צוויי קליינע יידעלעך שלאָפן אויף א טרעפּל פון א הויז אין אָט־וואַצקער געטאָ. אליהו הנביא קומט צו זיי נישט, שרה בת־טובים קומט צו זיי נישט. מען לאָזט זיי, מסתמא, אויך נישט דורך די גויאישע גאסן. מען וועט זיי אויך שלאָגן. די צוויי ברידער שלאָפן צוזאמען מיט זייער מזל אויף דער וועלט.

„שטייט אויף, קינדער!" — וועקט זיי עמיצער. — „שטייט אויף!..." זיי האָבן זיך אויפגעכאפּט, געעפנט אין שרעק די אויגן און דערזען, אז א זשאנדאר שטייט איבער זיי, אַן עלטערער, א דינסט־זשאנדאר.

וואָס טוט דער זשאנדאר אין געטאָ אינמיטן דער נאכט? — ער איז אַן אַלטער דייטש, וואָס קאָן נישט גיין אויף דער מלחמה, האלט ער וואך ביינאכט אין געטאָ.

„מיר האָבן זיך אויפגעכאפּט" —דערציילט העניעך— „און דערזען, אז מיר זענען שוין געכאפּטע... נישט געהאט אנדערש וואָס צו טון ווי

זעצן זיך שלאָפן אויף א בריקל אין דער אָפענער גאס! שוין גלייכער געווען צו שלאָפן אין די קוסטעס, אומזיסט געשלעפּט זיך אהערצו".

העניך איז געווען אין דער ערשטער רגע צעטומלט, ער האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך, און ביז ווען־וואָס ברוך רעדט שוין, און רעדט אויף דייטש, ער רעדט ווי א גרויסער מענטש. ער זאָגט צום דייטש אזוי:

„מיר זענען צוויי ברידער און מיר האָבן נישט ווו צו שלאָפן. ווינשען זי, העד אָפיציר, טויט־שלאָגען, טוען זי עס..."

— שטייט אויף און גייט מיט מיר!... — האָט דער דייטש געזאָגט.

אז דער דייטש הייסט זיי גיין, גייען זיי נאָך אים. זיי זענען געגאנגען, געגאנגען, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר א הויז און ער האָט זיי געהייסן וואַרטן. ער האָט געקלאַפּט שטארק אין טיר פון הויז:

— עפנט, עפנט, צוויי קינדער האָבע איך היער...

די טיר האָט זיך געעפנט. זיי דערקענען א יידן אין טיר. דער דייטש האָט אריינגעשטופּט די צוויי יינגלעך אין טיר און געזאָגט צו דעם יידן, וואָס איז דאָרט געשטאַנען:

— „נעמט זיי... נעמט זיי אריין..."

דער דייטש איז אוועק. די צוויי ברידער זענען געבליבן אין הויז. דאָס הויז איז געווען פון דער יידישער גמינע פון אָטוואָצק. דאָרטן זענען געלעגן א סך יידן און געשלאָפן. עס זענען געלעגן יידן אויף דער ערד, אויף בענק, אויף טישן. עס איז געווען וואַרעם און עס האָט זיך געהערט פון אלע זייטן א כראָפּען. די וואַרעמקייט האָט ארומגענומען דעם גאַנצן קערפּער, האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין איבער אלע אברים. די שרעק האָט אָנגעהויבן צעגיין, ווי עס צעגייט שניי. עס ווערט גרינגער, לייכטער. דאָס כראָפּען פון די יידן איז גוט צו הערן.

עס איז גוט, זייער גוט. א יידענע האָט זיי צוגעטראָגן הייסע וואַסער, א שטיקל ברויט. זי האָט זיי געהייסן געפינען א ווינקל און זיך לייגן שלאָפן.

„מיר האָבן אָפּגעגעסן" —דערציילט העניך— „און נאָכדעם זיך אוועקגעלייגט". די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. אלץ האָט אין דער רגע אויסגעזען וווּנדערלעך. עס האָבן זיך צונויפגעמישט דער וואקזאל, דאָס פענסטערל פון קאַסיר, די יינגלעך־לאָבוסעס, די געטאָ, דער וואלד, די קוסטעס,

די נאכט, די שטערן, דאָס בריקל מיט די דריי טרעפּלעך, דאָס פולע הויז מיט די שלאָפנדיקע יידן. דאָס ווייבל מיט דעם הייסן וואסער און ברויט.

„ווייסט וואָס?...״ —זאָגט הענעך צו ברוכן, איידער ער שלאָפט איין— „דאָס איז געווען א פארשטעלטער דייטש״.

— דריי נישט קיין קאָפּ.

— און איך זאָג דיר א פארשטעלטער —זאָגט הענעך. — עס קאָן נישט זיין, אז א דייטש, א זשאַנדאר...

ער האָט נישט באוויזן צו ענדיקן, ווייל ער איז איינגעשלאָפן. זיי זענען באלד געשלאָפן צוזאמען מיט אלע יידן. אָן אלטע, אָן א קול, גע־זאָגטע „קריאת שמע״ האָט צוגעדעקט די צוויי יינגלעך:

„אל מלך נאמן שמע ישראל...״

קאפיטל זעקס

אן אורח אויף שבת

די צוויי ברידער, הענעך און ברוך, זענען אינדערפרי נישט אוועק פון דער אַטוואָצקער אכסניה. א גאַנצן טאָג זענען זיי געשלאָפן אויף דער ערד, און אויף איבערמאָרגן איז געווען שבת.

„שבת אינדערפרי האָבן זיך אלע „אַנגעלאָפענע יידן" געשטעלט דאַווענען, אנדערע האָבן געהאַט טליתים. א ייד מיט א שווארצער באָרד האָט אונדז ביידן געשטעלט דאַווענען נעבן אים — ברוכן פון איין זייט און מיך פון דער צווייטער זייט", — דערציילט הענעך.

דער חזן איז געווען א קליינער יידל מיט א גרויסער רויטער באָרד. זיין טלית האָט זיך געשלעפּט אויף דער ערד. ער האָט זיך געשאָקלט זייער שטאַרק, זיך געוואָרפן אהין און צוריק. „מען האָט געזען ווי די זילבער, וואָס ארום דעם טלית, ווארפט זיך צו דער וואנט און צוריק פון דער וואנט". ער האָט געדאַוונט שטיל, נאָר פון מאָל צו מאָל פלעגט ער ארויס־שרייען א פּאָר ווערטער מיט א שטאַרקן קול:

— „כי לעולם חסדו".

די יידן פלעגן א כאַפּ טון דאָס גרויסע וואָרט פון קליינעם חזן אין לאַנגן טלית און מיט אים שרייען צוזאַמען:

— „חסדו".

חוץ דעם חזן איז געווען נאָך א ייד, וואָס איז געווען אזוי ווי א חזן. מער נישט, דער חזן פלעגט שרייען אויף לשון־קודש און דער אנדער ייד פלעגט שרייען אויף יידיש:

— „טאַטע הייליקער, טאַטע זיסער, מיר זאָלן נישט פארשעמט ווערן. העלף אונדז, האָב רחמנות!..."

הערן זיך איין די יידן און זיי לאָזן אים שרייען אויף יידיש. אז ער ווערט שטיל, דאווענען אַלע ווייטער אויף לשון־קודש און דער קליינער חזן שאָקלט זיך און שאָקלט זיך, אז אָט־אָט פאַלט פון אים אראָפּ דער טלית.

אזוי דאווענט מען און מען דאווענט, ביז מען הערט עמיצער וויינט מיט א מאָדנער שטימע, פּאַטשט אַ ייד איבערן סידור און שרייט:

—נו, נו, שבת אסור... אסור...

הערט דער ייד אויף צו וויינען און אַלע דאַווענען ווייטער. „איינער א ייד" —דערציילט הענעך— „האָט געהאט א זייער גרויסע און זייער שווארצע באָרד. מען האָט גוט ארויסגעזען זיין באָרד, ער האָט זיך גע־וואָרפן אהין און צוריק און מען האָט געזען ווי זיין באָרד לויפט אהין און צוריק. איך האָב זיך איינגעהאלטן נישט ארויסצופּלאַצן מיט א גע־לעכטער".

אַן אַנדער ייד, אַ נידעריקער, א קליינינקער, האָט געהאט א ווייס און לאַנג בערדל. ער איז געשטאַנען שטיל, שוויינגנדיק, גלייך, און גע־דאַוונט מאַכנדיק שטיל מיט די ליפּן. ער האָט געהאלטן לאַנג צוגעמאַכט די אויגן און געציטערט, געציטערט מיט די ליפּן. אינמיטן נאָר האָט ער אָן עפן געטוןביידע אויגן און א זאָג געטון:

— „אלוהינו..."

און באלד ווייטער זיי צוגעמאַכט און שטיל געדאַוונט מיט טרייס־לענדיקע ליפּן. זיין ווייס בערדל איז אראָפּגעהאנגען פון זיין פּנים, ווי א פּאַרטעכל, א פּרוכתל.

מען האָט ארויסגענומען א ספר־תורה פון א שאַפקע, זי אוועקגע־לייגט אויפן טיש. א פּאָר יידן האָבן זיך ארומגעדרייט ארום איר, זי אויס־געטון און אָנגעטון, געוויקלט.

אז מען האָט אָפּגעדאַוונט, האָט מען איינעם א יידן מיט א פלאַקסן בערדל געגעבן „שלום". ער איז געווען אַן אורח, געקומען אום שבת. ער האָט געהאט גרויסע, ארויסגעשטאַרצטע, בולבעדיקע אויגן. הענעך האָט גוט געזען, ווי ביי דעם אורח טרייסלען זיך אליין די הענט. דער ייד קאָן נישט אָפּשטעלן זייער טרייסלען. זיי טרייסלען זיך גיך־גיך, אָן אַן אויפהער.

„פרעגט נישט, פרעגט גאָרנישט..." —האָט דער אורח גערעדט—

ה ע נ ע ד

„זיי גייען אונדז שעכטן. אין כעלמינער וועלדל האָבן זיי אויסגעשאָכטן אפשר טויזנט יידן".

ער דערציילט, אז ער האָט געהאלטן זיין איינן קינד אויף די הענט און נישט געוווּסט, אז עס איז שוין א דערשאָסנס. ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט, אז די דייטשן האָבן דאָס געטון צו זיין קינד. ער איז לאנג געלאָפן מיטן דערשאָסענעם קינד אויף די הענט, ביז עס איז ארויסגעפאלן א טויטס.

דער ייד דער אורח האָט דעמאָלט אָנגעהויבן ציטערן אינגאנצן. זיינע אויגן האָבן געשיקלט. זעט אויס, אז ער איז נישט געווען ביים זינען, ווייל ער האָט גאָר אָנגעהויבן שעפּטשען ווי א משוגענער:

— „ס'ברענט, יידן!... ס'ברענט..."

שטופּן זיך צונויף די יידן ארום אים און ער דערציילט נאָך שטילער, אז דער טייך וואַרטע ברענט, ווייבער ווארפן זיך מיט זייערע קינדער אין וואסער אריין. ער אליין איז געשווומען אין וואסער מיט א קינד אויף דער פּלייצע.

„גענוג, ר' ייד, זייט נישט מחלל שבת... עס איז אן עבירה..." — האָט אים איבערגעריסן אינמיטן שעפּטשען דער ייד מיטן ווייסן בערדל.

„נאָך דער מעשה, אויף מאָרגן" —דערציילט הענעך— „האָבן מיר ביידע אָפּגערעדט, אז גלייך זונטיק פרי גייען מיר ווידער צום וואָקזאל, אפשר וועט מען אונדז פארקויפן בילעטן, ווייל אין אָטוואָצק טאָר מען נישט בלייבן. עס איז געפאלן אויף אלעמען א שרעק, און אויף אונדז אויך".

„עס איז געפאלן אויף אלעמען א שרעק, אויף אונדז אויך..." — אן אלטע, אן אור־אלטע שרעק, וואָס א וועלט ווארפט אויף יידישע קינדער. „זונטיק פרי גייען מיר ווידער..." — עס איז אן אלטער, אן אור־אלטער יידישער גאנג איבער וועגן, איבער לענדער, איבער דער געשיכטע. „אפשר וועט מען אונדז פארקויפן בילעטן..." — אן אלטע, אן אור־אלטע האָפענונג: אפשר, אפשר וועט מען געפינען א שפּארונע?...

קאפיטל זיבן

א פייער וויגט זיך אין דערוויטנס

„נאָכדעם האָבן מיר זיך ארומגעדרייט דריי טעג איבערן וואָקזאַל" —דערציילט הענעך— „און אַלץ נישט געקאָנט קויפן קיין בילעטן. אין די קריטישע באַדינגונגען האָבן מיר געזען, אז קיין גארוואָלין וועלן מיר נישט אָנקומען, אויב מיר וועלן ווארטן אויף בילעטן".

זיי גייען אָבער צו דער מומע פעסע און מוזן אָנקומען אין גארוואָ־לין. קאָן מען נישט קריגן א בילעט, וועלן זיי פאָרן אָן בילעטן. מען דאַרף זיך נאָר ארויפכאַפּן, ארײַנשטופּן זיך אין א וואַגאָן דעמאָלט, ווען אלע וואַרפן זיך צו די וואַגאָנען. זאָל מען נאָר אָנהייבן פאָרן, וועט מען שוין דערפאָרן, — אזוי האָבן זיי געמיינט.

זיי האָבן אזוי געטון; פיר מאָל האָבן זיי זיך געוואָרפן צו די צוגן, וואָס זענען אָנגעקומען, זיך געשטופּט צוזאַמען מיט נאָך א סך מענטשן, גויים. זיי האָבן זיך צונויפגעמישט מיט זיי. אָבער גרויסע גויים האָבן מער כוח זיך צו שטופּן, ווי צוויי יידישע יינגלעך. אָט־אָט איז מען שוין אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן, נאָך א מינוט וועט מען זיין אינעווייניק. פּלוצ־לינג טוט עמיצער א כאַפּ פארן קאָלנער און שליידערט אוועק. אין דער רגע גייט אוועק דער צוג. „בלייבן מיר אויפן פּעראָן פון וואָקזאַל" —דער־ציילט הענעך— „און מיר קאָנען נישט ארײַן צוריק אינעווייניק אין וואָק־זאַל, ווייל אַז מען וויל ארײַנקומען אינעווייניק, דורך דער טיר פון פּעראָן, מוז מען ווייזן א בילעט, מיט וועלכן מען איז געפאָרן אָדער מען פאָרט ווייטער, און מיר האָבן נישט וואָס צו ווייזן".

וואָס זאָלן זיי איצטער טון?

אויפן פּעראָן קאָן מען זיך נישט ארומדרייען, מען קאָן גיך ארײַנ־

פאַלן, און קאַלט איז אויך. דערצו נאָך דרייט זיך דאָרטן ארום א דייטשער באַן־ארבעטער, וואָס זאָגט, אז ער וועט זיי באלד דערהרגענען. „זענען מיר גיך אריבער די רעלסן" —דערציילט הענעך— „און אריינגעקומען אין דער ארישער טייל פון אָטוואָצק, און זענען דאָרט געווען ביז דער פּאָליציי־שעה".

די פּאָליציי־שעה איז אַן אומגליק. „אז מען וועט דיך פּאַקן נאָך דער פּאָליציי־שעה אויף דער גאַס, וועט מען דיך לאָזן בעטן און דיך צונעמען. וועט מען דיך צונעמען, ביסטו פארפאלן". ערגעץ גיין מוזן זיי דאָך, זענען זיי צוריק אוועק צום וואקזאל, „טאָמער קומט פאָרט אונטער א באַן, אויף וועלכן מען קען זיך ארויפכאַפּן".

די צוויי ברידער, די צוויי קליינע יידעלעך, טרויען זיך אָן דעם יידישן מזל.

פיר אזייגער אין דער נאַכט איז טאַקע אָנגעפאָרן א צוג. שפּארן זיך, שטופּן זיך מענטשן, שטויסט מען זיך, שילט מען זיך. הענעך און ברוך שטופּן זיך צווישן די מענטשן מיט אַלע זייערע כוחות, מיט זייערע לעצטע כוחות. זיי מוזן דאָס מאָל ארויף, ווייל מער קיין כוח איז שוין נישטאָ! „לעצטע קיעלע, גיב מילך..." — באמערקט הענעך.

עס האָט זיך זיי איינגעגעבן, זיי זענען טאַקע ארויף, אָבער נאָר אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן. דער צוג רירט זיך, ער גייט שוין, ער לויפט, ער פאָרט שנעל, און זיי זענען אויף דער באַן!

זיי איז געלונגען. זיי זענען אויף די טרעפּלעך. דאָרט אויף די טרעפּ־לעך איז פינסטער, קיינער זעט זיי נישט. נאָך אביסל, נאָך אביסל און מען וועט דערפאָרן ביז גאַרוואָלין.

ערשט עמיצער דרייט זיך, שטופּט זיך צווישן די וואַגאָנען. ער טוט א צינד אָן אַן עלעקטריש לעמפּל און דאָס ליכט פאַלט אויף זיי ביידע, עס האָט א לייכט געטון זיי אין די אויגן, און אין דער סעקונדע האָבן זיי דערהערט דאָס וואָרט:

„זשידקי..."

און יענער שלעפּט זיי ביידע אין וואַגאָן אריין. ער וויל זיי גוט זען. ער וויל וויזן די מענטשן אין וואַגאָן, ווי אזוי די צוויי קליינע יידעלעך

האָבן זיך אָן עצה געגעבן צו פאָרן מיט דער באַן. אין וואַגאָן וועט זיין פריילעך.

ער האָט זיי אריינגעשטופּט אין וואַגאָן און געשריען מיט חוזק: „זשידקי... זשידקי...” — עס איז געוואָרן אין וואַגאָן א גערודער, אלע האָבן זיי ארומגערינגלט. מען האָט געקוקט זיי אין פּנים. אנדערע האָבן געשריען, מען זאָל זיי שוין ארויסוואַרפן פון וואַגאָן, ווייל עס קען נאָך זיין פון דעם א צרה. „זיי האָבן אונדז געשטופּט, געשטויסן, געוואָרפן פון איינעם צום צווייטן, און געשריען, אז מען זאָל אונדז נאָר ארויסוואַרפן” — דערציילט הענעך.

די סצענע אין וואַגאָן איז גרויס, ווי דאָס אומגליק פון יידישן פאָלק. צוויי ברידערלעך אין א וואַגאָן צווישן צעווילדעוועטע מענטשן. צוויי קליינע יידעלעך, וואָס יעדע מינוט קען מען זיי ארויסוואַרפן פון לויפנדיקן צוג. קוקן זיי זיך אָן איינער דעם אנדערן —הענעך קוקט אויף ברוכן, ברוך קוקט אויף הענעכן — אָט די פיר יידישע אויגן פון די צוויי קליינע יידן האָבן געזען בשעת מעשה דאָס אומגליק פון דער וועלט.

דערווייל האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. עס איז נאָך נישט גאַר־וואַלין, עס איז די סטאַציע צעלעסטינאַוו. א סך מענטשן זענען אראָפּגע־גאַנגען אויף דער סטאַציע. אויפן קליינעם וואקזאַל זענען געשטאַנען אוקראַאינער. הענעך האָט אליין געזען, ווי די מענטשן, וואָס זענען אראָפּ פון צוג, זאָגן עפּעס צו די אוקראַאינער און ווייזן אָן מיט די הענט אויפן וואַגאָן.

אין דער זעלבער רגע רירט זיך דער צוג. זיי זענען אָבער פון די אוקראַאינער נישט פּטור געוואָרן. איינער פון זיי האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף א לעצטן וואַגאָן, ווען דער צוג איז שוין געגאַנגען.

דער אוקראַאינער גייט איבער די וואַגאָנען זוכן די יידן. „מיר הערן און דערשמעקן, אז מען זוכט שוין אונדזער וואַגאָן”.

„ברוך, וואָס טוט מען?”

ווען מען אריינפאַלן אין די הענט פון דעם אוקראַאינער, איז אלץ געענדיקט. איצט גייט שוין דער טויט אין שווערע שטיוול און ציט אויס גרויסע לאַפּעס.

דאָס לעבן הענגט אויף א האָר. וואָס טוט מען? — מען מוז זיך

שוין באשליסן. „מיר זענען אראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן און אנטלאָפן" —דערציילט העניך זייער קורץ— „אזוי ווי פּאַראַשוטיסטן".

ווי שפּרינגט מען דאָס פון א לויפנדיקן צוג און מען ווערט נישט דערהרגעט, מען צעקלאַפּט זיך אפילו נישט?

ווי שפּרינגט מען דאָס אין דער פינסטער אריין און מען האָט נישט מורא?

ווי נעמט מען דאָס די גבורה?

דאָס זענען נסים, וואָס קיינער קען נישט זאָגן ווי אזוי זיי פּאַרלויפן. עס איז אָבער אזוי געשען — זיי זענען ארויסגעשפּרונגען, זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט און גלייך געלאָפן, געלאָפן, כאָטש לויפן האָבן זיי נישט גע־קענט, ווייל זיי זענען געווען —ווי העניך האָט געזאָגט— „אָן כוחות". אזוי, „אָן כוחות", זענען זיי ביידע דאָך געלאָפן. זיי זאָלן זיך נאָר נישט פּאַרלירן אין דער פינסטער. „עס האָט זיך אונדז אַלץ געדוכט, אז מען יאָגט אונדז נאָך, אָבער צום גליק האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס זענען געווען ביימער". פריער האָבן זיי געמיינט, אז דאָס זענען מענטשן, וואָס יאָגן זיך נאָך זיי, זענען זיי געלאָפן. נאָכדעם האָבן זיי דערזען, אז דאָס זענען גאָר ביימער, האָבן זיי זיך מער נישט געשראָקן און זיך אָפּגעשטעלט אָפּצורוען, כאַפּן דעם אָטעם. זיי זענען אָבער לאַנג נישט געשטאַנען. „דאָרט גייען זיי נאָך אונדז" — האָט ברוך א וויץ געטון און זיי האָבן אָנגעהויבן ווייטער לויפן „אָן כוחות". זיי לויפן און לויפן. „צוליב דעם, וואָס עס איז געווען פינסטער" —דערציילט העניך— „האָבן מיר ווידער געמיינט, אז די ביימער זענען אוקראַינער. דערשראָקענע האָבן מיר זיך אריינגעוואָרפן אין א גרוב".

בלייבן זיי שוין שטיין אין גרוב. אין גרוב איז טאַקע פייכט, בלאָ־טיק, אָבער עס איז גלייכער זיך אוועקצולייגן איידער שטיין, ווייל אז מען שטייט, זעט מען ארויס דעם קאָפּ. „מיר זענען געלעגן אין גרוב לאַנג און אונדז האָט זיך אַלץ געדוכט, אז די אוקראַינער קומען צו אונדז נענטער. אונדז האָט זיך אפילו געדוכט, אז מיר הערן זייערע שטימעס". ביז עס איז געוואָרן זייער שטיל, מען הערט נישט קיין טריט, קיינער קומט נישט; ליגן זיי אין גרוב, וואָס איז אין פרעמדן, פינסטערן אימהדיקן פעלד. דער גרוב איז נישט געווען קיין טיפער, מען קען זיך אביסל אונטערהייבן און

זען וואָס עס טוט זיך אַרום און אַרום. עס איז אָבער בלויז פֿינסטער און פֿינסטער און מען זעט גאָרנישט, ביז אינמיטן דערינען מערקט הענעך, אַז עפּעס ליכט אַרויפֿצו, ווייט־ווייט. עס ליכט נישט אויף איין אָרט, נאָר עס קומט צו נענטער, נענטער, און עס באַוועגט זיך, שאָקלט זיך.

— זעסט דאָרט?... — האָט ער געפֿרעגט ברוכן אין דער שטיל און אויף פּויליש.

ברוך האָט אויך אַ קוק געטון און געענטפֿערט:

— יאָ, איך זע, עס ליכט...

וואָס זאָל דאָס ליכטן אין דער פֿינסטער?

קאפיטל אכט

פול מיט יסורים און מיט וווּנדער

הענעך און זיין ברודער ברוך זענען געלעגן אין גרוב, נאָכדעם ווי זיי זענען אראָפּגעשפּרונגען פון צוג און געקוקט אויף דער ליכט וואָס האָט זיך באוויזן אין דערווייטנס.

הענעך דערציילט, אז דאָס ליכט האָט זיך צו זיי אלץ מער דערנענטערט, ביז זיי האָבן שוין גוט געהערט דעם גערויש פון רעדער, ביז זיי האָבן געזען א פור, פון פאָרנט, ביים פערד, הענגט א לאמטערנע. זיי זענען געשטאנען און ארויסגעקוקט. „מען דריקט זיך אוים געוועגלעך, אז עס קלאפּט דאָס הארץ".

ברוך האָט געזאָגט, אז דאָס פאָרט געווים א „וואשאוויניק" און א „וואשאוויניק" איז דער, וואָס „וואשט" דורך (גנבעט דורך) שפּייז פון דאָרף אין שטאָט אריין. די ברידער זענען ארויסגעקראָכן פון גרוב און ארויסגעקומען צום וועג.

הענעך האָט געזאָגט דער ערשטער „דאָברי וועטשער" און ברוך האָט געפרעגט, צי די שוואבן זענען דאָרטן ארויף־צו פאראן.

— „זיי שלאָפן און כאָליען" —האָט געזאָגט דער „וואשאוויניק"— „יידעלעך דערזעען זיי און ראמען זיי אוועק. נעכטן האָבן זיי דאָ אוועקגעלייגט פופצן".

אָפּגעזאָגט און אוועקגעפאָרן. „ביי אונדז איז געבליבן, אז מיר זאָלן גיין". גייען זיי מיטן וועג. ברוך זאָגט הענעכן, ער זאָל אריינטון די האנט ביי אים, ביי ברוכן, אין קעשענע און נעמען א שטיקל ברויט. הענעך טוט דאָס. גייען זיי ביידע אין דער טונקל און קייען ברויט פון קעשענע. זיי זענען געווען מיטן עסן שטארק פארנומען. עס האָט שוין אָנגעהויבן גרויען

אויף טאָג, און אין דער רגע איז אונטערגעקומען דאָס נייע אומגליק. „דער שלים־מזל האָט זיך צו אונדז כסדר געטשעפּעט". זיי זעען א פור מיט זשאַנדאַרן. דאָס לעבן הענגט ווידער אויף א האָר.

„מיר דערשרעקן זיך טאַקע זייער שטאַרק" —דערציילט הענעך— „אָבער מיר מאַכן זיך תּמעוואַטע. איך גיי מיר און פייף, און פייף, ווייל איך קאָן פייפן ווי אַן אמתער שייגעץ פון דאָרף".

דאָס פייפן האָט טאַקע ארויסגעהאָלפן. די זשאַנדאַרן זענען אוועק־געפאָרן און נישט פארהאַלטן די צוויי יינגלעך. „איך האָב זיי, די זשאַנ־דאַרן, אוועקגעפייפט" — דערציילט ער.

אויסגעמיטן די געפאַר, גייט זיך ווייטער בעסער. איצט קומט זיי אוים צו גיין פּאַזע באַן־רעלסן. זיי האָבן געמאַכט גרויסע שפּרייזן איבער די רעלסן. זיי זענען געשפּרונגען איבער די קלעצער, וואָס ליגן צווישן די שטאָלענע רעלסן. מען איז פארנומען מיטן שפּרינגען און ציילן און מען פארגעסט אז מען גייט.

ערשט זיי זענען נישט אויף די רעלסן אליין. עס איז אונטערגעקומען א פויער. ער גייט אויך מיט די רעלסן און גייענדיק קלאַפּט ער מיטן שטעקן און עס קלינגט הויך אָפּ. זיי גייען צוזאמען, די יינגלעך פאָראויס און דער פויער הינטער זיי.

— „דו פּרוּווסט אוים, צי עס איז גוטער שטאָל?" — פרעגט אים הענעך, ווען ער הערט, אז דער פויער קלאַפּט כסדר מיט זיין שטעקן איבער די רעלסן.

— „זשידקעס?"... — פרעגט דער פויער אנשטאָט אַן ענטפער ווענן שטאָל — „מען האָט דאָ אין פּילאַווע —ווייזט ער אָן ארויף־צו מיט זיין שטעקן— „געבראכט א סך יידעלעך פון גאַרוואָלין און צעשאָסן..."

— פון גאַרוואָלין? — פרעגט הענעך.

— הערסט דאָך וואָס מען רעדט...

ביידע ברידער האָבן זיך אָפּגעשטעלט א רגע, געקוקט איינער אויפן צווייטן. דאָס וואָרט „פון גאַרוואָלין" האָט פארגליווערט די פּיס. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט בלייבן שטיין און זענען ווייטער געגאַנגען. דער פויער איז צוגעקומען צו א טייכל און איז אוועק מיטן וועג פּאַזע דעם טייכל.

זיי זענען אזוי דערגאַנגען ביזן פּילאַווער וואָקזאַל און גראָד איז אָנ־

געקומען א צוג, וואָס איז געגאַנגען צו דער רעכטער זייט — דאָס מיינט קיין גאַרוואָלין. „מיר האָבן זיךביידע איבערגעקוקט" —דערציילט העַנעך— „און זענען אין איין סעקונדע אַרויפגעשפּרונגען אויפן צוג".

— „איידער גיין צופוס, לאָמיר בעסער פאָרן מיט דער באַן".

דער צוג האָט זיך גערירט, ער לויפט שוין שנעל. די רעדער קלאַפּן און צוזאַמען מיט זיי קלאַפּן אַלע אברים. מענטשן זענען דאָ אין וואַגאָן און זיי טשעפּען זיי גאָרנישט. עס איז גאָרנישט געווען גענוג צייט זיך אַרומצוקוקן און דער צוג האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט און יעדער איינער זאָגט: „סטאַציע גאַרוואָלין".

ענדלעך איז מען געקומען צום ציל!

פון וואָקזאַל דאַרף מען גיין פיר קילאָמעטער ביזן שטעטל. זיי זענען געגאַנגען. אַלץ איז אָבער געווען אַזוי פאַרברענט און צעשטערט, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט טרעפן די שטאָט אַריינצוקומען אין איר. ווו איז גאַרוואָלין? ווו איז די מומע? — אַז אַלץ איז פאַרברענט און צעשטערט.

„אונדז האָט אָבער אָפּגעגליקט" — דערציילט העַנעך. — „גראָד קומט אונדז אַנטקעגן א פּויער, וואָס פלעגט אַריינקומען צו אונדזער מומען. זאָגט ער אונדז, אַז די מומע מיטן פעטער, מיט אַנדערע יידן זענען אַנטלאָפן אין פּאַריסעוו.

„אויסגעגאַנגען א וועלט, טעג און נעכט, דורך פעלדער און וועלדער, איצט שטייען זיי ביי א פאַרברענטער גאַרוואָלין, און דער פעטער מיט דער מומע זענען גאָר אַנטלאָפן אין פּאַריסעוו. פאָלג מיך א גאַנג נאָך פּאַריסעוו. „פריער האָבן מיר געהאַט א שטאָט גאַרוואָלין, איצט האָבן מיר א שטאָט פּאַריסעוו.

זיי האָבן אונטערגענומען די נייע וואַנדערונג מיט א שווער געמיט. זיי האָבן אָבער קיין ברירה נישט געהאַט, מען מוז גיין זוכן די מומע פּעסע אין פּאַריסעוו. אַז זי איז אַנטלאָפן, לעבט זי דאָך.

און אַז עס הייבט אָן גיין מיט דער פּוטער אַרויף, אַז עס הייבט אָן גליקן, גליקט עס שוין ווייטער. זיי נייען מיטן וועג און א פּויער איז מסכים זיי אַרויפצונעמען אויף זיין וואָגן. „וווּהין?" — פרעגט ער זיי. —„צו אונדזער מומען אין פּאַריסעוו" — ענטפערט קלינגענדיק העַנעך. „ביסט א פריילעכער יינגל" —זאָגט דער פּויער— „קום אַרויף אויפן וואָגן".

„יענער אויך..." — זאָגט הענעך און ווייזט אָן אויף ברוכן. „ער איז מיין ברודער, מיר גייען צוזאַמען".

— „מיין כאַטע שטייט אויפן מיטן וועג..." — גיט זיי דער פויער צו פאַרשטיין, ווען זיי זענען שוין געזעסן אין וואָגן.

דער פויער שמייסט זיין פערדל, די פור פאָרט גאַנץ גיך, דער פויער זאָגט עפּעס אַזוי ווי צו די פערדלעך, אַזוי ווי צו זיך:

— מיין אַלטע זאָל נאָר אַריינלאָזן.

די צוויי ברידער פאַרשטייען אים אפילו פון די קורצע ווערטער. דערווייל פאַרקירעוועט זיך דער פויער אָן א זייט, פאָרט אַרויף אויף א דאָרפישן וועגל. דער וואָגן טראַסקעט, הוידעט זיך, וויגט זיך אַרויף און אַראָפּ. ער פאָרט־צו צו זיין הויז, וואָס שטייט אין פעלד.

די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט. „וואַרט א ווײַלע" — האָט דער פויער צו זיי געזאָגט, צוגעבונדן דאָס פערד צו א פלאָקן, וואָס האָט דאָרט גע־שטעקט פעסט, און אַליין אַריין אין שטוב.

דערווייל האָט מען געקאָנט, ליגנדיק אין וואָגן, זיך אַרומקוקן. אויפן הויף איז א ברונעם. הינדלעך לויפן אַרום, עס ליגן ברעטער און קלעצער, אָפּגערוקט שטייט דער שייער.

— וואָלסט וועלן ווערן זיין יינגל? — פרעגט סתם־אַזוי־זיך הענעך זיין ברודער ברוך.

ברוך ענטפערט אים נישט. ער ליגט און וואַרט. הענעך וואַרט אויך. מען דאַרף נישט פאַר זיי צעקייען די מעשה, זיי פאַרשטייען, אַז דער פויער רעדט עפּעס אַריין אין זיין ווייב. מסתמא איז זי א שלעכטע און וויל נישט.

ביז דער פויער איז אַרויסגעקומען פון זיין טיר און א ווינק געטון צו די צוויי ברידער, זיי זאָלן אַריינקומען. זיי האָבן זיך באַלד געלאָזט צו אים. ווען דער פויער איז מיט זיי אַריין אין שטוב, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב:

— צוויי הונגעריקע גאָטס באַשעפענישן, גיב זיי עפּעס עסן, יאַדוויגאַ.

זי האָט געברומט און גערעדט בייז גייענדיק צום שפּייז־קעמערל:

— זוכסט צרות אויף דיין קאָפּ, נאָך דאָס פעלט דיר, צעדרייטער מענטש...

זי האָט זיי דאָך געגעבן ברויט מיט זויער־מילך. „מיר האָבן געשלונ־

נען ווי חיות" — דערציילט הענעך. ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געזען קיין חיה, אָבער קיין אנדער וואָרט האָט ער נישט געפונען.

די כאַטע איז געווען אַן איינגעבויגענע און אַ טונקעלע. די פּאָדלאָגע איז געווען אַ שוואַרץ־ברודיקע. קריסטלעכע בילדער זענען געהאנגען אויף די ווענט. „אין ווינקל האָט געברענט אַ פּייערל אַנטקעגן זייער גאָט". די צוויי ברידער זענען געשטאַנען צוגערוקט איינער צום צווייטן און געגעסן דאָס ברויט און הויך געזופּט, געזשליאָקעט די זויער־מילך.

— איר זענט טאַקע ברידער? — האָט זיי דער פּויער געפרעגט, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט ווי עס עסן געשמאַק די צוויי ברואימלעך.

זיי האָבן ביידע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— און ווו זענען טאַטע־מאַמע?

ברוך ענטפערט נישט און הענעך מאַכט מיט די הענט אַזוי ווי איינער זאָגט: „איך ווייס נישט".

— ווּהין לאָזט איר זיך? — פרעגט ער זיי ווייטער.

— קיין פּאַריסעוו, — זאָגט הענעך.

דער פּויער איז אַרויס פון כאַטע און זיי געלאָזט דאָרט אליין. די אַלטע האָט געברומט, געוואָרטשעט אין קיכל. באַלד איז דער פּויער צוריק אַריינגעקומען, זיך געוויישט די וואָנסעס, געקוקט דורכן פענסטערל, און געזאָגט איינצלנע ווערטער:

— איר וועט זיך מוזן אָפּטראָגן, קינדער... איר זאָלט גיין גלייך מיט אָט דעם וועג, וועט איר דערגיין ביז פּאַריסעוו...

ער האָט זיי אָנגעוויזן דעם וועג דורכן פענסטער. פאַר אים איז דאָס זייער איינפאַך — ער קען די פעלדער, די וועגן, דאָס וועלדל, וואָס שטייט אַן אַ זייט. פאַר אים איז פּאַריסעוו מיט דער האנט צו דערלאַנגען. פאַר זיי אָבער איז אַלץ דאָ פרעמד, בייז, האַרט. ווען מען וואָלט כאָטש קאָנען דאָ איבערנעכטיקן, אָבער דאָס וואָרטשען פון דער אַלטער טרייבט זיי אַרויס. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן. זי האָט געעפנט די טיר און געזאָגט צו זיי:

— צייט צו גיין...

גיי, הענעך! גיי ברוך! גיי, זוך די מומע פעסע אין פּאַריסעוו. „ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען שווייגנדיקע אַ שטיק וועג, האָבן מיר דערזען, אַז

דער וועג צעטיילט זיך אויף צווייען. איין וועג פירט רעכטס, א צווייטער וועג פירט לינקס. אויף א ברעטל איז אָנגעשריבן, אז דער לינקער וועג גייט קיין קאמיאנקע און דער רעכטער וועג גייט קיין פאריסעוו. זענען מיר אוועק רעכטס".

דער רעכטער וועג גייט פארביי א דאָרף. אז זיי זענען געקומען צום אָנהייב דאָרף, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. ברוך זאָגט, אז מען דאַרף דאָס דאָרף אויסמיידן. הענעך זאָגט, אז מען דארף דורכגיין דאָס דאָרף ווי שקצים. זיי זענען נישט די ערשטע יידן, וואָס שטייען אזוי אין אָנהייב פון א דאָרף און קוקן ארויף־צו און אויף ביידע זייטן מיט אומרו. „כדי זיך גוט מיישב צו זיין, האָבן מיר זיך אוועקגעזעצט.

זיי זענען לאנג געזעסן. אז מען זעצט זיך, גלוסט זיך גאָרנישט אויפ־צוהייבן. „ווייסטו וואָס?" —זאָגט הענעך צו ברוכן— „מירן צוגיין צו דער ערשטער כאטע און בעטן, מען זאָל אונדז לאָזן איבערנעכטיקן, וועלן מיר זען". ער האָט איבערגערעדט זיין ברודער און זיי האָבן זיך געלאָזט דורכן דאָרף. „אויסגעמאטערטע און דערשראָקענע, מיט „געמאכטע פנימער", — דערציילט הענעך — „זענען מיר צוגעגאנגען צו א כאטע און געבעטן א נאכט־לעגער".

די מענטשן אין כאטע האָבן זיי געפרעגט, צי זיי זענען פון דער באנדע, וואָס מען האָט נעכטן דערהרגעט אין וואלד. „מיר ווייסן גאָרנישט פון דעם" — האָבן זיי געענטפערט.

די מענטשן האָבן געזאָגט, אז זיי זאָגן ליגן, און זיי אוועקגעטריבן. „רשעים" — זאָגט ברוך. גייען זיי ווייטער, קומען־צו צו נאָך א טיר און מען טרייבט זיי פון דאָרט אויך אוועק. אין נאָך א כאטע איז שוין אריין נאָר הענעך, ווייל ברוך האָט שוין מער נישט געוואָלט אריינגיין.

ערשט אין סאמע סוף פון דאָרף האָט א פויער זיי אריינגעלאָזט צו זיך. ער האָט זיי אריינגעפירט אין שייער איבערצונעכטיקן. ער האָט זיי דערציילט, אז מען האָט פינף און צוואנציק יידן דערהרגעט אין וואלד. טאקע פאריסעווער יידן. די פויערים פון דאָרף האָבן געדארפט אויסגראָבן א גרוב אין וואלד. „קינדער זענען דאָרט אויך געווען" — זאָגט דער פויער. — „איך בין אויך געווען אין וואלד, אלץ געזען".

זיי האָבן איבערגענעכטיקט אין שייער, ווו אין א ווינקל, אָפּגעצאמט,

איז געשטאַנען אַ קו און כסדר געמוקעט. עס איז געווען פריילעכער מיט דער קו. נאָך דער נאַכט האָט דער פויער זיי געגעבן שטיקער ברויט מיט רעטעך און זיי געזאָגט: „חברה, איר דאַרפט גיין".

זיי האָבן אים ביידע אָנגעקוקט מיט שטומען געבעט. הענעך האָט געקוקט אויף אים מיט טרויעריקע אויגן. דער פויער שטומט, מרוקעט ווי זיין בהמה און זאָגט נאָכדעם צו הענעכן:

— ביסט נאָך אַ קעלבל, אַ דאַרער זשערעבטשיק...

זיי האָבן אָבער געמוזט גיין ווייטער, גיין קיין פּאַריסעוו. דער פויער האָט זיי געוויזן מיטן האַנט דעם וועג. דאָס שטעטל איז שוין געווען נישט ווייט. זיי זענען ביידע אַרויפגעקומען גלייך אויפן מאַרק.

זיי האָבן דערזען יידן. וווּ וווינט די מומע פעסע?

פרעגן זיי איין יידן, פרעגן אַ צווייטן — זיי ווייסן נישט. די יידן זענען אַלע פרעמדע אין פּאַריסעוו, אָנגעלאָפענע. ביז זיי טרעפן אַ גאַר־וואָלינער און ער ווייזט זיי אָן: „דאָרט אין גרינעם הויז".

זיי זענען דאָרט צוגעקומען און אַריין. געגאַנגען, געגאַנגען און צו־געגאַנגען, זיי זענען שוין אינעווייניק.

זיי האָבן גלייך דערקענט דעם פעטער, מען רופט אים מרדכי־בער. די מומע זעט מען נישט, מסתמא וועט זי באַלד אַריינקומען. דער פעטער מרדכי־בער פרעגט זיי, ווי זיי קומען אַהער, און הענעך ענטפערט אים:

— צופוס, און אַביסל געפאָרן.

זיי קוקן זיך אַרום ביז זיי פרעגן, וווּ עס איז די מומע פעסע.

דער פעטער מרדכי־בער קוקט מיט אומעטיקע אויגן, קוקט אין פוסט־קייט פון שטוב, קוקט צום אָרימען פענסטער, צו דער טיר, און ער זאָגט איין וואָרט:

— נישטאָ.

— וווּ איז זי?

— די אוקראַינער האָבן זי דערהרגעט אויף דער גאַס.

שטיל, מען רעדט נישט מער קיין וואָרט. די מומע איז נישטאָ. אומ־זיסט זענען זיי געגאַנגען. „מיר האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זיך צע־וויינט" — זאָגט הענעך. זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, אין אַווינקל פון שטוב, און זיך צעוויינט. עס איז געווען אַ קינדער־יאָמער,

וואָס האָט געמוזט צערייסן דאָס האַרץ פון דער וועלט. די וועלט האָט זיי אָבער נישט געהערט. די צוויי יידישע קינדער האָבן געוויינט פאַר זיך אַליין אין ווינקל אַריין. עס איז געווען דער סוף פון דער רייזע קיין גאַרוואָלין.

— גייט צום טיש עפּעס עסן, — האָט געזאָגט דער פעטער מרדכי־בער און געגלעט זיי פון רחמנות. ווידער האָט אַן אָרימער ייד אָנגעצונדן דאָס ליכט פון רחמנות און די צוויי ברידער האָבן זיך געדאַרפט לאָזן אין אַ נייעם וועג פול מיט יסורים און פול מיט וואונדער.

ק א פ י ט ל   נ י י ן

צוריק קיין ווארשע

דערציילט העניעך אזוי:

„דער פעטער מרדכי־בער איז געווען גאָר א מאָדנער. ער איז געזעסן א גאנצן טאָג אין שטוב אויף א קליינעם בענקל. איין מאָל א טאָג גאָר פלעגט ער זיך אויפהייבן, אראָפּגיין אין קעלער און ארויפטראָגן שפּייז. יעדער פלעגט עפּעס נעמען דערפון און עסן באזונדער אין זיין ווינקל. איינמאָל האָט א יידענע אריינגעבראכט א שטיקל פלייש אין א פּאַפּיר, צו פארקויפן, האָב איך געפרעגט „מו־מו־מו, צי טפּרר", צי דאָס איז פלייש פון א בהמה, צי פון א פערד?"

די שטוב איז געווען א פּוסטע און א טונקעלע. דער פעטער מרדכי־בער פלעגט כסדר זאָגן אויסנווייניק, זאָגן און זאָגן. שלאָפן פלעגט ער אויך זיצנדיק און מאכן שטיל־שטיל מיט די ליפּן. ער האָט די צוויי ברידער גאָרנישט געזאָגט, וואָס זיי זאָלן טון. זיי האָבן געקאָנט אליין טון, וואָס זיי ווילן.

— ווו זענען אייערע קינדער? — פרעגט אים איינמאָל העניעך.

האָט ער אָנגעקוקט העניעכן זייער אומעטיק און נישט געענטפערט. ער האָט שפּעטער אים א גלעט געטון איבערן קאָפּ און געוויינט אינעווייניק. „הייסט עס, אז זיי זענען אויך נישטאָ, אזוי ווי די מומע פעסע".

נאָכדעם ווי עס זענען אוועק צוויי וואָכן, איז ארויפגעקומען דער פעטער מיט ליידיקע הענט פון קעלער און געבליבן שטיין א פארשעמטער. עס איז נישטאָ מער וואָס צום עסן. וואָס זאָל מען איצט טון?

„מיר האָבן געבעטן דעם פעטער", דערציילט העניעך, „ער זאָל אונדז געבן א פּאָר זלאָטעס, וועלן מיר קויפן פּאָדים און גיין אין דאָרף אויס־

טוישן עס אויף שפּייז, וואָס מיר וועלן פאַרקויפן אין שטעטל. דער פעטער האָט טאַקע אַזוי געטון".

דערווייל אָבער איז ברוך קראַנק געוואָרן און הענעך איז אַליין אוועק האַנדלען מיט פּאָדים אין דאָרף. דאָס איז געווען אַ גוטע סחורה אין דאָרף.

פּופּצן קילאָמעטער פון פּאַריסעוו איז געלעגן דאָס דערפל. „דער שמוגל איז מיר אָנגעקומען זייער שווער", דערציילט הענעך, „ווייל אוקראַי־נער האָבן זיך אַרומגעדרייט און יעדע רגע האָב איך זיך געמוזט באַהאַלטן אין די קוסטעס. ווי נאָר איך פלעג זיי דערזען פון דערווייטנס, פלעג איך אַריינשפּרינגען אין די קוסטעס ווי אַ האָז".

דער ערשטער פּויער, וועלכער האָט באַגעגנט אין דאָרף דעם פּאָדים־הענדלער הענעך, האָט אים געפרעגט: „פון וואַנען? און צוליב וואָס?"

„איך האָב אים באַלד אַ „טשמעליע געטון" איבערן קאָפּ", דערציילט ער ווייטער. „איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב צו פאַרקויפן פּאָדים. האָט ער מיך גלייך אַריינגערופן צו זיך אין שטוב און ער האָט פאַר די פּאָדים מיר אָנגעפּאַקט אַ פולן פּעקל מיט שפּייז".

דאָס פּעקל איז געווען גאַנץ שווער. ער איז אוועק מיט אים צוריק קיין פּאַריסעוו. ער האָט געהאַט אין אים קאַשע, מעל, אַרבעס, בולבעס. „וואָס וועט מען צאָלן פאַר די קאַשע, פאַר די אַרבעס?..." — הענעך האָט נאָך נאָך נישט געוווּסט רעכט־גוט די פּרייזן.

הענעך איז פאַרנומען אויפן וועג מיט חשבונען. עס גייט אַ סוחר אין שטעטל אַריין, אַ סוחר פון וואַרשע, פון גזשיבאָווסקע גאַס. ער הייסט הענעך, ער טראָגט סחורה צו פאַרקויפן, ער וועט מאַכן חיונה. עס איז אַ גאַנג און אַ מחשבה וואָס איז שוין אַלט הונדערטער יאָרן. זאָל נאָר קיין בייז נישט געשען, זאָל נאָר נישט אונטערקומען קיין שלאַק.

גראָד אין דער רגע איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט דייטשן. הענעך האָט עס צום גליק דערזען פון דערווייטנס. אין איין סעקונדע האָט ער אוועקגעוואָרפן אין גרובן ביים וועג דאָס גאַנצע גליק מיט דער חיונה און אַליין אַריינגעשפּרונגען אין אַ קוסט. זיין גאַנצער פאַרמעגן איז גע־בליבן ליגן הפקר און דאָס לעבן זיינס איז געלעגן און געפּלאַטערט אויף די צווייגלעך פון דעם קוסט.

די דייטשן אין אויטאָמאָביל האָבן גאָרנישט געזען, נישט דאָס פּעקל

ה ע נ ע ך

אין גרובן און נישט דעם ייד צווישן די קוסטעס, און זענען אוועקגעפֿאָרן שנעל ווייטער. ווען דער אָפּקלאַנג פון אויטאָמאָביל איז שטיל געוואָרן, איז הענעך ארויסגעקראָכן פון קוסט, אראָפּגעקראָכן אין גרובן און ארויסגע־שלעפּט זיין פּעקל שפּייז. ער איז מיט אים אוועק קיין פּאריסעוו און אָנ־געקומען דאָרט בשלום. שפּעטער איז אויך דורכגעגאנגען מזלדיק דער מסחר.

אַז דאָס ערשטע מאָל איז דורכגעגאנגען בשלום, האָט ער זיך אוועק־געלאָזט מיט פרישן פאָדים נאָכאמאָל אין דאָרף אריין. ברוך איז נאָך אַלץ געווען קראַנק.

„איך האָב גוט פארדינט", דערציילט ער, „און געשיקט אפילו א פּאָר הונדערט זלאָטעס אהיים קיין ווארשע".

אַז ברוך איז געזונט געוואָרן, איז ער אויפגעשטאנען פון בעט מיט א פעסטן באשלוס: „הענעך, מיר גייען צוריק אהיים". פארוואָס גייען מיר אהיים? — „ווייל דאָ איז נישט קיין תכלית און די מומע פעסע איז נישטאָ". און דער פעטער? — „איך האָב מורא, אַז דער פעטער וועט נאָך אָפּטון א מעשה..." — מסתמא ווייסט ער, ברוך, אַז ער רעדט. „ווי־זשע וועלן מיר גיין?" — „איך האָב געהערט, אַז נאָך יידן גייען קיין ווארשע. די גמינע גיט ארוים „פּשעפּוסטקעס" (דורכלאָז־שיינען). מען פאָרט מיט אַן אויטאָבוס".

האָט הענעך זיך צוגעהערט, וואָס עס זאָגט זיין עלטערער ברודער ברוך און ער האָט געענטפערט, ווי א יינגערער:

— טאָ לאָמיר שוין גיין נאָך „פּשעפּוסטקעס"...

זיי זענען געגאנגען, אָבער „פּשעפּוסטקעס" האָבן זיי נישט געקראָגן, ווייל מען האָט געדארפט צאָלן פאר יעדן איינעם זעכציק זלאָטעס, און אזויפיל געלט האָבן זיי נישט געהאט. דערווייל איז אָנגעקומען אויפן מארק דער אויטאָבוס. דאָס איז געווען א גרויסע בויד, איבערגעצויגן מיט א לייוונט. אינעווייניק זענען געווען אויסגעשטעלט בענק. די ברידער האָבן געהערט, אַז די בויד רופט מען „דער שיסער".

— פארוואָס דער שיסער?

— ווייל ווען ער פאָרט, האַלט ער אין איין שיסן און קנאַקן, און דערשרעקט אַלעמען אויפן וועג.

אַן אַנדערער זאָגט:

— אין פיר שעה צייט שיסט ער אָפּ פון פּאַריסעוו ביז וואַרשע...

יידן מיט „פּשעפּוסטקעס" אין די הענט שפּאַרן זיך אין אויטאָבוס. יעדער איינער וויל פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ. ווייבער שטופּן זיך אויך. אַן אַלטער ייד שלעפּט מיט זיך אַ יינגל. הענעך און ברוך האָבן זיך שוין גוט אויס־געלערנט צו שטופּן זיך, און זיי שטופּן זיך אַן „פּשעפּוסטקעס", אַזוי ווי דעמאָלט אין וואַגאָן. מען האָט אָבער זיי דערקענט, אַז זיי זענען „גאַפּאָוו־ניקעס", שטופּן זיך אָן בילעטן, און מען האָט די צוויי „האָזן" אַוועק־געטריבן.

„מיר האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעטראָגן, ווייל מיר האָבן זייער גע־וואָלט פאָרן מיטן „שיסער", —דערציילט הענעך,— מיר זענען געשטאַנען פון הינטן און געוואַרט. און ווי נאָר ער האָט זיך גערירט פון אָרט, זענען מיר אַרויפגעשפּרונגען אויפן הינטערשטן טרעפּל און געפאָרן מיט אַלעמען גלייך אפילו אָן „פּשעפּוסטקעס".

האָט דאָס מסתמא עמיצער באַמערקט און עס האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס זיי פאָרן אומזיסט, און אויסגעזאָגט דעם באַלעבאָס. ערשט ער האָט אָפּגעשטעלט זיין „שיסער" און גלייך געגאַנגען צו די צוויי „גאַפּאָוו־ניקעס", צו די פּאַסאַזשירן וואָס פאָרן ווי די „האָזן", שטייענדיק אויפן הינטערשטן טרעפּל.

— נו, לאָבוזעס... — האָט ער צו זיי געזאָגט.

זיי האָבן אים נישט געענטפערט, נאָר אָנגעקוקט מיט רחמנותדיקע אויגן.

— אַראָפּ זאָל זיין!...

זיי האָבן זיך נישט גערירט, אַלץ געשטאַנען און געוואַרט, און גע־קוקט מיט מער רחמנות און געבעט, ביז הענעך האָט געזאָגט:

— ס'איז קאַלט דאָ, האָב רחמנות...

„דערצו נאָך —דערציילט הענעך ווייטער— האָבן מיר אים אַריינ־געשטעקט צען זלאָטעס".

— ביז אָטוואָצק, אָבער נישט ווייטער... — האָט ער געזאָגט, צונע־מענדיק די צען זלאָטעס און זיי געלאָזט „הענגען פון הינטן".

איז מען געפאָרן ווייטער. איצטער זענען זיי שוין מער נישט געווען קיין „האָזן", נאָר אמתע פּאַסאַזשירן. וואָס וועט מען טון אין אָטוואָצק

ה ע נ ע ך

ווייטער? ווי וועט מען פֿאָרן ביז װאַרשע? — צו דעם קען מען נאָר זאָגן „פֿאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן". דערווייל פֿאָרט מען.

באַלד איז טאַקע דער אויטאָבוס אַריינגעפֿאָרן אין אָטוואָצק און דאָרט געבליבן שטיין. אַנדערע יידן זענען אַראָפּגעגאַנגען און אַנדערע זענען אַרויפֿגעקומען. דער שאָפֿער איז אַריין אין שענקל עפּעס טרינקען.

ביידע ברידער זענען געשטאַנען ביים שענקל און געוואַרט, געקוקט איינער אויפֿן צווייטן, ווי זיי וואָלטן פֿרעגן: „וואָס וועט ווייטער זיין?..."

— בלייבן נאָך אַ טאָג אין אָטוואָצק טאָר מען נישט. זיי קענען שוין אָט־וואָצק צו גוט, ווער עס קען נאָר, אַנטלויפֿט פֿון דאַנען. וואָס טוט מען?

מען דאַרף נאָר האָבן מזל. אַז מען האָט אים, לאָזט זיך אַלץ אויס גוט. העניך האָט מזל. חן האָט ער אויך.

ווי נאָר דער שאָפֿער איז אַרויסגעקומען פֿון שענקל, האָט זיך העניך צו אים צוגעשאַרט, אַ מאַך געטון צו אים מיט זיינע אויגן און גערעדט צו אים אַזוי:

— זיי אַ גוטער, פּאַניע, האָב רחמנות, עס קאָסט דיך דען טייער?

— ניין... — האָט געשאָקלט דער שאָפֿער אַהין און צוריק מיטן קאָפּ — מען זאָגט דיר ניין, ממזר, קליינער יידעלע, שרעטעלע... אַוועק!

העניך האָט געזען, אַז ער לאָזט זיך רעדן, האָט ער אָנגעוויזן מיטן האַנט אויף זיין ברודער ברוך און אַזוי געזאָגט:

— זעסט דאָך, אַז ער האַלט זיך קוים אויף די פֿיס, קראַנק געווען...

דער שאָפֿער טרייבט אים נישט אַוועק און זאָגט צו אים:

— צו וואָס דאַרפֿסטו וואַרשע?

— מיר האָבן דאָרט אונדזער מאַמע.

דעמאָלט איז געקומען די גוטע מינוט אויפֿן שאָפֿער. דער מאַמעס זכות, זעט אויס, איז בייגעשטאַנען, און ער האָט אַרויסגעוואָרפֿן צוויי טייערע, צוויי ליכטיקע ווערטער:

— קריכט אַריין...

די צוויי ברידער האָבן אַזוי ווי אַ כאַפּ־געטון די צוויי ווערטער מיט אימפּעט, מיט שמחה. עס איז זיי גוט געוואָרן פֿון דעם און זיי זענען פֿלינק אַריינגעקראָכן אין אויטאָבוס. באַלד וועט מען זיך לאָזן אין וועג, באַלד פֿאָרט מען צוריק אין וואַרשע אַריין.

הענעך האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז ער איז בשעת מעשה נישט נאָר אַריינגעקראָכן אין אויטאָבוס, נאָר ער איז אויך אַריינגעקראָכן אין דער גרויסער געשיכטע פון דער וואַרשעווער געטאָ.

די בויד איז באַלד פול געוואָרן מיט יידן און דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט. פּטור פון אָטוואָצק!

מען פאָרט. ברוך זאָגט הענעכן, אַז ער האָט נישט ליב וואָס עס שיסט. הענעך זאָגט, אַז אים אַרט דאָס נישט.

הענעך איז גליקלעך. „איך האָב זיך אַזש געצאַפּלט, וואָס מיר פאָרן צו דער מאַמען", דערציילט ער. די מומע פּעסע איז נישטאָ, דאַרף מען לויפן צו דער מאַמען. אַז זיי זענען געגאַנגען פון וואַרשע קיין אָטוואָצק, איז דער וועג געווען אַ לאַנגער און אַ ווייטער, אַז מען איז אָבער געפאָרן מיטן „שיסער", איז דער וועג אַ קורצער און אַ נאָענטער.

„אָט פאָרט שוין אַריבער דער אויטאָבוס —דערציילט הענעך— די בריק איבער דער ווייסל און קומט אַרויף אויף מוראַנאָוו און פאָרט גלייך צו צו דער געטאָ־וואַך ביי דער נאַלעווקי גאַס".

די זשאַנדאַרן זענען אַרויסגעקומען צו רעווידירן דעם אויטאָבוס מיט די פּאַסאַזשירן. דאָס איז ווידער שלעכט, עס קומט אַ נייע צרה. די זשאַנדאַרן זוכן שמוגל און פאַרלאַנגען „פּשעפּוסטקעס" (דורכלאָז־שיינען). אַלע האָבן „פּשעפּוסטקעס", חוץ די צוויי ברידער. הענעך מאַכט זיך זוכנדיק זיין „פּשעפּוסטקע", ער געפינט אָבער נישט. ער האָט, נעבעך, פאַרלוירן.

אַלע פּאַסאַזשירן זענען שוין אַוועק ווייט אין דער נאַלעווקי גאַס, וואָס איז פול מיט יידן. מען זעט ווי די יידן שטופּן זיך, לויפן איבער ביידע טראָטוארן פון נאַלעווקי, עס פאָרן די „וועגעלעך־ריקשיעס", יידן איינגעשפּאַנט אַנשטאָט פערדלעך. מען זעט קינדער, אָבער זיי ביידע קענען נישט גיין, מען לאָזט זיי נישט גיין. די זשאַנדאַרן פאַרהאַלטן זיי, ווייל זיי האָבן נישט קיין „פּשעפּוסטקעס".

— געהאַט און פאַרלוירן, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין... — פּלוידערט הענעך אַ פאַרלוירענער, קוקט אויף דער ערד, אפשר איז די „פּשעפּוסטקע" גראָד דאָ אַראָפּגעפאַלן. — האָסטו נישט געזען די „פּשעפּוסטקעס" אונדזערע? — פרעגט ער טאַמעוואַטע דעם שאָפער.

דער זשאַנדאַר זאָגט:

ה ע נ ע ד

— אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט וועט מען שוין זען...

הייסט עס, אַז מען פירט זיי אין פּאָליציי. דער זשאַנדאַר זאָגט, אַז מען דאַרף זען, צי זיי זענען וואַרשעווער, ווו עס וווינען זייערע עלטערן. ווער זיי זענען און פאַרוואָס שיקן זיי אַרום זייערע קינדער איבער דער מדינה.

פירט מען זיי איבער דער גאַס צום פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. אויפן וועג רעדן־אָפּ צווישן זיך ביידע ברידער, אַז זיי זאָלן נישט אויסזאָגן, ווו עס וווינען זייערע עלטערן, כדי מען זאָל זיי נישט טון קיין שלעכטס. זיי ווייסן נישט, ווו זייערע עלטערן האָבן זיך אַריינגעצויגן, ווייל מען האָט כסדר געטוישט די דירות.

דער זשאַנדאַר, וואָס פירט זיי אינמיטן גאַס, איז אַ גרויסער, אַ שווער־לייביקער. ער טראָגט גרויסע שטיוול און סאָפּעט גייענדיק. זיי גייען פאָראויס און ער גייט הינטער זיי. זיי גייען גיך, אַז ער קען זיי גאָרנישט נאָכלויפן. די גאַס איז אַלץ געדיכטער מיט יידן. מען קוקט־זיך־איין אויף די צוויי יינגלעך, וואָס דער זשאַנדאַר פירט אינמיטן דער גאַס. ווייסע־חברהניקעס לויפן אַרום זיי פון אַלע זייטן, מען ווינקט צו זיי, מען ווייזט זיי מיט די הענט, מען רעדט צו זיי מיט די אויגן, ביז איינער פון די ווייסע־חברהניקעס, אַן אָפּגעריסענער לאָבוס, טוט אַ געשריי אַ וואָרט, וואָס קיין זשאַנדאַר קען נישט פאַרשטיין:

— „ויברח!”...

און גראָד זענען זיי ביי נאַלעווקי זיבעצן. דער הויף שניידט דורך די זאַמענהאָף גאַס. „מאַך פּיס!...” — די צוויי ברידער האָבן זיך געוואָרפן איינער נאָכן אַנדערן אין הויף אַריין. עמיצער האָט באַלד צוגעקלאַפּט דעם טויער, מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן, עס איז געוואָרן אַ בהלה אויף דער גאַס. מען האָט געזען, אַז אַ גרויסער דייטשער זשאַנדאַר לויפט מיט צעשפּרייטע פיס. דער זשאַנדאַר, אַ צעטומלטער, האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אָנגעהויבן שיסן...

ער האָט זיך דערפילט אַליין צווישן אַ סך יידן, וואָס לויפן, וואָס שטופּן זיך, וואָס רינגלען אים אַרום. ער האָט, זעט אויס, זיך דערשראָקן, אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און אַוועק צוריק.

העגעך און ברוך האָבן „דורכגעשאָסן” דעם גרויסן הויף, ווי פייַלן

אויסן בויגן. א הויף מיט הונדערטער פענסטער, מיט טויזנטער יידן; א הויף פול מיט שרעק, פול מיט אומגליק, פול מיט בהלה; א הויף, אויף וועלכן עס לאָזט זיך די גרעסטע ערד־ציטערניש.

הענעך לויפט אהיים, לויפט צו דער מאמען. ברוך לויפט מיט אים. צוויי קינדער לויפן צו זייער מאמען.

„צו דער מאמען!...״ — עס איז א קול פון דער אייביקייט, פון די טיפסטע אור־אור־קוואלן.

קאפיטל צען

הענעך ראַטעוועט דעם טאַטן

ביידע ברידער זענען צוזאמען אריין אין זייער שטוב אויף דער גזשיבאָווסקע גאס אין ווארשע און צוזאמען געזאָגט: „מאמע". די מאמע האָט געענטפערט: „אבי איר לעבט, גאָט צו דאנקען". דער טאטע איז נישט געווען אין שטוב. די קליינע גיטעלע איז גיך־גיך צוגעלאָפן ווי א שטוב־חיהלע און געזאָגט: „הענעך!... הענעך!..." ער האָט זי אויפגע־הויבן און געהאלטן א ווײַלע אויף די הענט און זי געדריקט צו זיך פון ליבשאַפט.

„מיר זענען געווען ביי דער מומען —דערציילט הענעך— אָבער זי לעבט שוין נישט, עס לעבט נאָר דער פעטער מרדכי־בער".

„אוי ווי איז מיר... טאטע־פאָטער..." — האָט די מאמע געוויינט, נאָכדעם געשוויגן, שפעטער ארויסגעזאָגט:

— „איר איז שוין בעסער".

די מאמע האָט געגעבן אירע קינדער עפעס צו עסן. „ווו איז דער טאטע?" — האָט ברוך א פרעג געטון עסנדיק. „ער איז אוועק צו דער סטאציע אַנלאָדעווען קוילן. ער איז אָבער צוריק נישט געקומען, ווייל די פיס זענען אים געוואָרן פארחלשט — דערציילט די מאמע. — „אפשר וועט מען אים באלד ברענגען".

— פיס קאָנען חלשן? — פרעגט הענעך.

— פון פראָסט — ענטפערט די מאמע — זענען זיי געוואָרן פאר־פרוירן.

זי זאָגט, אז אויב מען וועט אים באלד נישט ברענגען פון דער קוילן־סטאציע, וועט מען נאָך אים, חס־ושלום, „אָפּשיסן". ער ליגט דאָרט

מיט פאַרפרוירענע פיס. ברוך האָט ווייניק געהערט, וואָס די מאַמע האָט דערציילט וועגן טאַטן, ווייל ער איז ווידער געווען שטאַרק פאַרקילט און איז אַוועקגעפאַלן ווי אַ קלאָץ. די מאַמע האָט דערזען, אים אַ טאַפּ־געטון דעם קאָפּ און געזאָגט: „אוי ווי איז מיר, ער האָט היץ". איז געבליבן, אַז הענעך זאָל גיין ברענגען דעם טאַטן. ער איז אַרויס אויף דער גאַס, וווּ עס שטייען די בחורים מיט די וועגעלעך. הענעך האָט געפרעגט ביי אַ גרויסן יינגל, וואָס עס קאָסט זיין וועגל אויף צוויי שעה. „צו וואָס דאַרפסטו?" — האָט אים דער יינגל געפרעגט. „ברענגען מיין טאַטן פון דער קוילן־סטאַציע, ווייל ער האָט אָפּגעפרוירן די פיס". „פינף זלאָטעס" — האָט דער יינגל געענטפערט. — „קאָנסט עס נעמען אויף צוויי שעה, אָבער דו שלעפּסט זיך אומזיסט".

הענעך האָט באַצאָלט פאָראויס פינף זלאָטעס, האָט זיך איינגעשפּאַנט אין וועגל, און געפאָרן צו די קוילן־סקלאַדן, וואָס ביי דעם דאַנציגער וואָקזאַל. ער האָט דאָרטן געזוכט, געזוכט, זיך געפרעגט און צום סוף געפונען זיין טאַטן. מענטשן האָבן אים געוויזן, וווּ ער ליגט מיט די פאַרפרוירענע פיס.

— וואָס מאַכסטו, טאַטע? — איז ער צו אים צוגעגאַנגען.

— ביסט געקומען, הענעך?... גוט, וואָס דו ביסט געקומען... ברוך איז אויך געקומען?

— ער איז אויך געקומען — ענטפערט הענעך.

ער האָט געקוקט אויף זיין טאַטן און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז קלענער געוואָרן. עס איז אים געווען אויפן טאַטן אַ גרויסער רחמנות. ער האָט געקוקט אויפן טאַטנס פיס, וואָס זענען געלעגן ווי קלעצלעך.

— איכל דיך נעמען אהיים, טאַטע.

— ווי אַזוי, קינד מיינס?

— איך האָב אַ וועגל.

דער טאַטע האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט ליבשאַפט: „וועסטו האָבן כוח?" — האָט ער אים געפרעגט. הענעך האָט אויף דעם נישט געענטפערט און צוגעפירט דעם וועגל.

— וואַרף אַרויף, טאַטע, די הענט אויף מיר, האַלט זיך שטאַרק, וועל איך דיך אַרויפשלעפּן אויפן וועגל.

ה ע נ ע ך

דער טאַטע האָט אַזוי געטון. ער האָט בשעת מעשה, פון נחת, פאַר־געסן אַלע זיינע ווייטיקן, אַזוי ווי זיינע פיס וואָלטן מער נישט געווען געפרוירן.

— ביסט אַ ליכט, הענעך, ביסט אַ גוטער יינגל... — האָט דער טאַטע גערעדט צו זיין זון, ווען ער האָט אים אַרויפגעשלעפּט אויפן וועגל.

— ביסט אַ גרינגער, טאַטע, אַזוי ווי אַ שפּענדל...

הענעך האָט זיך איינגעשפּאַנט אין וועגל, אים אַ ציִ־געטון און אַוועק מיט אים איבער די גאַסן.

— „ס'איז דיר שווער, הענעך?"

— „ביסט גרינג, טאַטע". און געלאָפן מיט אים ווייטער.

— „איך האָב געבראַכט דעם טאַטן" —האָט הענעך געגרויסט זיך פאַר דער מאַמען, ווען דער טאַטע האָט זיך אַריינגעשלעפּט נאָך אים, ווען זיי זענען אַריין אין שטוב. „אַ געזונט אויף דיין קאָפּ" — האָט די מאַמע אים געבענטשט.

דער טאַטע האָט זיך באַלד אַריינגעלייגט אין בעט. די מאַמע האָט געשמירט און געריבן זיינע פאַרפרוירענע פיס. „עס וועט אָפּגיין" — האָט זי געזאָגט.

ווען ברוך איז געזונט געוואָרן, איז ביי ביידע ברידער געבליבן, אַז מען קאָן נישט „אַרומגיין מיט פאַרלייגטע הענט" און אַז מען דאַרף זיך ווידער נעמען צום מסחר, גיין אויף יענער זייט, צו דער שעננאַ גאַס, וווּ די געטאָ איז אָפּגעצאַמט מיט דראָטן, קויפן דאָרטן, פאַרקויפן דאָ. אַזוי האָבן זיי טאַקע געטון.

דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער גאַנג זענען געווען מזל־דיקע. ביים פערטן מאָל האָט דער דייטש צוגענומען די סחורה, גוט אָנ־געשלאָגן, אָבער געלאָזט גיין לעבעדיקע. נאָך אַמאָל איז געווען אַ גרעסערע צרה. „איך האָב זיך בשעת סכנה —דערציילט הענעך— געטון אַ וואָרף אויף דער ערד און די קויל איז אַריבערגעפלויגן מיין קאָפּ. איך בין אָנ־געקומען בשלום מיט מיין סחורה". אין שטוב האָבן זיי קיינעם נישט דערציילט, וווּ זיי נעמען דאָס געלט, וואָס זיי ברענגען, און וואָס זיי טוען אין גאַס. „מיר האָבן געזאָגט ליגנס —דערציילט ער— מיר האָבן געבאַקט

ליגנס אזוי ווי בייגל. אלע טוען אזוי — אלע זאָגן ליגנס. מען קאָן קיינעם נישט גלויבן, ווייל אלע באקן בייגל".

אז דעם טאטנס פיס זענען א ביסל בעסער געוואָרן, האָט די מאמע נעבראכט פון „סקלאד" שטאָף און דער טאטע האָט זיך געזעצט נייען היטלען פאר די דייטשן. הענעך פלעגט אָפּטראָגן די היטלען צו איטשע דעם קירזשנער. די דייטשן, וואָס פלעגן דאָרט ארייננקומען, האָבן גערופן איטשעס הויז „די שניידער־שטובע". „שטובע" ביי די דייטשן איז א שטוב, אזוי רעדן זיי".

„קומט אריין א לעקעשעוואטער דייטש און זאָגט, אז ער וויל, מען זאָל אים מאכן א גוטע „מיץ". ווייזן אָן די באלמעלאָכעס אויף איטשען: ער איז דער בעסטער מיצן־מאכער פון „פּאָלען". איטשע זאָגט אָבער: „איך מוז האָבן א ביסל גוט צו עסן צו מאכן א שיינע מיץ". גיט אים דער דייטש א שטיק וווּרשט. אז דער דייטש איז געקומען אָפּנעמען זיין „מיץ", האָט ער געזאָגט:

— „דיזער יודע איז דער גרעסטער מיצן־מאכער".

— מיטן ראש אין דער אדמה — ווינטשט אים איטשע.

— דאנקע בעסט — ענטפערט אים דער דייטש.

איטשע דער קירזשנער האָט ליב צו רעדן, זאָגט ער: „נאָכאמאָל וועלן מיר נעמען א מאָס, א ריכטיקע מאָס אויף תכריכים פארן שטובן־קאָלבער". — „יאוואָל... יאוואָל..." — זאָגט דער דייטש און גייט אוועק א צופרידענער.

אזוי האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך די יידישע היטלמאכער, די פארמשפּטע צום אונטערגאנג, מיטן „יעקן", וואָס איז שפּעטער געווים אויך אומגעקומען אויף די רוסישע פעלדער.

הענעך האָט נישט געהאט גענוג צייט צו זיין לאנג ביי די היטל־מאכערס. ער האָט געמוזט זאָרגן פאר חיונה. נישט שטענדיק האָט מען געקאָנט גיין אויף „יענער זייט", האָט ער זיך ארומגעדרייט איבער די גאסן צוזאמען מיט אנדערע ייִנגלעך. מען האָט געזוכט עפּעס צו ירשע־נען" — א כאפּ־טון, א שלעפּ־טון, ארויסציען פון א קוישל, אויסטון א יידן, וואָס ליגט שוין סיי־ווי־סיי א „געענדיקטער" אויף דער גאס.

ה ע נ ע ד

„פרייטיק צונאכטס — דערציילט ער — פלעגט אָבער ווערן ביי אונדז אין שטוב גאַנץ אַנדערש".

פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט דער טאַטע צונויפנעמען אַלע דייטשע היטלעך אין איין בארג און זיי איבערדעקן מיט אַ שמאַטע. ער האָט שבת נישט געוואָלט זיי אָנקוקן — טריפהנע סחורה. די מאַמע פלעגט אָנצינדן אַ ליכטל צו בענטשן. דער טאַטע פלעגט זאָגן „לכה דודי", די מאַמע פלעגט נאָכדעם געבן „פיש", וואָס זי האָט געמאַכט פון צעווייקטן הערינג. „עס געזונט" — זאָגט זי צו הענעכן, דעם פאַרדינער.

דער שכן, שייע דראַזשקאַזש, קומט אַריין צו זיי אין שטוב, ווייל ער איז איינער אַליין. פון זיין משפחה איז שוין קיינער נישט געבליבן. „פייוול, דיין ווייב האָט דאָך, מסתמא, אַ ביסל הייסע וואַסער" — זאָגט ער. מען טרינקט טיי פון פייוולס וואַסער מיט שייעס שטיקלעך צוקער. הענעכס טאַטע, פייוול דער היטל־מאַכער, דערציילט מעשיות פון גוטע יידן, צדיקים, וועגן אַ ייד מאיר ברוך, וואָס די דייטשן האָבן מיט הונ־דערטער יאָרן צוריק אַריינגעזעצט אין אַ פינסטערער פעסטונג און ער האָט נישט געלאָזט, אַז די יידן זאָלן פאַר זיין קאָפּ באַצאָלן טויזנט גיל־דערנע רענדלעך, וואָס די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט, און די דייטשן האָבן אים געהאַלטן צוגעקאַוועט צו אַן אייזערנער קייט. ער האָט געדאַוונט שמונה־עשרה זיצנדיק. „נאָך זיין טויט איז ער גלייך אַריינגעקומען אין גן־עדן, אָבער טאַקע באַלד, און מען האָט אים געזעצט מיט די סאַמע צדיקים, מיט די אבות אַליין..." — דערציילט דער טאַטע.

שייע דראָזשקאַזש האָט ליב צו הערן פרייטיק־צונאַכטס די מעשיות פון פייוול דעם היטלמאַכער, הענעכס טאַטן, וועגן וועמען ער זאָגט, אַז ער איז אַ „גאַנצער רבילע". ער האָט אָבער אַליין אויך עפּעס צו דערציילן, אָבער גאַנץ אַנדערע מעשיות. ער דערציילט ווי ער פלעגט פירן אין זיין דראָזשקע דעם קאָזשעניצער רבין. ער פלעגט צופאָרן מיטן רבין צום איי־זערנעם טויער, צו די האַלעס. די ווייבער פלעגן זיך אַרומקלעפּן אַרום שייעס דראָזשקע מיט דעם רבין און פלעגן גראַגערן: „זאָל דער רבי בענטשן מיינע קינדער"... „זאָל דער רבי בענטשן מיין קראַנקן מאַן"... „זאָל דער רבישע... זאָל דער רבישע..." „דער רבי פלעגט אָפּטרייבן די ווייבער מיט כעס, זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

— „א בארג מיט ווייבער — צעקאכט זיך שייע דראזשקאזש — א כמארע מיט ווייבער, מיט טשיפעקעס, מיט קופקעס, מיט טיכלעך אויף די קעפ, גרויסע ווייבער, קליינע ווייבער, גראבע ווייבער, א מאיאנטעק מיט ווייבער, און אלע ווילן זיי, אז דער רבי זאל זיי בענטשן. אלע שטופן זיך, שטויסן זיך, און ער וויל נישט בענטשן, כעסט זיך, בייזערט זיך, שרייט, ביז ער ווערט בעסער צו זיי און זאגט: „עטס זאלט האבן געזונט און לעבן... עטס זאלט זיין מאמעס צו אייערע קינדער... עטס זאלט האבן כשרע קינדער... עטס זאלט האבן פרנסה". און ער טוט נאכדעם א געשריי: „שייע, פאר!"

דעמאלט —דערציילט שייע— פלעגט ער טון א קנאק מיט דער בייטש, ווי א שאס, א קנאל איבער דער גאנצער גאס; גראד דעמאלט ווען די ווייבער האבן זיך צעהאצקעט פון רבינס ברכות און פון התפעלות געקנייפט די אייגענע באקן, געשאקלט מיט די קעפ, פלעגט ער זיך טון א לאז מיט זיין פערדל „נאשפיץ". די פאליצייסקעס האבן שוין אויך גע־ווּסט, אז „ראבין יעדזשע" (דער רבי פארט).

„שייע דראזשקאזש האט דערציילט וועגן שמחת־תורה — זאגט הענעך— ווי דער רבי ר' מאירקע פלעגט זיך צעטאנצן, צעהאצקען. אלע פלעגן זיך כאפן אן זיין גארטל און טאנצן מיט אים צוזאמען, געזונגען, געפאטשט מיט די הענט:

„שישו ושמחו בשמחת תורה..."

— „און איך זאג דיר, פייוול —פלעגט שייע דראזשקאזש רעדן— אז מ'וועט נאך ווידער קומען צו בענדעטן אין שענק אריין אויף קראק־מאלנע און מען וועט הייסן דערלאנגען א פולקע, א שטיק גענזנס, א טע־לער לעבערקעס, א שיסל גריבענים, הייסע גרייזשלעך, א טאפ ביר..."

— „הער שוין אויף"... — פלעגט די מאמע אים איבעררייסן. — עס נישט אזוי פיל".

„ביז עס פלעגט אויסגיין די ליכט, עס פלעגט ווערן פינסטער און מען פלעגט גיין שלאפן" — דערציילט הענעך.

די מלכה שבת איז נישט אוועק, זי איז געווים געבליבן אין דער ארימער דירה פון פייוול דעם היטלמאכער, פון הענעכס טאטע־מאמע. זי האט זיך אויך אוועקגעלייגט א פארשעמטע אין א ווינקל פון שטוב, נישט

ה ע נ ע ך

ווייט פון בארג דייטשע היטלעך, וואָס זענען געווען פארדעקט מיט אַ שמאטע, זיי זאָלן נישט מחלל־זיין דעם שבת. זי איז געלעגן א צונויפ־געקנורעטע צוזאמען מיט די יידן אין דער ווארשעווער געטאָ.

„אפילו איצטער דערמאָן איך זיך א פרייטיק־צונאכטס, ווערט מיר גוט, אָבער עס זענען געווען נישט קיין סך פרייטיק־צונאכטן...״ — דער־ציילט הענעך אין אונטערערדישן לאבירינט, אין בונקער, ווו ער האָט פאר־שריבן, וואָס ער האט געדענקט. „נאָך איינעם א גוטן פרייטיק־צונאכטס איז געקומען דער טרויעריקער טאָג פאר מיין שוועסטער גיטעלע...״

קאפיטל עלף

א לוויה און א יום־טוב

— „וואָס איז, מאַמע?" — האָט הענעך געפרעגט, ווען ער איז איינמאָל אריין אין שטוב און געזען ווי די מאַמע זיצט ביי גיטעלעס בעטל און ברעכט די פינגער. „נישטאָ שוין דאָס קינד" — האָט די מאַמע געענטפערט. „זי ליגט דאָך אין בעטל", האָט הענעך צוריקגערעדט. „א טויטע..." — האָט די מאַמע געזאָגט.

הענעך האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן בעטל און געקוקט אויף זיין געשטאָרבענער שוועסטערל גיטעלע. „זי האָט דיך גערופןביים נאָמען: „הענאָ"... „הענאָ"... — האָט די מאַמע גערעדט. — „אזאָ שרפה... איין מעת־לעת האָט זי געברענט און פארברענט געוואָרן"

הענעך האָט זיך ארומגעקוקט נאָכדעם, געטאַפּט אין קעשענע זיין געלט, ווי א גרויסער, און זיך געקליבן צו דער טיר.

— וווּהין גייסטו ווידער?

— נאָך א קוויטל אין גמינע פאר גיטעלען.

דער טאַטע, וואָס איז געלעגן די גאַנצע צייט אויפן בעט אָן איינגעקנורעטער און געשוויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען אין שטוב, האָט זיך אָפּגערופן מיט א טויטער שטימע:

— גיי נישט, הענעך, האָסט נישט אזוי פיל געלט. זיי ווילן צוויי הונדערט זלאָטעס פאר א קוויטל. איך בין שוין געווען.

— „בלייבט צו טון וואָס אלע אָרימעלייט טוען — ארייןלייגן גיטעלען אין א קוישל און ארויסטראָגן צו דער געגנשער גאַס, וויל אויפן בית־עולם לאָזט מען נישט גיין — דאָרט איז שוין יענע זייט געטאָ", — דערציילט הענעך.

ה ע נ ע ך

די מאַמע האָט אים געפרעגט, וואָס ער פּאָרעט זיך אין ווינקל. דער טאַטע האָט אים געפרעגט, וואָס ער זוכט דאָרטן. הענעך האָט געענטפערט: „אַ קוישל זוך איך, אַרויסצוטראָגן גיטעלען".

די מאַמע האָט זיך צעכליפּעט, געווישט די אויגן, גערעדט צו גי־טעלען אין בעטל: „מיין אָרים פייגעלע... מיין גוטער מלאכל... ביסט, געבעך, פאַרברענט געוואָרן".

קומט־צו הענעך מיטן קוישל צום בעטל.

— ווּהין וועסטו זי טראָגן, ווינד איז מיר, ווי צו מיר?... — זאָגט די מאַמע.

— אויף גענשע — ענטפערט הענעך.

האָט די מאַמע אַליין גענומען דאָס קוישל פון הענעכס הענט און אַריינגעלייגט אין אים די געשטאָרבענע גיטעלע, איבערגעדעקט מיט אַ טיכל און געוויינט, און געוויינט אין זיך: „אַז איך האָב נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, אַז איך האָב נישט געקענט רופן אַ דאָקטאָר... זי האָט אָפּגעברענט איבער נאַכט".

טרייסט זי הענעך:

— „אַלע קליינע קינדער שטאַרבן אין אַלע שטיבער".

„די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אפשר וועט גיטעלען זיין בעסער אויף יענער וועלט. איך האָב דעמאָלט אַ נעם־געטון דעם קוישל אַוועקצוטראָגן מיין שוועסטערל. די מאַמע האָט געזאָגט צום טאַטן: „באַגלייט אַרויס דאָס קינד" — דערציילט הענעך.

הענעך האָט זיך געלאָזט גיין. די מאַמע האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז אים נאָכגעגאַנגען. זי איז געגאַנגען מיט אים צוזאַמען אויף איר טאָכטערס לוויה. אַ קליינע, אַן עלנטע לוויה, זאַלבעצווייט. דער פינסטע־רער יידישער עלנד האָט באַגלייט די דריי — דער מאַמען, דעם זון און די טאָכטער אין קוישל. דרויסן איז געווען ווייסער שניי.

אויפן שניי ליגן טויטע יידן, צוגעדעקט מיט פּאַפּיר. מען קוקט זיך אויף זיי גאָרנישט אום, מען גייט פאַרביי. הענעך האָט געטרייסט זיין מאַמען: „וועסט זען, עס וועט נאָך קומען אויף זיי אַ שטראָף". — „הלוואי, מיין קינד, זאָל שוין קומען די הילף" — האָט די מאַמע גערעדט.

גייען זיי ביידע שטיל, אין שווייגן, ביז די מאַמע רופט זיך אָפּ:

— דיר איז שווער, הענעך, גיב מיר, וועל איך אביסל טראָגן דאָס קינד.

— מיר איז נישט שווער, עס מאַכט נישט אויס.

ער האָט אָבער געטראָגן די שווערסטע משא, וואָס א מענטשן־קינד האָט ווען־עס־איז געטראָגן.

אזוי זענען זיי דערגאַנגען ביז גענשע גאַס. ווייטער גיין קאָן מען שוין נישט, ווייל ווייטער איז די ארישע זייט. „דאָ וועל איך אוועקשטעלן. איך האָב געזען, אז דאָ שטעלט מען אוועק" — האָט הענעך געזאָגט. ער האָט געוואָלט ארויסנעמען זיין שוועסטער און זי אוועקלייגן אויף דער ערד, ווייל עס איז אים געווען א שאָד דאָס קוישל. די מאַמע האָט אָבער געזאָגט:

— לאָז דאָס קינד אין קוישל, לייג עס נישט אויף דער ערד, ס'איז א רחמנות.

— מען וועט סיי־ווי־סיי צונעמען דאָס קוישל, מאַמע, ס'איז א שאָד.

— לאָז שטיין מיטן קוישל — האָט די מאַמע ווידער געזאָגט.

די מאַמע איז נישט אוועק באַלד. זי איז געשטאַנען און געוויינט: „זאָל גיטעלעס זכות ביישטיין פאַר דיר, הענעך, און פאַר ברוכן". הענעך האָט געצווינגען זיין מאַמען אוועקצוגיין און געזאָגט: „הער שוין אויף, מאַמע, לאָמיר גיין גיכער אהיים, וועסט זיך נאָך צוקילן..."

„אז מיר זענען געקומען צוריק, אין שטוב, האָט שוין געברענט אויפן טיש א לעמפּל און דער טאַטע האָט געזאָגט תהילים. ער האָט איבערגע־ריסן און געזאָגט נאָר איין וואָרט: „נו?..." „זעסט דאָך" — האָט די מאַמע געענטפערט און זיך אראָפּגעזעצט אויף דעם בענקל.

— „ברוך דיין אמת"... — האָט דער טאַטע זיך דערמאָנט צו זאָגן און ווידער געקוקט שטיל אין ספרל, און געמאַכט מיט די ליפּן.

„אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען פאַרקויפט גיטעלעס בעטל און אָפּגענומען דרייסיק זלאָטעס. עטלעכע טעג זענען געווען אומעטיקע, אָבער נאָכדעם איז געווען פריילעך, ווייל מיין חבר טאדל האָט מיך גענומען אין יתומים־הויז אויף א פאָרשטעלונג, ווייל עס איז גראָד געווען דעמאָלט פּורים" — דערציילט הענעך ווייטער. — „טאדל האָט געזאָגט, אז מען וועט דאָרטן אויך געבן א קיי".

ה ע נ ע ך

עס איז געווען א פול הויז מיט קינדער, אזוי ווי עס איז געווען אין דער שולע פאר דער מלחמה. ער האט דארטן געזען צוויי באקאנטע יינגלעך פון זיין שולע, וואס איז געווען אויף טווארדע גאס.

דארט איז אויך געווען דער לערער ברוידע פון דער שולע אויף טווארדע גאס. ער האט הענעכן דערקענט און זיך געפרייט מיט אים: „לעבסט נאך?...“ נאכדעם האט ער אים אריינגערופן אין א קליינעם צימער און אים געגעבן אנצומעסטן א פאר שיך.

„איך האב אראפגעשלעפט די צעכליאפעטע שיך, וואס האבן דורכגעפאטשט די בלאטעס פון ווארשע ביז גארוואלין“ — דערציילט ער — „און אריינגעשטעקט די פיס אין די נייע שיך. ס'איז גוט!... ס'פאסט!...“

— טראג געזונט, הענעך.

— א דאנק, לערער.

דעמאלט האט זיך געהערט א קלונג פון גלאק, פונקט ווי אמאל אין שולע. ער האט דאס שוין לאנג נישט געהערט. „עס האט מיר א טיאכקע געטון אין הארצן“. דער לערער ברוידע דארף שוין לויפן צו די קינדער. עס דארף שוין באלד עפעס זיין. עס איז שוין פורים. זאל דער לערער ברוידע גיין צו די קינדער. הענעך וועט שוין אליין געפינען א פלאץ אויף א באנק אין גרויסן זאל. אקוראט ווי אין דער פאלקס־שולע אויף טווארדע גאס.

ער זיצט און קוקט זיך איין. עס הענגט אראפגעלאזן א פארהאנג, אויף וועלכן עס איז אויסגעמאלט א גרויסע מנורה, א מגן־דוד, אזא ווי אלע מענטשן טראגן אויף די ארבל.

נאך א קלונג. דער פארהאנג איז נאך אלץ אראפגעלאזט. ער, הענעך, איז אויך אמאל געווען אויף א סצענע, ווען די שולע פון טווארדע גאס האט געשפילט טעאטער. ער איז דעמאלט געווען א יינגל, וואס גייט אוועק אין א ווייטן לאנד, זוכן די ביימער, אויף וועלכע עס וואקסן זיסע גן־עדן עפעלעך. ער איז געגאנגען, געגאנגען און געזונגען:

„איך בייס מיט מיינע ציין אין אן עפל,
א ווייכינקן און א געשמאקן.

י ע ק ב   פ א ט

שמעקט מיר פון עפל דער זומער
מיט די גערויטלטע באַקן".

טרעפט ער אויפן וועג א פאסטוך, וואס פאשעט ווייסע שעפסעלעך אין פעלד, זאָגט צו אים דער פאסטוך: יינגעלע, פארוואס זאָלסטו גיין זוכן גילדערנע עפעלעך? — א'מער ווער א פאסטוך און פיר די שעפסעלעך צום וואסער טרינקען".

נעמט ער און פאָלגט דעם פאסטוך, ווערט ער אליין א פאסטוך פון שעפסעלעך, זיצט ער ביים טייך, ווו די שעפסעלעך טרינקען וואסער...

ערשט דער פאַרהאנג עפנט זיך. א לערער שטייט מיט דער פלייצע צו אלעמען און מיטן פנים צו די קינדער, וואָס זענען אויף דער סצענע. הענעך איז אויך אמאָל געווען אין כאַר, אין דער שולע אויף טווארדע גאס. די קינדער זינגען דאָס זעלבע ליד, וואָס הענעך קען אויף אויסווייניק:

„מיר קומען אָן,
מיר קומען אָן..."

א סך קינדער אין זאַל קענען דאָס ליד. זיי מאכן מיט די ליפּן און ברומען־מיט שטיל. מסתמא האָבן זיי אויך געלערנט אמאָל אין שולע. טוט זיך א קער דער לערער, וואָס שטייט אויף דער סצענע, מיטן פנים צו די קינדער אין זאַל. מיינט הענעך, אז ער וועט הייסן אלעמען שטיל זיין, אָבער ניין, ער מאכט מיט די הענט צו אלע קינדער, אז זיי זאָלן מיט־זינגען. אין דער רגע האָט הענעך אים דערקענט. ער האָט זיך א ציי־געטון פון זיין אָרט, געטון זיך א שטעל אויף דער ערד אויף מיט די שפּיץ פינגער, און א געשריי־געטון:

— לערער גלאַדשטיין!...

דאָס איז דאָך זיין לערער. ער האָט דאָך געלערנט זינגען אין הענעכס שולע אויף טווארדע גאס, אויף דער זומער־קאָלאָניע אין וואלר. דער לערער האָט א קוק־געטון, אים דערזען, אויך דערקענט און א שמייכל געטון צו אים. הענעך האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט, ווי ער וואָלט קומען פון א גרויסער נסיעה.

ה ע נ ע ד

נאָכן כאָר זענען ארויפגעקומען גאָר קליינע קינדערלעך. זיי זענען נישט ארויפגעקומען, נאָר ארויפגעשווומען. קליינע, ווי זיין שוועסטערל גיטעלע. זיי זענען אָנגעטון ווי קעצעלעך, זיי גייען און מיאַוקען, גייען און שפּרינגען, גייען און טאַנצן, גייען און שפּילן אויף פידלען, פייפן און גלעקלען, און זיי זאָגן אזוי:

„איין קעצל שפּילט פידל,
איינע פויק,
איינע באַס,
און אַ קעצל אויף א רידל
מאַכט אַ וואָרע אויפן גאַס".

אלע פּאַטשן בראַוואָ, ווייל עס איז זייער שיין געווען, און די קליינע קעצעלעך האָט מען געקאָנט אויפעסן, אזוי געשמאַק זענען זיי געווען. אלע אין זאל פּאַטשן און פּאַטשן. „איך האָב געפּאַטשט מיט אלע כוחות. עס האָט מיך זייער פאַרדראָסן, וואָס גיטעלע איז שוין נישטאָ".

נאָכדעם האָט מען געמאַכט אַ פּורים־פּאַרשטעלונג. לויפט ארויף אויף דער בימה עפּעס אַ האָצמאַך מיט גלעקלעך, מיט בענדלעך, מיט א גרויסן שטעקן אין האַנט און שרייט פריילעך:

„מאַכט אַ וואָרע פאַר די פּורים־שפּילער. היינט איז פּורים און מאָרגן איז אויס, גיט מיר א גראָשן און טרייבט מיך ארויס!..."

קומט ארויף א יינגל, באַהאַנגען מיט סטענגעס, שטיקלעך לייוונט, ציץ, מיט א מאַסקע אויפן פּנים, און זינגט:

„קויפט, קויפט קונים,
קונים, קומט אהער,
איך האָב אַ מאַרק אַזוינעס,
וואָס איז צו קריגן שווער:
גלעקלעך, שפּילכעלעך,
בייטשן, שטעקעלעך,
פּיסנזעקעלעך,

יעקב פאַט

אַלעס, וואָס איך גלוסט,
ביי מיר איז האַלב אויסגעטאָן!"

ער מאַכט עס אַזוי גוט און אַזוי שיין, אַז אַלע לאַכן און פּאַטשן. נאָכדעם הערט מען טרומייטערן, שופר־בלאָזן. עס קומט אַרויף אַ פערד, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי יינגלעך, איבערגעדעקטע מיט אַ טוך. אויפן פערד רייט מרדכי היהודי און המן פירט דאָס פערד פאַר אַ שטריקל. מרדכי איז געווען אָנגעטאָן אין בלויען און אין ווייסן, מיט אַ פּאַפּירענער קרוין אויפן קאָפּ. עס זענען אַרויפגעקומען אַ סך קינדער און האָבן געשריען:

„פאַר די יידן איז געקומען אַ ישועה,
המן צורר־היהודים איז אויף דער תליה..."

איז געוואָרן אַזאַ פּאַטשעריי, אַזאַ קלאַפּעריי אין גרויסן זאַל, אַז די קינדער אויף דער סצענע זענען אַזוי ווי משוגע געוואָרן פון פרייד. די קינדער אין זאַל האָבן געשפּרונגען פון די ערטער. דאָס פערד אויף דער סצענע האָט אויך געטאַנצט; מרדכי, וואָס איז געזעסן אויפן פערד, האָט זיך געהאָצקעט.

זענען אַרויפגעקומען אויף דער סצענע קינדער מיט הויכע שטעקנס און אויף די שפּיצן פון די שטעקנס מגן־דודס. די קינדער האָבן געטאַנצט מיט די שטעקנס און די מגן־דודס. דעמאָלט איז אַרויפגעקומען דער „אַל־טער דאָקטאָר" מיטן קליינעם בערדל, מיטן גרויסן פּליך אויפן קאָפּ, וועמען אַלע קינדער האָבן ליב, און האָט אָנגעהויבן פּאַטשן און פּאַטשן מיט די הענט. ער האָט געזאָגט, אַז עס זאָל זיין שטיל, און אַז עס איז שטיל גע־וואָרן, האָט ער געזאָגט:

— זאָלן אַלע קינדער אין זאַל אויפהייבן זייערע הענט מיט די מגן־דודס אויף די אַרבל. געדענקט, קינדער, אַז אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַלטן הויך די פאָן מיטן צייכן פון מגן־דוד. הייבט־אויף די הענט מיט די מגן־דודס!

ה ע נ ע ד

די קינדער האָבן אזוי געטון. עס איז געוואָרן אין דער לופטן א פּור־לער זאל מיט מגן־דודס.

נאָכדעם זינגט דער גאנצער זאל צוזאמען מיטן כאָר. הענעך זינגט אויך. ער שטייט שוין אויף דער באנק מיט נאָך קינדער און זינגט. „דער לערער גלאַדשטיין האָט געזען ווי איך זינג — דערציילט הענעך — האָט ער געמאַכט צו מיר מיט די הענט, אזוי ווי ער פלעגט מאַכן אין דער שולע אויף דער טווארדע גאַס. איך האָב הויך געזונגען, טאַקע זייער שטארק".

ק א פ י ט ל צ ו ו ע ל ף

אראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן

נאָך פּורים זענען די טעג געלאָפן צו פּסח. עס איז געוואָרן וואַרע־מער מיט יעדן טאָג. מען האָט שוין געקאָנט זיך ארומוואַלגערן גאַנצענע טעג אין די גאַסן. ערב פּסח האָט דער טאַטע געזיפּצט, דערמאָנענדיק זיך אָן מצה. חמץ... — האָט ער עטלעכע מאָל געזאָגט צו זיך אליין. פּסח איז אויך אוועק און הענעך האָט זיך ארומגעשלעפּט מיט „טשאַטעס" יינגלעך איבער די גאַסן, געשלעפּט פון קוישלעך, גענגבעט, געכאַפּט וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט.

אונדזער חברה זעט — דערציילט הענעך — אַן אַלטער, קליינער, דארער, גרויער יידעלע, אַזוי ווי אַ יינגל, פירט אויף אַ וועגל אַ פּאָר פּעק־לעך בעטגעוואַנט און וועש. באַפאַלן מיר דאָס וועגל, מאַכן אים ליידיק, צעכאַפּן אַלץ, און לויפן אוועק אַפּליינען אין אַ באַהעלטעניש די סחורה. איך קום צוריק צום זעלבן פּלאַץ, זע איך, דער אַלטיטשקער שטייט נאָך אַלץ אויפן זעלבן אָרט, ווו ער איז געוועז, און כליפּעט: זיי האָבן מיך אוועקגעהרגעט, אוועקגעהרגעט, די לאָבוסעס. „אוועקגעלייגט, אוועק־געלייגט!..."

„דעמאָלט האָט עס מיך פאַרדראָסן, אָבער עס איז שוין געוועזן פאַר־פאַלן, צוריק גיט מען נישט. איך האָב נאָר געטראַכט, אַז סיי־ווי־סיי כאַפּט מען דאָך אַלץ צו".

דערציילט הענעך, אַז ער האָט געזען, ווי זייער שכנה באַשע די שוואַר־צע גייט נאָר ארום ווי אַ משוגענע. זי כאַפּט אים און האַלט אים פעסט אין אירע גרויסע הענט. זי וויל אים נישט אַפּלאָזן און רעדט

ה ע נ ע ד

צו אים: וואָס טוט מען?... וואָס מאַכט מען?... ווו לויפט מען?... ער האָט זיך קוים ארויסגעריסן פון איר.

„ביז אינמיטן זומער — דערציילט ער — האָב איך געארבעט מיט מיין ברודער ברוך ביים שמוגל פון יענער זייט אויף דער זייט. נאָר איינמאָל, אז מיר זענען צוגעקומען צום פּארקאן פון דער יידישער זייט, האָבן מיר דערזען, אז די געטאָ איז ארומגעשטעלט מיט אוקראינער און לעטן. ביי דעם אָרט איז דער פּארקאַן געווען געמאַכט פון שטעכעדיקע דראָטן און מיר האָבן געקאָנט זען, אז אויף יענער זייט „קערט זיך די וועלט". איך האָב געזען ווי די יידן לויפן איבער די גאסן, א דייטשער אויטאָ פאָרט ארויף גלייך אויף א ריקשע און דערהרגעט אים".

עס איז געווען אינמיטן זומער, יולי, 1942.

ביידע ברידער האָבן געזען, אז זיי וועלן דאָ היינט נישט קאָנען דורכקריכן דעם פּארקאן, זענען זיי אוועק צו דער געטאָ־וואך ביי די גאסן גענשע־אקאָפּאָווע — אפשר וועט דאָרטן זיין דער מזל בעסער?... ערשט דאָרט שטייען אויך אוקראינער. עס איז שלעכט, עס איז נאָך נישט געווען אזוי שלעכט!

זענען זיי אוועק צום סקווער פון גענשע גאס און דאָרט האָבן זיי געהאט מער מזל — זיי האָבן געקאָנט אריין אין געטאָ. זיי האָבן אָבער נישט געוווסט, אז דאָרט פאלן זיי אריין אין רעכטן אומגליק — די „גרויסע אקציע" האָט זיך שוין געהאט אָנגעהויבן. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער סמאָטשע גאס, ביי דער מיליטערישער טורמע אויף דער גענשע, איז שוין די גאס געווען ארומגענומען מיט מיליציאנטן, וואָס האָבן געכאפּט יידן.

זייער היים שטייט ווייט פון דאנען. עס איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן קומען אהינצו. דאָ לויפן ארום די מענטשן ווי צעדרייטע. „ערשט מיר זעען — דערציילט ער — אז די פּאָליציי יאָגט א גרויסע כאַפּטע משוגעים".

— ווער האָט עס אים געזאָגט? ווער האָט עס אים דערציילט?... —

אבי הענעך ווייסט שוין, אז דאָס האָט די פּאָליציי ארויסגענומען אלע משוגעים פון א משוגעים־הויז און טרייבט זיי צו סטאַווקע־גאס, צום „אומשלאגפּלאץ".

— „מען טרייבט זיי צו דערשיסן...״

הענעך דערקענט צווישן די משוגעים יאָסל דעם משוגענעם. מען רופט אים: „יאָסל אַלע גליך...״ ער פלעגט ארומלויפן איבער די גאסן, אָפּשטעלן זיך ביי געזעמלעך מיט יידן, ביי קרעמלעך, ארויפלויפן אויף הייף, וואָס זענען געווען באלייגט מיט יידן, און ארויסשרייען אין מיטן דערינען נאָר צוויי ווערטער: „אַלע גלייך״... „אַלע גליך״... — ער גייט איצט אויסגעצויגן, שטארק, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און שרייט אזוי ווי מיט שמחה: „אַלע גלייך״... „אַלע גלייך״...

גייט אַן אנדער משוגענער, א יונגער בחור, א צעשויבערטער, מיט א צעפליקטן הוט אויפן קאָפּ מיט גרויסע ראנדן, טראָגט אויף די הענט א קלעצל און רעדט הויך: „מיין כלה פייגל...״ „מיין כלה פייגל״.

גייט א ווייבל מיט א טוך איבערן קאָפּ, שטיקער צעריסענע קלייד הענגען ארום איר, און זי שרייט צו די ווייבער ארום איר: „שטייגן מיט פייגעלעך. קאנאַריקעס... פאָטאָגראַפיעס פון אמעריקע...״

עס גייט א הויכער ייד, א שווארצער, מיט א לאנגער באָרד, אנגעטון אין ברילן. ער גייט מיט אַן אָפענעם ספר, ער גייט און קוקט אין ספר, גייט און קוקט. ער זעט גאָרנישט ארום אים און קוקט נאָר אין ספר. זיי גייען זאלבעצווייט — ער מיטן ספר.

גייט „זרחקע מיט די שמאַטעס״. ער פלעגט שטענדיק גיין מיט שמאַטעס ארומגעוויקלט איבער זיינע שיך. יינגלעך פלעגן אים נאָכלויפן און פרעגן: „זרחקע, פארוואָס טראָגסטו שמאַטעס אויף די פיס?״ פלעגט ער ענטפערן: „עס זאָל זיך גיין שטיל״. „פארוואָס דארפסטו גיין שטיל?״... — „ווייל מען שלאָפט, מען דארף נישט אויפוועקן״. — גייט ער איצט, א קליינינקער, אַן אלטיטשקער, מיט א ווייס בערדל, גייט שטיל, מיט שמאַטעס ארום זיינע שיך, גייט און שמייכלט.

מען יאָגט זיי, די משוגעים, מען טרייבט זיי, מען הייסט זיי לויפן. די פאָליציאַנטן „ארבעטן״ מיט שטעקנס, א פּאָר דייטשן גייען פון די זייטן און שיסן. הענעך קען זיך פון דעם נישט אָפּרייסן.

געענדיקט מיט די משוגעים, קומט אָן אַן אנדער מחנה — עס גייען בעטלערס, „א כמאַרע מיט בעטלערס״. — ווו האָט מען עס צונויפגענומען מיט אמאָל אזוי פיל בעטלערס? — „אפשר טויזנט״.

ה ע נ ע ך

זיי גייען ארומגעריסענע, ארומגעשליסענע, ארומגעפליקטע, ארומ־געבונדענע מיט שטריק, מיט חסידישע גארטלען, קאליקעס, בלינדע, מיט קוליעס, מיט שטעקנס, מיט הילצערנע פיס, אלטע ווייבער, יונגע מיידלעך, באבעשים, זיידעס — זיי גייען און שרייען. און שעלטן. זיי גייען אלע מיט מגן־דודים אויף די ארבל. זיי גייען און מאכן מיט די הענט, זיי „מאַ־כעווען מיט די מגן־דודים", און זידלען און ליארעמען, און האָבן גאָרנישט קיין מורא. אנדערע פאלן אום אויף דער ערד און מען טרעט אויף זיי, און מען גייט ווייטער. אנדערע גייען מיט קינדער אויף די הענט, אנדערע ווערן פארמאטערט אוןווארפן אראָפּ די קינדער פון די הענט, ביי אנדערע כאפן ארויס די מיליציאנטן די קינדער און שליידערן זיי אוועק.

„גרויסע דייטשן, גראָבע, געזונטע, ברייטע, מיט גרויסע הינטער חלקים, אין געלע שטיוול, מיט הויכע, דארע הינט אויף לאנגע פיס. גייען פון די זייטן. די הינט זענען ברוינע און שווארצע —דערציילט הענעך. — די הינט זענען שטילע, זיי טוען זיך נאָר א ריס פון אָרט און בייסן זיך אריין אין די מענטשן. ווען די מענטשן שרייען, שפרינגען, קוויטשען, דעמאָלט ווערן די הינט משוגע און שפרינגען ארויף אויף די מענטשן, שפרינגען גלייך אין פנים אריין"...

דייטשן פאָטאָגראפירן די גאס מיט די יידן־בעטלערס. זיי ווילן די בילדער שיקן אין דייטשלאנד אריין. זאָלן זיי דאָרט הנאה האָבן — זאָלן דייטשן זען דעם יידישן מארש!

— „מארשירען!... דומע, דרעקיגע יודען!... — שרייט א דייטש איבער דער סמאָטשע גאס, איבער דער אלטער יידישער געטאָ, ווי ער וואָלט זיין א דייטשער קייזער.

קריכט ארויס א בעטלער מיט א גרוי בערדל, א הויכער, א דארער, הויט און ביינער, און רעדט צום דייטש מיט תחנונים:

— „הארעלע, גנעדיקער הארעלע, ערבארם זי זיך אויף אָן אָרימען יודע... שענקען זי מיר דאָ א קיילכל, איין קיילכל, זשאלעווען זי נישט..."

ער ווייזט אים אויף זיין הארץ. דער דייטש טוט אים צוליב אויף מיטן דער גאס.

— „הארעלע, מיר אויך, טוען זי א טובה..." — בעט א צווייטער.

ווייל אים דער דייטש נישט שיסן און הייבט אים אָן צו שלאָגן מיט א שטעקן. לויפט צו א יידענע, א בעטלערקע און רעדט צום דייטש אזוי:

— „הארעלע, שאוען זי, שלאָגן זי ניט מיין מאן, שלאָגן זי בעסער מיך...״

מיליציאנטן שלעפּן די יידענע מיט א קאָפּ שווארצע, צעפלאָשעטע האָר. זי וויל נישט גיין, זי וועט נישט גיין, זאָלן זיי פארענדיקן מיט איר דאָ אויפן אָרט. זי האָט פארלוירן די מורא. זי לאָזט זיך אראָפּ אויף דער ערד און גראָבט זיך אריין מיט די הענט אין די שטיינער. זיי שלעפּן זי, רייסן זי פון דער ערד, זי גיט זיך נישט אונטער. א מאָדנער כוח איז אריין אין דער יידענע. זי וועט נישט גיין. זיי שלעפּן זי, צעפליקן איר בלוזקע, זי בלייבט מיטן נאקעטן לייב און שרייט איבער דער גאנצער גאס:

— „ממזרים!... אייערע ווייבער וועט מען אזוי צעפליקן!... טריפה־נע בלוט!״

— האלט די פרעסע, דו לאוזע יידין — שרייט א דייטש און האקט אין איר אריין א קויל.

זי האָט אויסגעפירט, זי בלייבט אויפן ברוק און גייט שוין מער נישט ווייטער.

אין מיטן דערינען גייט א מיליציאנט און פירט צוויי נאקעטע יידן, אינגאנצן נאקעטע. איינער איז אַן אלטער מיט א באָרד, און דער צווייטער איז א יינגל. ווו זענען זייערע קליידער?... פארוואָס פירט מען זיי נאקעטע?... קיינער ווייסט נישט, אָבער מען פירט זיי אזוי.

ערשט עס גייט „שבתי משיח״, אזוי האָט מען אין גאס שטענדיק נערופן דעם שווארצן שבתי. ער גייט א פריילעכער. ער פּאטשט מיט די הענט און טאַנצט אונטער, ער שטעלט צוביידע פויסטן צום מויל, איינעם נאָכן אנדערן, ער מאכט מיטן מויל, ווי ער וואָלט בלאָזן שופר און ער שרייט נאָכדעם:

— יידן!... טייערע יידן!... הייליקע יידן!... מען גייט שוין ארויס פון גלות... שטייט נישט!... קומט מיט!...

באלד נאָכדעם — פּיף־פּאַף, א קויל, און עס איז געוואָרן אוים מיט דעם שווארצן שבתי, ער איז ארויס פון גלות.

„איך בין געווען אינגאנצן צעטומלט —דערציילט הענעך— איך

האָב שוין גאָרנישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. איך האָב דער־זען, אַז ברוך איז נעבן מיר און איך האָב געזאָגט: „ברוך, לאָמיר גיכער אַנטלויפן!"

מען קען שוין אָבער נישט אַנטלויפן. זיי זענען צו לאַנג געווען אין גאַס. אַ גרויסע מחנה פּאָליציי לאָזט זיך פון אַלע זייטן, מען טרייבט, מען יאָגט, מען לויפט. ווּ איז ברוך? — הענעך זעט אים נישט מער. „מיר זענען אַריינגעפאַלן אין קעסל" — דערציילט הענעך.

די גאַס ווערט פול מיט יידן, מען טרייבט זיי אַהערצו פון אַלע זייטן. עס ווערט ענג, עס ווערט אַ בהלה, אַ צעטומלעניש. איינער שטופּט דעם צווייטן, שטויסט דעם אַנדערן. הענעך איז אין סאַמע מיטן, אין רעכטן „קעסל".

עס פאָרן אָן גרויסע פּאָליציישע וועגענער, מען טרייבט יידן אויף די וועגענער, מען טרייבט אויך הענעכן.

„הענעך, דו ביסט פאַרטיק!..."

ער איז שוין אויפן וואָגן מיט נאָך אַ סך יידן צוזאַמען. דער וואָגן רירט זיך, מען פאָרט שוין, וווּהין? „מען ווייסט שוין וווּהין, צום אומ־שלאַגפּלאַץ".

„איך האָב געוווּסט —דערציילט ער— אַז איך מוז זיך ראַטעווען, איך מוז פאַרשווינדן, איך מוז „נישט ווערן". איך האָב מער גאָרנישט געזען, גאָרנישט אַנדערש געטראַכט, ווי — „ראַטעווען זיך".

דער וואָגן האָט זיך גראָד דערמאָלט פאַרדרייט אויפן ראָג גענשע גאַס, האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אַ ווילדער כוח, אים אַ טראָג געטאָן פון וואָגן אַראָפּ. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אין דער בהלה, ער האָט דערשפּירט די ערד אונטער די פיס. דער וואָגן איז אַוועקגעפאָרן ווייטער און ער האָט אָנגעהויבן לויפן צוריק, צוריק, אין אַ זייט —

„הענעך, צי אָפּ!..."

ער איז געלאָפן. פריער האָט ער געמיינט, אַז מען יאָגט זיך נאָך אים, דייטשן יאָגן זיך מיט הינט, מיליציאַנטן לויפן נאָך אים מיט שטעקנס... — ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט. ער איז געלאָפן און גע־לאָפן, ביז ער האָט דערשפּירט, אַז עס ווערט שטילער און שטילער, עס ווערט ליידיקער אַרום אים. ער שטעלט זיך אָפּ, גיט אַ קוק הינטער זיך,

ערשט — קיינער איז נישטאָ, מען יאָגט זיך נישט נאָך אים. „זיי האָבן געגנוג יינגלעך חוץ מיר".

איצט איז נישטאָ קיין אנדער זאַך וואָס צו טון ווי לויפן אהיים. ער מוז זיך שוין די מינוט אָפּטראָגן פון דאנען, אוועק וואָס גיכער פון „קעסל". לויפט ער צו דער גזשיבאָווסקע. „ערשט איך קום צו דער סאָלנע נאָס —דערציילט ער— איך זע מיין ברודער ברוך אינמיטן דערינען. פרעג איך אים: „וואָס טוסטו דאָ?..." זאָגט ער מיר, אז ער זוכט מיך ארום און ער האָט נישט געוואָלט אריינגיין אין שטוב אָן מיר. ער פרעגט מיך, ווו איך בין פאר דער צייט געווען, זאָג איך אים, אז איך בין ארויסגע־שפּרונגען פון וואָגן סאַמע פארן טויער פון „אומשלאַגפּלאַץ", אין דער לעצטער מינוט. מיר האָבן זיך ביידע זייער דערפרייט און אוועק אהיים צו זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן".

ק א פ י ט ל ד ר י י צ ן

זיי האָבן נישט געקענט לאָזן די יתומים אליין

הענעך און ברוך האָבן אָפּגעמאַכט, אַז זיי מוזן ארויס פון געטאָ אויף „יענער זייט", ווייל אין געטאָ איז מען פארשפילט, מען וועט זיכער אומקומען. עס איז אָבער געוואָרן זייער געפערלעך זיך אריבערצוכאַפּן אויף „יענער זייט". אלע דורכגאנגען זענען פארשפארט און באוואכט.

„מיר האָבן זיך געלאָזט גיין" — דערציילט הענעך — „צום געטאָ־טויער אויף דער כלאָדנע גאס. מיר האָבן אָבער געזען, אַז דאָרט קאָן מען קריגן א הורג גלייך אויפן אָרט, זענען מיר שנעל אוועק פון דער כלאָדנע גאס און געגאנגען צו די דראָטן אויף שעננא גאס. מיר זענען אָבער דאָרט ריכטיק אָנגעקומען אויף א געפערלעכער סצענע".

א קליין יידיש מיידל, וואָס האָט זיך פארנומען מיט שמוגל, איז געשטאנען אויף דער ארישער זייט, ריכטיק ביי די דראָטן, און געזוכט מיט די אויגן ווי דורכצוקריכן אויף ד ע ר זייט. אביסל אָפּגערוקט פון איר זענען געשטאנען אוקראַינער. זי האָט זיך געוואקלט, וואָס זי זאָל טון, ביז זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, זיך צוגערוקט צום אוקראַינער און אים געבעטן, אַז ער זאָל זי לאָזן דורכקריכן אינעווייניק. דער אוקראַינער האָט צו איר א שמייכל געטון און געזאָגט: „גיי, גיי..." עס הייסט, זי זאָל נישט מורא האָבן.

דעמאָלט האָט זי זיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד און גענומען ארונטערקריכן אונטער די דראָטן, כדי אריינצוקומען אין געטאָ. אין דער רגע האָט דער אוקראַינער ארונטערגענומען זיין ביקס און אריינגעשאָסן אין איר. זי איז געבליבן אזוי ליגן, מיטן קעפּל אויף דער יידישער זייט און מיט די פיס אויף דער גויאישער זייט. דער אוקראַינער איז פאַמעלעך

צוגעגאַנגען צו איר, גענומען ביי די פיס, זי אַרויסגעשלעפּט און זי אַרי־בערגעוואָרפן אין געטאָ ווי א פּעקל. זי איז געפאַלן אויף דער יידישער זייט, מיט א „צעמורשטשעט" קעפּל.

די געטאָ האָט צוריק באַקומען נאָך א טויט יידיש קינד.

„איך האָב זיך פון דעם זייער דערשראָקן" —דערציילט הענעך— אַז מען זעט ווי אַזוי עס „פליט" א טויט יידיש קינד, קאָן מען נישט בלייבן שטיין, און מיר האָבן זיך אָפּגערוקט פון די דראָטן, ווו עס איז אַראָפּ־געפאַלן דאָס מיידל.

ווען זיי האָבן זיך פון דאָרט אָפּגערוקט א ביסל, האָבן זיי דערזען, אַז דאָרט דרייט זיך אַרום א יינגל. „ווי רופט מען דיך?" — „לייבל". — „ווי איז דיין צווייטער נאָמען?"... — „אייכעל". — „ווילסטו גיין מיט אונדז אויף יענער זייט?" — „איכל שוין דאָ בלייבן מיט מיינע עלטערן, איך וואַרט דאָ אויף מיין מאַמען..."

ערשט עס קומט אונטער זיין מאַמע. וואָס האָט זי צו טון ביי די דראָטן? — זי האָט צוויי זין אויף דער אַרישער זייט, דרייט זי זיך דאָ אַרום און וואַרט, טאָמער קומען אונטער אירע זין, וועט זי זיי ווייזן, זיי זאָלן נישט אַריבערקומען און גלייכער בלייבן דאָרטן, אויף יענער זייט. „מוטשעט זי זיך ביי די דראָטן און אירע זין קומען נישט אַרונטער".

„לאָמיר גיין אין דער חורבה!"... —לייגט פאָר אייכעל די צוויי ברי־דער הענעך און ברוך. ער זאָגט, אַז דאָרטן איז א גוטע באַהעלטעניש און א סך יינגלעך און מיידלעך באַהאַלטן זיך דאָרט.

די „חורבה" איז אַן אָפּגעברענט הויז מיט א סך קינדער פון דער גאַס. מען דערציילט זיך דאָרט ווילדע מעשיות. עס קומען דאָרט אַריין יינגלעך, וואָס האָבן זיך לעבעדיקעהייט דורכגעריסן דורך דעם „קעסל", און זיי דערציילן, וואָס דאָרט טוט זיך. מען שלאָגט זיך אין „חורבה". מען כאַפּט און מען רייסט אַרוים איינער פון צווייטן וואָס מען האָט נאָר. עס זענען דאָ יינגלעך און מיידלעך, וואָס מען רופט „חתנים" און „כלהם".

קומט א יינגל פון זשעלאַזנע גאַס און דערציילט, אַז זשאַנדאַרן און מיליציאַנטן זענען געקומען אין יתומים־הויז, טאַקע דאָרט, ווו מען האָט געהאַט געמאַכט די פורים־שפּיל, ווו עס איז געווען דער לערער ברוידע,

און ארויסגעשלעפּט אַלע קינדער אין וועגענער אריין, וואָס זענען געשטאַ־נען פאַרן טויער.

— „די פּאַניע סטעפּאַניע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ סך קינדער. זי האָט נישט געלאָזט די מיליציאַנטן, זיי זאָלן זי ארויפזעצן אויפן וואָגן מיט די קינדער, נאָר זי איז אַליין ארויף און געשטאַנען אויפן וואָגן מיט אַ גרויסער טאָרבע ברויט, אָנגעשפּאַרט אויף איר שטעקן... אַז קיין וואָגן איז שוין מער נישט געווען, האָט מען אויסגעשטעלט די קינדער אין שורות און זיי זענען אוועק צוזאַמען, איינע נאָך די אַנדערע, מיט דעם אַלטן דאָקטאָר פּאַראַוים".

דערציילט הענעך:

„אַז איך האָב דאָס געזען, האָב איך זייער געוואָלט וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט מיין חבר טאַדל, וואָס האָט מיך געהאַט גענומען אויף דער פּורים־פאָרשטעלונג. איך האָב אָבער ניט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן וועגן אים און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין אויך אוועק".

אויף מאָרגן האָט נאָך אַלץ געקאָכט דער „קעסל" אין געטאָ. הענעך דערציילט, אַז ער מיט זיין ברודער קאָנען נישט איינזיצן און זיי קריכן ארום איבער דער גאַס. ערשט „מיר זעען, עס פאָרט אַ פולע פור מיט יידן. אויף דער פור איז אויך לייבל אייכעל מיט זיין מאַמען. לייבלס מאַמע שרייט צו אונדז, אַז מיר זאָלן געפינען אירע זין און זיי אָנזאָגן, אַז זיי זאָלן זיך ראַטעווען, און די פור פאָרט אוועק מיט איר און מיט די יידן און מיט איר זון לייבל אייכעל".

שרייט אַ מאַמע, מען זאָל ראַטעווען אירע קינדער. דייטשן פירן זי ארויס פון דער וועלט און זי שרייט. בלייבט הענגען דער מאַמעס רחמנות־געשריי איבער דער גאַס פון נאַצישער רציחה.

דער „קעסל" קאָכט שטאַרקער און שטאַרקער. מען כאַפּט יידן, מען טרייבט, „עס איז אַזאַ „גראַטשקע" (בהלה) —דערציילט הענעך— אַז איך ווייס שוין נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר".

ארום און ארום, ווו עס זענען הענעך מיט זיין ברודער, יאָגט מען, כאַפּט מען, שיסט מען. זיי ביידע זענען ארויפגעלאָפן אויף אַ הויף, ווו אַ בחור איז ארויפגעלאָפן, זיי זענען געלאָפן נאָך אים.

„ער איז ארייננגעלאָפן אין אַ שטוב, מיר — נאָך אים. די שטוב

איז א פוסטע. ערשט מיר זעען, אז ער טוט דאָרט אָן עפּן א גרויסן שופ־לאָד פון א גרויסער קאָמאָדע און קריכט אריין אינעווייניק און ער שלעפּט אריין צוריק פון יענער זייט דעם שופלאָד פון דער קאָמאָדע. שוין, ער איז אויף יענער זייט, מ'זעט אים נישט. טוען מירביידע דאָס זעלבע — שלעפּן ארויס שנעל דעם שופלאָד, קריכן אריין און קריכן ארויס אויף יענער זייט. דעם שופלאָד שלעפּן מיר אריין צוריק, אזוי ווי דער בחור האָט געטון, מען זאָל נישט דערקענען. מיר גיבן א קוק, אז מיר זענען אריינגעפאלן אין א קליינעם צימערל הינטער דער קאָמאָדע, וואָס איז דאָרט פול מיט יידן".

דאָרט איז פינסטער, עס געדויערט ביז מען געוווינט זיך צו און מען הייבט אָן עפּעס צו זען. עמיצער האלט א פלאש און זופּט וואסער. ווילט זיך זייער אין דער פינסטער ארויסרייסן פון אים די פלאש און טרינקען, טרינקען, ווייל מען איז זייער דורשטיק. עס געדויערט לאַנג. מען ווייסט נישט, צי איז טאָג, צי איז נאכט. אפשר קאָן מען שוין ארויס־רוקן דעם שופלאָד און ארויסקריכן? איין ייד וויל דאָס טאָקע טון. די אנדערע לאָזן אים נישט, שלעפּן אים אָפּ, ער לאָזט זיך אָבער נישט אָפּ־שלעפּן: „איכל ארויס!... איך מוז ארויס!... איך וויל דאָ מער נישט זיין!..." — שרייט ער. גיט אים עמיצער א זעץ אין קאָפּ, פארשפּארט אים דאָס מויל, לאָזט אים נישט זאָגן א וואָרט, נישט מאכן קיין טומל, און ער רעדט צו אים שטיל: „איכל דיך דערווערגן, משוגענער!..."

מען הערט פון יענער זייט שטארקע טריט. מען גייט, מען גייט, און אויב מען גייט הויך, גייען דייטשן, גייט פּאָליציי. פון הויף פייפט מען. אויב מען פייפט, פייפט פּאָליציי. הייסט עס, אז זיי זענען שוין דאָ, זיי זענען אויף יענער זייט וואנט, אויף יענער זייט קאָמאָדע. זיי זוכן יידן, זיי זענען אין דער ליידיקער דירה, איין רגע און — זיי וועלן זיין דאָ אינעווייניק.

שטיל זאָל זיין! האלט איין דעם אָטעם!...

פון הויף הערט מען א דייטשן געשריי: „יודען, הערונטער!..." מען פייפט. מען הערט טריט אויף טרעפּ, שווערע טריט, לייכטע טריט, קינדערשע טריט, שנעלע טריט.

דאָס גייען יידן זייער לעצטן גאנג אויף דער וועלט.

ה ע נ ע ד

מען הערט גוט די דייטשע שטימעס. דער משוגענער ייד רייסט זיך, ער וויל ארויס. א פּאָר יידן האָבן זיך אויף אים ארויפגעזעצט, זיין קאָפּ און מויל האָבן זיי פארדעקט מיט א שמאַטע.

מאַמעס האַלטן קליינע קינדער און פלאַטערן איבער זיי, טאַמער טוט עס א געשריי, א פּיפּס. די קינדער פארשטייען אָבער אזוי ווי די גרויסע און שווייגן.

פּלוצלינג הערט מען א שאָס. קיינער טוט דאָ נישט קיין געשריי „אוי". מען שווייגט. פון יענער זייט הערט מען אָבער א געשריי פון א ווייבל. באַלד הערט מען נאָך א שאָס און נאָך א געשריי. אזוי א דריטן מאָל. שפּעטער ווערט שטיל, איינגאַנצן שטיל. עס געדויערט זייער לאַנג. זעט אויס, אז די דייטשן זענען אוועק.

איצט זוכן די יידן אין פינסטערן קאַמער איינער דעם צווייטן מיט די הענט. מאַמעס זוכן זייערע קינדער. אַלע האָבן דערשפּירט, אז די דייטשן זענען שוין נישטאָ אויף יענער זייט. א מאַמע האָט א שעפּטשע געטון:

— זאַלוועלע...

זאַלוועלע האָט געענטפערט צוריק:

— מאַמעשי...

לעבן האָט זיך צוריק אומגעקערט. א ייד האָט אָנגעקלאַפּט פון יענער זייט:

— „מען קאָן שוין".

אין דער רגע איז געוואָרן גרינגער. מען האָט אָנגעהויבן ארויסקריכן. הענעך איז ארויסגעקראָכן פון די ערשטע. ברוך איז אויך ארויסגעקראָכן נאָך אים.

די טירן פון אַלע דירות אויף די טרעפּ זענען געווען אָפן. אַלע דירות זענען געווען ליידיק. ארויסצוגיין פון הויף איז אָבער א מורא, ווייל מען ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס.

דער ייד, וועלכן מען האָט געשטיקט אין פינסטערן קעמערל, איז טאַקע איינגאַנצן משוגע. ער איז ארויסגעלאָפן און שרייט: „עסן!... עסן!..." מען קאָן אים נישט איינהאַלטן און ער לויפט ארויס אויפן הויף, ער לויפט צום דרויסן און קומט מער נישט צוריק.

די יידן, וואָס זענען געווען אין קעמערל, רעדן, אז זיי ווילן זיך ווײ־

טער באהאלטן אין קעמערל. זיי וועלן נישט גיין ערגעץ אנדערש. איינער א ייד, וועמען מען רופט שמערקע, זאָגט אזוי:

— מיר וועלן צושלעפּן א פּאָר טויטע יידן צו דער טיר.

— צו וואָס? ביסט משוגע?

— „אז די דייטשן וועלן ווידער קומען און וועלן זען מתים ביי דער טיר, וועלן זיי שוין נישט אריינקומען. זיי וועלן וויסן, אז די שטוב איז שוין פארטיק".

דאָס איז אלעמען געפעלן געוואָרן. עמיצער האָט אפילו א לאך געטון. דאָס איז גוט — מען קאָן נוצן די טויטע צו שיצן די לעבעדיקע. „ווען שמערקע האָט געשלעפּט א מת צו דער טיר —דערציילט הענעך— האָט ער געזאָגט, אז עס וועט זיין א מזוזה נישט אריינצולאָזן די שדים".

הענעך און ברוך האָבן נישט געוואָלט בלייבן דאָ מיט די יידן און מיט די „מזוזות". „מירן גיין פון דאנען — האָט ברוך געזאָגט צו הע־נעכן. — לאָמיר גיין אהיים".

„אז מיר זענען געקומען אין שטוב אויף גזשיבאָווסקע גאס —דער־ציילט הענעך— זענען געווען די טירן „נאסציעזש" אָפן, נישטאָ די מאמע, נישטאָ דער טאטע".

דער מאמעס פאטשיילע איז געלעגן אויף דער ערד. דעם טאטנס יארמאָלקע איז געלעגן אויפן בעטל. דעם טאטנס שיך האָבן זיך געוואל־גערט ביי דער וואנט — איינער ביי איין וואנט, דער צווייטער — ביי דער אנדערער.

— דער טאטע איז אוועק א באָרוועסער?

— זעסט דאָך.

ביידע ברידער האָבן זיך ארומגעדרייט אין דער ליידיקער שטוב און געפונען אין שאפקע א שטיק ברויט און צוויי ציבעלעס. די מאמע האָט דאָס איבערגעלאָזן.

אויף דער קליינער פּליטקע איז געשטאנען א טעפּל און אין אים — ברוקווע און מערן. דאָס האָט אויך די מאמע איבערגעלאָזט. געווען א גוטע מאמע. עס איז אויף איר א רחמנות.

אויפן דרייפוס שטייט א טעפּל, אין טעפּל איז דאָ וואסער מיט צע־

שניטענע שטיקלעך בולבע. דאָס וואסער איז קאַלט. די בולבעס זענען גוט. דאָס וואסער איז געשמאַק. זיי האָבן דאָסביידע אויסגעזופּט.

„אַז מיר האָבן אָפּגעגעסן און זיך ארומגעקוקט — דערציילט הענעך — האָבן מיר זיך נאָכדעם ביטער צעוויינט. מיר האָבן געַרעדט, פאַרוואָס זענען מיר נישט געווען מיט די עלטערן און נישט אוועק מיט זיי צוזאמען. מיר וואָלטן מיטגעהאָלפן דעם טאַטן צו גיין. אין גרויס פאַרצווייפלונג זענען מיר ארויסגעלאָפן פון וווינונג אויפן הויף. דער הויף איז געווען פוסט און אונדז האָט באַהערשט א גרויסע שרעק".

וואָס זאָלן זיי איצטער טון? וווּהין זאָלן זיי ווייטער גיין?

„וווּהין גיין?" — עס איז אַן אַלטע טויזנט־יאָריקע פראַגע פון נע־ וונדניקעס. איצט האָבן זי איבערגעחזרט די צוויי קליינע יידן אויפן הויף אויף דער גזשיבאָווסקער גאַס אין וואַרשעווער געטאָ.

„האָבן מיר זיך אוועקגעשלעפּט צו דער וואָלינסקע גאַס, ווו עס האָט געוווינט אונדזער מומע שיינע, אָן וועלכער מיר האָבן זיך גראָד דער־ מאָנט. איר דירה איז אָבער אויך געווען ליידיק. האָבן מיר באַשלאָסן אי־ בערצונעכטיקן דאָ אויף די טרעפּ, ווייל עס איז אונדז געווען אומהיימלעך צו בלייבן אין דער פוסטער דירה פון דער מומען".

די צוויי קליינע יידן זענען נישט געזעסן די נאַכט אליין... אויף די טרעפּ זענען געזעסן זיידעס, אור־זיידעס און אור־אור־זיידעס. מען האָט זיי טאַקע נישט געזען, זיי זענען אָבער געווען אויף די טרעפּ.

זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט לאָזן די יתומים אליין.

קאפיטל פערצן

א גרויסער אַקטיאָר הינטער א גויאישער טיר

די נאַכט אויף דער מומעס טרעפּ אויף וואַלינסקע גאַס איז זייער א לאַנגע. רעדן דאַרף מען נישט, עס איז טאַקע א מורא אויך, אָבער אין א לאַנגער נאַכט קאָן מען נישט כסדר שווייגן, האָבן זיי זיך דורכגעוואָרפן מיט א וואָרט וועגן טאַטע־מאַמע:

— א באַרוועסער איז ער אַוועק, — האָט געזאָגט ברוך.

— ווייל זיינע פיס זענען אַלץ געווען געשוואָלן, — האָט הענעך געגעבן צו פאַרשטיין זיין ברודער.

גייט אַוועק נאָך א שטיק צייט פון דער נאַכט און הענעך דערמאָנט זיך:

— אז די מאַמע האָט געהערט וועגן דער מומע פעסען פון גאַרוואַ־לין, אז זי לעבט שוין נישט, האָט זי געזאָגט: איר איז שוין בעסער.

ברוך האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. הענעך האָט אפילו נישט געוווסט, צי ער האָט געהערט, וואָס ער, הענעך, האָט געזאָגט. אייגנטלעך האָט ער גאָרנישט גערעדט צו ברוכן, ער האָט נאָר געזאָגט סתם־אַזוי.

זיי זיצן אויף די טרעפּ צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און דרימ־לען. עס שלאָפט זיך אָבער נישט אויף קאַלטע טרעפּ הינטער פּוסטע דירות, אין דער פינסטער.

— איך זאָג דיר, אז זיי זענען נאָך אויפן „אומשלאַגפּלאַץ", זיי לעבן נאָך... — זאָגט ברוך.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק, האָט הענעך מער נישט געקאָנט איינזיצן אויף די טרעפּ. ער איז אַראָפּ אויפן פּוסטן הויף. „איך

האָב באַשלאָסן דעמאָלט —דערציילט ער— צו גיין צום „אומשלאַנפּלאַץ", אַ קוק טון אויף זיי, אויפן טאַטן און אויף דער מאַמען". אפשר?

ביי דער מומען אויפן הויף האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ ביימל, אַרומ־געצאַמט מיט אַן אייזערנעם פּאַרקאַנדל. ער איז אַראָפּ אויפן הויף און דערזען דאָס ביימל. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט עס דאָ קיינמאָל נישט געזען, אַז ער זעט עס איצט צום ערשטן מאָל. דאָס ביימל איז גרין, אויף די צווייגן זענען בלעטלעך און אַ פויגל האָט דאָרט געצוויטשערט זייער הויך. — ער האָט געשריען און געשריען.

קיינער איז שוין אויפן הויף נישטאָ, קיינער איז שוין נישטאָ אין די דירות, אַלעמען האָט מען שוין פאַרטריבן, בלויז דאָס ביימל איז געבליבן שטיין און אַ פויגל שרייט פון אים. „דעם פויגל האָב איך נישט געזען —דערציילט ער— איך האָב נאָר געהערט, אַז ער שרייט און שרייט". ער איז אַרויסגעלאָפן פון הויף צו גיין אויפזוכן טאַטע־מאַמע אויפן „אומ־שלאַגפּלאַץ", וואָס איז אויף סטאַווקע גאַס.

דער טאָג האָט זיך שנעל געשטעלט און עס האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן דאָס טרייבן אהינצו. באַלד האָט דער „קעסל" ווידער געזאָדן.

ערשט אַ מיליציאַנט שלעפּט שאַיע דעם דראָזשקאַזש, זייער שאַיע, און שאַיע שרייט: „לאָז אָפּ, באַיסטרוק, שאַיען שלעפּט מען נישט!..."

— דער מיליציאַנט לאָזט אים נישט אָפּ, ער שלעפּט אים, שלאָגט אים מיט אַ שטעקן; לויפט אַריין אין שאַיען די רציחה און ער וואַרפט זיך צוריק שלאָגן דעם מיליציאַנט, און ער שרייט אַ הייזעריקער, אַ כאָרכלדיקער: „נבלה דו, לײדאַק דו, אַז אַ ייד שלעפּט אַ ייד, איז ער אַ פּאַרך, אַ ממזר, אַ משומדר!... זאָל מיך כאַפּן אַן אוקראַינער!... זאָל מיך כאַפּן עשו!... איך וועל פון דיר, הונט איינער, אַרויסהאַקן דיין טרייפענע נשמה!... לאָזט דו... היצעל דו!..."

אויפן געשריי זענען אָנגעלאָפן ליטווינער רוצחים. שאַיע האָט מיט אַ פלאָקן אין האַנט, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון קעגנאַיבערדיקן פּאַר־קאַן, זיך געוואָרפן אויף זיי — ער איז געוואָרן ווילד, מלא רציחה, ער האָט געבערעגט, שאַיע גבור, ער האָט „געטשמעליעט" די ליטווינער מיטן פלאָקן ביז — אַ קויל האָט אים אַוועקגעלייגט. ער איז געפאַלן ווי אַ פלאַכ־טע און געוואָרן באַגאָסן מיט זיין בלוט.

הענעך, זעט אויס, איז אזוי געווען פארנומען מיטן טויט פון שאיע דראזשקאזש, אז ער האט גארנישט געפילט, אז מען טרייבט אים שוין מיט נאך א סך יידן צום „אומשלאגפלאץ". „און אט זענען מיר שוין אויפן פלאץ".

„אלע יידן, וואס מען האט דארטן געבראכט — דערציילט ער — האט מען דערווייל פונאנדערגעזעצט אין פארשידענע צימערלעך און די דייטשן האבן אונדז געשלאגן מכות־רצח. מען האט געזאגט, אז אונדז וועט מען אפשיקן שפעטער. „אונדז", אלע יידן — הענעכן אויך.

ער האט דערווייל געקאנט ארומקריכן זוכן טאטע־מאמע, געזוכט, געזוכט און נישט געפונען. אויפן „אומשלאגפלאץ" „קערט זיך די וועלט", מען טרייבט יידן אין די וואגאנען, וואס שטייען אויף רעלסן טאקע אויפן זעלבן אומשלאגפלאץ. די אוקראאינער שלאגן מיט „נאהאיקעס און „קאל־בעס" איבער די קעפ. יידן פאלן טויט אויפן ארט. אנדערע פאלן אונטער די רעדער פון די וואגאנען. די אוקראאינער שיסן כסדר אין דעם עולם אריין. מען לויפט, מען שטופט זיך, מען קריכט איינער אויפן צווייטן. „זיי שיסן אזוי כסדר — דערציילט הענעך — אז אט לויפט א מענטש מיט א ווייסן פנים און מיט א שווארצער בארד, און אט איז שוין זיין פנים א רויטער און די בארד איז אויך א רויטע. מען לויפט און מען לויפט און מען פאלט. עס דוכט זיך, אז אפילו א טויטער לויפט, לויפט און אט פאלט ער אוועק".

„די דריי טעג — דערציילט הענעך ווייטער — האב איך זיך ארומ־געדרייט אזוי ווי א משוגענער — און אלץ געזוכט מיין מאמען אדער מיין טאטן, ביז איך בין שוין פארמאטערט געווארן פון זוכן, פון לויפן, פון די טויטע, און איך האב דערזען, אז איך שטיי שוין מיט אלע יידן ביי א צוג, באלד וועט מען שוין אויך מיך ארייננטרייבן אינעווייניק, און איך האב זיך דערמאנט אן מיין ברודער ברוך, ווען איך האב געלאזן אויף די טרעפ, און איך האב אלץ נישט פארלוירן די האפענונג און נישט גע־ווּסט פארוואס".

א ווילדע פייפעריי האט הענעכן אזוי ווי אויפגעריסן פון א צע־טומלעניש. ער האט דערזען, דערפילט בחוש, אז דאס איז זיין לעצטע מינוט. אט גייט ער שוין אוועק פון דער וועלט, מיט א סך יידן צוזאמען,

אין א פייפעריי, שיסעריי, קוויטשעריי. מען טרייבט אין די וואגאָנען אריין מיט שטעקנס, מיט בייטשן, מיט נאַהייקעס, מיט ווילדע געשרייען, מיט קולות פון גויים, אויף דייטש, אויף אוקראַיניש, ליטוויש, פּויליש... עס איז די לעצטע סעקונדע און אַלע גלידער ווי זיי וואָלטן שרייען צום אים: „הענעך, ראטעווע!"...

אין דער רגע האָט ער זיך געטון א ריס פון צווישן עולם, זיך א וואָרף געטון, ווי א רוח וואָלט אין אים אריין. ער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין א געדיכטער מענגע מענטשן און זיך געשניטן צווישן דער געדיכטעניש אויף צוריק, צוריק. ער האָט גוט געוווסט וואָס ער וויל: „ראטעווע זיך!... לויף ארויס!..." — ער שניידט זיך אוועק ווייטער פון די וואגאָנען, ווייטער פון טויט. מען שלאָגט אים, מען בוכצעט אים, מען טראַסקעט אים. זיין רעקל ווערט צעפליקט, מען שלעפּט אים אוועק צוריק, ער לאָזט זיך נישט, ער רייסט זיך פּאַראויס, ער שניידט זיך צווישן דער געדיכטער מענגע פון מענער, ווייבער און קינדער, אַלע שרייען, אַלע קוויטשען, און ער שווייגט, און ער שטויסט זיך, שטופּט זיך, רייסט זיך ארויס ווייטער, ווייטער —

„הענעך, עס איז די לעצטע סעקונדע, הענעך, ראטעווע זיך!..."

עס ווערט געראומער ארום אים, ליידיקער, ער איז שוין ווייט פון די וואגאָנען, ער איז שוין ביים טויער פון אומשלאַגפּלאַץ. דאָרט שטייט איין יידישער פּאָליציאַנט. איצט איז א האַלבע סעקונדע, אויף וועלכער עס הענגט דער מזל פון קליינעם ייד, וואָס הייסט הענעך, וועמענס טאַטע־מאַמע זענען שוין נישטאָ אויפן אומשלאַגפּלאַץ, וועמענס ברודער איז געבליבן זיצן אויף די ליידיקע טרעפּ פון הויף, וווּ עס וואַקסט א גרין ביימל אינמיטן זומער.

הענעך איז נישט געבליבן שטיין ביים טויער. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, גאָרנישט געקוקט און גאָרנישט געזען, און ער האָט „דורכגעשאָסן" דעם טויער פון אומשלאַגפּלאַץ. דער פּאָליציאַנט האָט אים נישט פאַרהאַלטן. הענעך לויפט, הענעך ציט, ער ציט, ער ציט...

ער לויפט פון סטאַווקע אויף גענשע, פון גענשע אויף וואָלינסקע. ער לויפט צום הויף, וווּ עס דאַרף זיין זיין ברודער. ווען ער איז דאָרט ארויפגעקומען, איז שוין געווען טונקל. „איז דאָס נישט מאָדנע? — פרעגט

הענעך — וואָס איך האָב טאַקע אויף יענע טרעפ געפונען מיין ברודער, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קומט דאָרט יעדן אָוונט נעכטיקן, כדי איך זאָל וויסן וווּ אים צו געפינען".

אַז הענעך איז געקומען צו זיך, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער געהאַט אַזאַ שמועס מיט זיין ברודער:

— „ברוך, מיר דאַרפן זיך ראַטעווען, שוין די מינוט, ווייל קיין עלטערן האָבן מיר שוין נישט און די מענטשן, וואָס מען ברענגט אויפן אומשלאַגפּלאַץ, מאָרדעוועט מען אוים".

— „ווי זאָל מען זיך ראַטעווען?"

— „מיר זאָלן גיין אויף טויט אָדער רויט".

— „וואָס מיינסטו?"

— „מיר זאָלן צולויפן צום טויער פון געטאָ און זיך דורכשניידן צו דער ארישער זייט, איינשטעלן, אָדער קאָפּ אָדער אָדלער".

ער האָט אים דערציילט ווי ער האָט „דורכגעשאָסן" דעם טויער פון אומשלאַגפּלאַץ און געבליבן אַ גאַנצער, און געקומען דאָ צו אים, צו זיין ברודער.

ברוך האָט מסכים געווען און זיך געלאָזט פירן פון זיין ייִנגערן ברודער הענעך.

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט.

אַזוי האָבן זיי געטון.

„אַז מיר זענען צוגעקומען נענטער צום טויער, וווּ ס'שטייט דער זשאַנדאַר —דערציילט הענעך— האָב איך געוואָרנט ברוכן, אַז איצט מוז מען זיך אָננעמען מיט אַלע כוחות, מען מוז זיין שטאַרק און נישט מורא האָבן, ווייל באַלד וועט שוין זיין דער סוף — אהער אָדער אהין..."

עס איז דער טויער צווישן טויט און לעבן. ביים טויער שטייט אַ זשאַנדאַר, אַ דייטש. דער נאַצי שטייט אויף דער וואַך, דער מלאך־המות שטייט. צוויי קליינע ייִדישע ייִנגלעך ווילן אים באַזיגן. עס איז דאָס גע־פערלעכסטע, דאָס העלדישסטע איינשטעלן זיך.

הענעך איז קליין, דאַר און מאָגער. זיין קאָפּ איז בלאָנד און זיינע בלויע אויגן גליִען. אַלע זיינע גלידער פיבערן, אַ פיל־טויזנט־יאָריקער כוח, אַ געהיימניספולער שיקזאַל פירט מיט אים. וואָס ער קומט־צו נענטער,

נענטער, פארלירט ער אַלץ מער די מורא. ברוך גייט מיט אים. ער שטייט אביסל אָפּ, ער גייט צו לאנגזאם, ער גייט אָבער.

— „איצטער!..." — האָט א זאָג געטון הענעך צו זיין ברודער ברוך און זיך געלאָזט לויפן הענדום־פּענדום דורכן טויער. זיין ברודער האָט זיך געצויגן נאָך אים.

„גאָרנישט טראַכטנדיק", דערציילט הענעך, „בין איך דורכגעלאָפן דעם טויער. דער זשאַנדאַר האָט געשאָסן אין מיר און נישט געטראָפן. צום גליק איז ריכטיק אין דער סעקונדע דורכגעפאָרן א טראַמוואַי, און איך בין אין אים אריינגעשפּרונגען. דער טראַמוואַי פאָרט, דער טראַמוואַי פאָרט, ער פאָרט שנעל, ער פאָרט ווייטער, צום גליק — קיינער טשעפּעט מיך נישט".

ער האָט אָבער נישט געזען זיין ברודער ברוך. ער איז נישטאָ. זעט אויס, אז ער האָט נישט געהאַט מזל דורכצולויפן.

„דער ווייטערדיקער שיקזאַל פון מיין ברודער —דערציילט ער— איז שוין געבליבן פאר מיר אומבאַקאַנט. איך האָב אים שוין מער נישט געזען און מער פון אים נישט געהערט".

הענעך פאָרט מיטן טראַמוואַי אויף דער ארישער זייט. עס איז געווען א פולער טראַמוואַי מיט גויים. ער דאַרף זיין רואיק, ער טאָר נישט פלאָ־טערן, די ציין טאָרן נישט ציטערן, הענעך מוז איצט זיין א שייגעץ!...

„ווי קאָן מען נישט פלאַטערן, אז מיין פרייד איז אזוי גרויס — געראַטעוועט, געראַטעוועט!..." — דערציילט ער וועגן זיין וווּנדערלעכער רעטונג אויפן טראַמוואַי. — זאָל מען אים נאָר דאָ נישט דערקענען!

זיין קאָפּ איז בלאָנד, דאָס איז גוט. זיין היטל איז אָפּגעפליקט, דאָס מאַכט נישט אויס, זעט ער אויס שקאָצעוואַטע. זיינע קליידער זענען אָבער צו־שטאַרק ארומגעריסן, דאָס וואַרפט זיך אין די אויגן. מען טאָר זיך נישט צו פיל רייצן מיטן מזל, און אזוי ווי ער וואָלט דערשפּירן, עס זאָל פּלוצים ווערן ענג ארום אים, שטיקנדיק, ער דערפילט, אז א סכנה גייט, דערנענ־טערט זיך צו אים.

ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון טראַמוואַי, אָבער, צום שלימזל, אריינ־געשפּרונגען דעם טייוול אין די הענט אריין.

„ווי נאָר איך בין אראָפּגעשפּרונגען פון טראַמוואַי —דערציילט ער—

האָט מיך פאַרטשעפּעט א דייטש, וועלכער איז פאַרבייגעפאָרן אויף א „ראָווער". ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין א ייד. ער האָט מיך גע־פרעגט אויף דייטש: „ביסטו יודע?" — איך האָב גלייך געזען, אז ער איז יעקי באָק. ער פרעגט מיך, צי איך בין א יודע און איך זאָל אים דאָס טאַקע אויסזאָגן, ער קאָן דאָס ביי מיר פועלן, ווי ביי א שטיין פּוטער. מאַך איך זיך, אז איך פאַרשטיי נישט, וואָס ער רעדט, ווייל א גוי פאַר־שטייט נישט קיין דייטש. איך קוק אים אָן מיט א שמייכל. איך רעד צו אים אויף פּויליש „ניע ראָזומיע" (איך פאַרשטיי נישט), ווייל א גויאישער יינגל רעדט אויף פּויליש. ער האָט מיר געגלויבט און מיך אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך געלאָזט פאָרן ווייטער אויף זיין ראָווער. ברעך הענט און פיס".

פּטור געוואָרן פון דייטש, גייט הענעך ווייטער אליין איבער דער נאָס און דערשפּירט, אז ער איז הונגעריק, אז ער מוז באַלד עסן, „אויב נישט — זאָגט ער — גיי איך אוים ווי אלע טויטע". איז ער אריינגעגאַנגען אין ערשטן בעסטן הויף, ארומגעקוקט זיך: א הויף, ווי אלעמאָל, שטיל, פענסטער, טירן, טרעפּ, ווי עס וואָלט דאָרט, אויף יענער זייט, נישט געוועזן קיין „קעסל" מיט קיין „אומשלאַגפּלאַץ", ווי מען וואָלט דאָרט נישט „געקאָסעט" צענדליקער טויזנטער יידן. די פענסטער פון די דירות זענען אָפן, א מענטש גייט ארויף, א מענטש גייט אראָפּ. „ביי די גויים איז גאָר אנדערש ווי ביי יידן".

דעמאָלט איז הענעך אריין אין א פּירהויז. ער זעט דאָרט טירן, טרעפּ, איז ער ארויף אויף די טרעפּ ביזן צווייטן שטאָק, געקוקט אויף איין טיר, געקוקט אויף דער צווייטער. קיינער ווייסט דאָרט נישט, אויף יענער זייט פון די טירן, אז א ייד דרייט זיך דאָ ארום אויף זייערע טרעפּ. ער האָט מיט זיך אָפּגעמאַכט, צו וועלכער טיר ער זאָל צוגיין. ער איז צו איר צוגעגאַנגען, אָנגעקלאַפּט און ארויסגעזונגען מיט א שוואַכער, בעט־לערישער שטימע אויף פּויליש:

„האָט רחמנות, מיין מאַמע איז קראַנק, מיין טאַטע איז געפאַלן אין דער מלחמה. גוטע מענטשן, האָטס רחמנות!..."

ער האָט גוט געשפּילט די ראָל פון שייגעץ־בעטלערל. א גרויסער אקטיאָר איז געשטאַנען הינטער דער ארישער טיר, גרעסער פאַר שיילאָקן. אַן אלטע ארישע פרוי האָט געעפנט די טיר און געגלויבט דעם יידישן

שפּילער. דאָס פּנים פון יידישן קינד האָט אויסגעשפּילט א פּוילישן יתום, א נעבעכל, די בלויע אויגן האָבן אויסגעזען פאר דער פּוילישער פרוי ווי געמאכט פון קאָליר פון הייליקן בילד. זי האָט רחמנות געהאט אויפן פּאָליאק, דעם טאטן פון דעם יתום, וואָס איז געפאלן אין דער מלחמה, רחמנות געהאט אויף זיין קראנקער מוטער, רחמנות געהאט אויפן שייגעצל, וואָס האָט געפּלאפּלט שטיל און דין: „האָב רחמנות, יעזוס מאַריאַ, בוג זאַפּלאטשי” (גאָט וועט באַצאָלן).

זי האָט רחמנות געהאט און אים ארויסגעגעבן ברויט מיט חזיר. הענעך קאָן נישט עסן קיין חזיר. „איך האָב זייער געוואָלט עסן, אָבער נישט געקאָנט”, זאָגט ער. ער איז אָבער באלד געוואָרן פּארנומען מיטן עסן דאָס ברויט. ער איז געשטאנען און געגעסן הינטער דער טיר, וואָס האָט זיך באלד פארמאכט פאר זיין נאָז. „דזשענקויע...” (א דאנק) — האָט ער געפּלאפּלט.

קאפיטל פופצן

א בעטלער און א גלאָקן־קלינגער

הענעך איז ווידער ארויס פון געטאָ, ארויס אויף א נייער רייזע.

ער איז איצט אויף דער ארישער זייט, אין ווארשע, וווּ ער האָט צו זאָרגן וועגן א סך זאכן — ער דאַרף קענען זיין א פּוילישער יינגל. צו דעם וועלן אים העלפן זיין גוטער פּנים, בלאָנדער קאָפּ, בלויע אויגן. ער דאַרף אָבער האָבן וואָס צו עסן, וווּ צו שלאָפן, ער דאַרף האָבן אַן אנדער רעקל, נישט קיין צעפליקטן, ער דאַרף זיך היטן נישט ארייינצופאלן, ער דאַרף געפינען א חבר, א שותף, ווייל אליין קען מען נישט זיין אויף דער ארישער זייט, מען מוז דאָך זיין מיט עמיצן. און וועגן זיין ברודער ברוך האָט ער שוין נישט וואָס צו קלערן — ער איז נישטאָ.

„ווי נאָר איך האָב דערזען מיעטעקן", —דערציילט הענעך וועגן זיין נייעם חבר אויף דער ארישער זייט,— „האָב איך גלייך געוווּסט, אז ער איז א יידישער „שייגעץ". מיך וועט מען נישט נארן, און איך האָב שוין דעריבער נישט אָפּגעלאָזן פון אים מיינע אויגן".

— ווי הייסטו? — האָב איך אים שטיל געפרעגט אויף פּויליש און א ווינק־געטון מיט איין אויג אויף יידיש.

— מיעטעק, און ווי איז דיין נאָמען — האָט ער מיך געפרעגט אויך אויף פּויליש און מיט א ווינק.

— העניעק, — האָב איך איבערגעדרייט מיין נאָמען אויף פּויליש.

צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך פארטשעפּעט און א יידישע פריינדשאפט איז געשלאָסן געוואָרן אויף דער ארישער זייט — מיעטעק און העניעק, וועלכע הייסן באמת מאָטל און הענעך. דאָס געהערט צו איינעם פון די אלטע יידישע סודות — אָט ווי אזוי יידישע אויגן באַגעגענען זיך און

דערקענען זיך. הענעך, וועלכער האָט זיך א נאָמען געגעבן אויף שנעל „העניעק", און מאָטל, וועלכער האָט זיך א נאָמען געגעבן „מיעטעק", האָבן זיך דורכגעווונקען:

— א ייד, איך דערקען.

— א ייד, איך פארשטיי.

מאָטל, וועלכער איז שוין געווען לענגער אויף דער ארישער זייט, האָט אוועקגעפירט הענעכן צו דער פּוֹלאַווסקע גאַס, אין דעם חרובן הויז, ווו עס שלאָפן יידישע יינגלעך און מיידלעך, וואָס שלעפּן זיך ארום איבער די ארישע גאסן אלס פּוילישע שקצים. די שטענדיקע איינוווינער האָבן דעם נייעם, הענעכן, נישט געוואָלט ארייננלאָזן. זיי דארפן נישט קיין נייע, זיי האָבן שוין גענוג אלטע. מאָטל האָט אָבער אים פארטיידיקט. עס איז געוואָרן א געשלעג צווישן די יינגלעך. אז מאָטל האָט געזען, אז עס האַלט שמאָל, האָט ער געזאָגט צו די פּאָר שלעגער: „נאָט אייך צען זלאָטעס, זאָל זיין שלום". דעמאָלט איז געמאכט געוואָרן דער משא־מתן און מען האָט הענעכן ארייננעלאָזט אין דער חורבה. „דו דארפסט זיין א שייגעץ", האָט מען אים געזאָגט. „איך בין", האָט ער געענטפערט און גערעדט אַן אמתן פּויליש און א דריי־געטון מיט זיין פּנים, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען א יידיש יינגל.

דעמאָלט איז הענעך שוין געווען באַלד אַן איינגעאָרדנטער — א דירה האָט ער אין חורבה, ברויט האָט ער, איבער די הייזער גייט ער, א חבר האָט ער, מאָטלען, הייסט עס, אז עס גייט גוט.

אין חורבה טשעפּעט זיי קיינער נישט דערווייל. בייטאָג שלעפּט מען זיך ארום, ווי אמתע שקצים, און מען שנאָרט, מען בעטלט. פאַרנאַכט קומען צוקריכן די מייז — אזוי רופן זיך די חורבה־איינוווינער. מ'דער־ציילט זיך מעשיות, מען קריגט זיך און מען ווערט צוריק שלום, מען שלאָגט זיך און מען בעט זיך איבער. יינגלעך שטיפן מיט מיידלעך, אנ־דערע קוויטשען, אנדערע שושקען זיך, ביז מען שלאָפט־איין, און מען שלאָפט איבער די נאכט.

דער טאָג גייט נישט דורך גלאַט: מען כאַפּט קלעפּ, מען ווערט גע־יאָגט, מען אנטלויפט, מען ראטעוועט זיך, מען שפרינגט אריין אין גע־פארן און מען שפרינגט ארויס צוריק.

— א לאַבוז האָט איינמאָל אָנגעוויזן אויף מיר —דערציילט הע־נעך— און א פּאָליציאַנט האָט מיך געפירט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. בין איך דאָך א מזלדיקער, קומט־אונטער א פרוי, אַן אמתע גויע, און זאָגט דעם פּאָליציאַנט, ער זאָל מיך פירן צום קוואַר פון די גאסן ראקאַ־וויעצקע און פּולאַווסקע. ער האָט זי געפאָלגט. זי איז אים נאָכגעגאַנגען. און איך האָב אליין געהערט, אַז זי האָט אים געזאָגט: „לאָז אים אָפּ, נישט דיין עסק"... ער האָט מיך ווייטער געפירט, איז זי נעגאַנגען פאַר־אויס און געזאָגט צום פּאָליציאַנט: „לאָז אים אָפּ און קום נאָך מיר"... איך האָב דערשפּירט, אַז דעם פּאָליציאַנטס האַנט ווערט שוואַך, ער לאָזט מיך אָפּ, איך ווער גרינג ווי א פעדערל. דער ווינט האָט מיך אַוועקגעטראָגן.

— זי איז געווען א פארשטעלטע, איך ווייס שוין, — האָט אים געזאָגט מיטעק, ווען הענעך האָט אין אָוונט, אין חורבה, דערציילט די מעשה.

אַן אַנדער יינגל האָט געזאָגט:

— דאָס איז א ליגן, טראַכטסט אויס...

אַן אַנדער טאָג האָט הענעך געהאַט אַן אַנדער באַגעגעניש.

— איך בין געגאַנגען דורך דער סיניעצקע גאַס —דערציילט ער,— ערשט עס כאַפּט מיך א יונג פון סיניעצקע 10, דער סטרוזש, מען רופט אים פּיאָרון. איך האָב אים שוין געקענט פון פריער. ער שלעפּט מיך, ער שלאָגט מיך, ער רופט מיך שטשור, ער זאָגט, אַז איך בין א ייד. ער איז אָבער געווען אזוי שיכור, אַז איך האָב צו אים געזאָגט: „איך וועל דיר געבן א פלעשל בראָנפן, לאָז מיך אָפּ, איך האָב אין קעשענע". ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַן אמת, און בראָנפן האָט ער זייער געוואָלט, האָט ער א רגע מיך אָפּגעלאָזט. האָב איך „געמאַכט פיס", אַז ער וואָלט מיט א לאָקאָמאָטיוו מיך נישט דעריאָגט.

דאָס בעטלען איז גוט געגאַנגען. אַנדערע יינגלעך שלעפּן אַראָפּ וועש פון שטריק און פאַרקויפן דאָס, פאַרקריכן אויף בוידימער און נעמען פון דאָרטן אַראָפּ וואָס עס לאָזט זיך. אַנדערע גייען איבער הייזער און קריגן דאָרטן גאָרנישט, מען יאָגט זיי אַוועק. אָבער הענעך האָט חן, ער זינגט אויס אויף פּויליש: „מיין טאַטע איז געפאַלן אין מלחמה, מיין מאַמע

איז קראַנק, האָט רחמנות אויף אַ גאַטס באַשעפעניש, בוג „זאַפּלאַטשי"...
און מען גיט אים אַ שטיקל ברויט, אַן עפּל, אַ ביין מיט אַ שטיקל פלייש.

„דזשענקויע" (אַ דאַנק) — זאָגט ער.

— קום נאָך אַמאָל — זאָגט מען אים אָן.

ער קומט צוריק אין חורבה מיט פולע קעשענעס, און אייגענע יאַטן מאַכן אַ סעודה.

— ארום מיר און מיעטעקן —דערציילט הענעך,— האָבן זיך שטענדיק געקלעפּט סאַליע, סטאַשעק און מאַרטשיק. מיעטעק האָט געזאָגט, אַז ווען די מלחמה וועט נעמען אַ סוף, וועט ער חתונה האָבן מיט לאַניען.

אַז מען פּלעגט אָפּעסן צו זאַט, פּלעגט מען רעדן וועגן די גאַסן און די הייזער, ווו מען בעטלט. יעדער איינער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. זיי האָבן געהאַט פּעסט פונאַנדערגעטיילט צווישן זיך די גאַסן און די הייזער. דאָס האָט מען געמוזט גוט געדענקען.

— פריער דאַרף מען גוט ארומקוקן דאָס הויז — לערנט מיעטעק.
— איידער מען קלאַפּט אָן אין טיר, דאַרף מען האָבן צוגעגרייט אַ גוטע „מאַלינע", טאָמער דאַרף מען אנטלויפן און זיך באַהאַלטן. מען דאַרף פריער גוט ארומשמעקן, זען וועלכע מענטשן קומען דאָרטן אריין, אָדער גייען פון דאָרטן ארויס. די בעסטע הייזער זענען די, ווו עס וווינען אַלטע לייט, פון קינדער דאַרף מען זיך גוט היטן, ווייל ווי נאָר זיי דערזעען, שרייען זיי „זשידעק", זשידעק"...

— אַז מען שמעקט שוין אוים אַ טיר —לערנט אַ צווייטער יינגל,— דאַרף מען שטיל אָנקלאַפּן און זיך טון אַ טראָג ארויף אויף די טרעפּ, זיך באַהאַלטן און זען, וואָס פאַר אַ קאָפּ עס שטעקט זיך ארוים פון טיר.

— מען דאַרף נישט לויפן א ר ו י ף די טרעפּ, נאָר א ר אָ פּ, ווייל טאָמער דאַרף מען אנטלויפן... — זאָגט הענעך.

— אויבן איז בעסער —זאָגט מיעטעק— ווייל עס פאַלט קיינעם נישט איין צו זוכן אויבן.

אנדערע דערציילן וועגן גוטע גויעס און שלעכטע גויעס, ווי אַזוי מען קען זיי דערקענען; פּאַקט מען אַ גוטע גויע, דאַרף מען זיך ביי איר האַלטן, מען דאַרף איר זאָגן: „דזשען דאָברי".

— איך האָב אַ גוטע גויע, וואָס שילט און כאָליערעט און ניט גרויסע שטיקער ברויט.

— און איך האָב אַ מכשפה אויף ראַקאָוויעצקע גאַס, מעג זי פאַר־ברענט ווערן צוזאַמען מיט אַ דייטש.

סטאַשעק האָט אַ ייד, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פּאָליאַק מיט גרויסע וואָנסעס. ער האָט אָבער דערשמעקט, אַז ער איז אַ ייד. דערציילט ער וועגן אים אַזוי :

— איך האָב אַ קוק געטון אין זיינע אויגן און אויף זיינע לאַנגע וואָנסעס, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיינע וואָנסעס זענען פאַר־שטעלטע.

ער קלאַפּט־אָן אין זיין טיר, שטעקט יענער אַרויס דעם קאָפּ מיט די דערשראָקענע וואָנסעס. שטייט אין שטעקשיך, אין אַ שלאָף־מאַנטל, כלומרשט אַ קראַנקער, און שרעקט זיך. „וואָס ווילסטו". אויב ער איז אַ גוי, טאָ וואָס־זשע שרעקט ער זיך? ער איז אַ ייד, שרעקט ער זיך דעריבער. סטאַשעק גייט נישט אַוועק. ער רוקט זיך אַריין אין דער ביסל־געעפנטער טיר און זאָגט נאָר איין וואָרט : „גיב!"... יענער גיט נישט. קוקט ער אים אַריין שאַרף אין די אויגן און זאָגט שטיל, אָבער שטאַרק : „גיב!"... ווערט יענער אין כעס און זאָגט : „טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, זשוליק"... זאָגט סטאַשעק צו אים: „פּעטער, מאַכט אייך נישט פאַר אַ פּריץ, גיב!"... דערשרעקט זיך דער „פּריץ" זייער שטאַרק און גיט אים עפּעס. „ס'איז ווייניק, גיב נאָך"... גיט ער אים נאָך עפּעס און זאָגט אים אָן : „זאָלסט זיך מער אויף מיין שוועל נישט ווייזן!"... זאָגט אים סטאַשעק צוריק : „פּעטער, מ'קען אייך"...

— ער וועט זיך דאָרטן לאַנג נישט האַלטן —זאָגט הענעך,— ער וועט מיינען, אַז דו ביסט אַ „שמאַלצאָווניק" (אַ מסור).

— ער האָט זיך שוין טאַקע אָפּגעטראָגן — דערציילט סטאַשעק.

— די מיידלעך לאָניע און סאַליע פלעגן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש

— דערציילט הענעך. —סאַליע פלעגט דערציילן וועגן איר ברודער, וואָס איז אַוועק אין די ווישקאָווער וועלדער. און ווען זי וואָלט נאָר געוווּסט ווי מען גייט אַהין, וואָלט זי אויך אַוועק. ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך געזאָגט לאָניען, אַז איך וואָלט געגאַנגען מיט איר. איך וואָלט

אליין אויפגעריסן א באן מיט דייטשן. אז מען ווערט דערהרגעט אין א מלחמה מיט די דייטשן, איז מיטן קאָפּ אין דרערד און — פּטור...

סאַליע וויל זייער בלייבן לעבן, בשום אופן וויל זי נישט דערהרגעט ווערן. סאַליע זאָגט, דערציילט הענעך, אז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן אלע יידן גיין קיין „ארץ", און זי וועט אויך גיין אהין.

רעדט מען דעמאָלט וועגן דעם, וואָס מען וועט טון, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און ווייל מען וויל, אז זי זאָל זיך ענדיקן וואָס גיכער, שמועסט מען וועגן די דייטשן:

— איך וואָלט וועלן כאַפּן כאַטש איין דייטש און אים צעפּלעטן מיט א שטיין דעם קאָפּ, צערייבן ווי אין א שטייסל... — זאָגט עמיצער.

— איך וואָלט איבערגעביסן א דייטש מיט די ציין זיין האַלדז... — זאָגט א צווייטער.

— ער וואָלט געקוויטשעט ווי א חזיר...

— איך וואָלט געכאַפּט א דייטש, צוגעבונדן מיט א שטריק צו א סלופּ, פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל און זאָל ער שטיין, ביז ער וועט צעזעצט ווערן...

— איך וואָלט גענומען א גראָבן דייטש און אים צעפּיצלט אויף שטיקלעך...

— איינמאָל, אז מיר זענען געלעגן אין חורבה און געהאַלטן אינ־מיטן דערציילן מעשיות —דערציילט הענעך,— האָט גראָד דעמאָלט די פּאָליציי אונדז ארומגערינגלט. מיר זענען זיך צעלאָפן און זיי האָבן גע־נומען אונדז כאַפּן איינציקווייז. געווען זענען מיר זעקס־און־צוואַנציק יאַטן אין חורבה, און אנטלאָפן זענען נאָר עטלעכע. איך בין געווען איינער פון די עטלעכע, ווייל איך בין א גוטער לויפער. איך האָב געזען ווי מיעטעק איז אנטלאָפן. סאַליע און לאַניע זענען אויך אנטלאָפן.

— אנטלויפן איז וויניק, מען דאַרף האָבן וווּהין ארייַנצולויפן. איר וועט מיר נישט גלויבן —דערציילט הענעך,— איך בין ארייַנגעלאָפן אין אן אָפענעם קעלער פון קלויסטער „די דריי קרייצן". דאָס איז אן אמת.

— ווער ביסטו? — האָט אים געפרעגט דער גלאָקן־קלינגער, וואָס האָט געהייסן ווינצענטי פּשיבולסקי, וועמעס נאָמען ער איז שפּעטער גע־וויר געוואָרן.

— איך היים העניעק... — האָט העניעך געענטפערט שנעל — פון דאָרף אָקרעגטשים בין איך — די „שוואבן" האָבן אוועקגעלייגט מיין טאַטן, און מיין מאַמען האָבן זיי פארשלעפט אין פרייסן.

ווינצענטי האָט אויף אים רחמנות געהאַט. — צלם זיך איבער — האָט ער אים געהייסן. העניעך האָט זיך איבערגעצלמט, ווייל דאָס האָט ער זיך שוין לאַנג גוט אויסגעלערנט. דאָס מוז מען קענען, אויב מען איז א פוילישער ייִנגל.

— „מאַטקאַ באַסקאַס שעפּסל" — האָט צו אים דער גלאָקן־קלינגער געזאָגט.

ער האָט אים געלאָזט בלייבן שלאָפן אין קעלער. ער האָט אים אָנ־געזאָגט, אז אינדערפרי זאָל ער ארויפקומען צו אים אויבן, דורך די גע־דרייטע טרעפּ, צום גלאָקן־טורעם. איידער ער איז אוועקגעגאַנגען, האָט ער אים געגעבן א שטיק ברויט און ער האָט געשאָלטן די דייטשן: זאָלן דונערן אריין אין זיי... זאָל די מכשפה זיי דערווערגן, די שוואבן, די הינ־טישע זין.

ווען דער גלאָקן־קלינגער איז אוועק, איז העניעך געבליבן אליין אין קעלער. דאָרט איז נאָך געווען א טונקעלע ליכט. ער האָט געזען אויף דער וואַנט אַלטע שווערדן, זעגן, הערנער פון חיות, צלמים, זילבערנע און גאָלדענע פּאַלערינעס, בילדער פון אַלטע לייט מיט גרויסע צלמים אויף דער ברוסט, ווייבער מיט קליינע קינדער אויף די הענט, מיט נאַקעטע העלדזער.

— איך האָב געזען שטעקנס —דערציילט ער— מיט מעטאַלענע, געצאַצקעטע פּושקעס, מיט וועלכע די גויים גייען איבער דער גאַס, מיט פענער, אין ווייסע העמדער, און פון די פּושקעס גייט א קליינער רויך אויף דער גאַס...

העניעך איז איינגעשלאָפן. עס האָט זיך אים געחלומט, אז עס איז אריינגעקומען א גרויסער גלח, צלמט אים, הייסט אים קושן דעם צלם און וויל אים מאַכן פאַר א גוי. די גויע, וואָס איז געווען אויף דער וואַנט, צוזאַמען מיט א קינד, נעמט אים ארום, דריקט אים צו זיך, שטיקט אים. עס ווערט אים ענג, ערשט דער טאַטע איז אריינגעקומען אין קעלער און זאָגט אים: „געדענקסטו, העניעך, וואָס איך האָב דיר דערציילט וועגן

א ייד אין א קעלער אין דייטשלאַנד, אַ ייד אויף א קייט... הענעך... זיי אַ ייד!״.

ערשט ער כאַפּט זיך אויף אין איין שרעק און ער זעט, אז עס איז שוין טאָג און דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי א חלום. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דער גלאָקן־קלינגער האָט אים אָנגעזאָגט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אוועק מיט די טרעפּלעך צום גלאָקן־טורעם.

אויבן אין דער הויך, איבער די גלאָקן, איז א דעכל, און ארום־און־ארום איז אָפן, ארום־און־ארום איז דער הימל, און עס איז אזוי ווי מען וואָלט זיין אין סאַמע מיטן הימל.

מען זאָגט, אז ווען מען שטאַרבט, גייט מען ארויף אויפן הימל. זענען די יידן פון אומשלאַגפּלאַץ ארויף אָט דאָ אויפן הימל? און די מאַמע אויך? און דער טאַטע אויך?... און גיטעלע אויך?... מען זאָגט דאָך, אז מען מאַכט פון די יידן אַש, מען שיט עס אויס אויף די פעלדער און עס וואַקסן אויס פון זיי בוריקעס און רעטעך...

„פון טאַטן א בוריק?... פון דער מאַמען — א רעטעך?... און פון גיטעלען — א מערעלע?...״

ווינצענטי, דער גלאָקן־קלינגער, איז דעמאָלט ארויסגעקומען און ער האָט אים געבראַכט א שטיק ברויט מיט אַן אוגערקע, און אליין האָט ער זיך גענומען צו די גלאָקן, וועלכע מען ציט מיט שטריק, זיי זאָלן קלינגען:

„בים־בום!... בים־בום!...״

הענעך האָט נאָכגעקוקט יעדן קער, יעדן ריר פון גלאָקן־קלינגער ווינצענטי.

— קוק זיך גוט צו, העניעק, לערן זיך אויס. וועסט מיר צוהעלפן, וועסטו פאַרדינען ביי מיר אויף ברויט... — זאָגט אים דער קלינגער.

דאָס איז א מחיה צו הערן. געוויס וועט זיך הענעך אויסלערנען. ער וועט טון אַלץ, וואָס ווינצענטי וועט אים הייסן.

— איך דאַרף א העלפער, — זאָגט ווינצענטי — מיין אייגענער יינגל איז אוועק מיט די בחורים, אין די וועלדער.

שווייגט הענעך און הערט זיך גוט איין און קוקט זיך גוט צו.

— א גוטער יינגל געווען מיין סטאַך, — רעדט ווייטער ווינצענטי — א גוטער פּאָליאַק. איז ער אוועק מיט די בחורים.

רוט ער זיך אָפּ אביסל פון קלינגען און רעדט:

— אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ, אַן אויג פאַר אַן אויג... אזוי ווי עס שטייט געשריבן. אַ צאָן פאַר אַ צאָן.

ער נעמט זיך ווידער צום קלינגען, רופט צו נענטער הענעכן און זאָגט צו אים:

— קום אהער, העניעק... טו אַ ציַ מיטן שטריק — אָט אזוי... פריער ציַ לייכט, עס קלינגט שוין אליין... דעם צווייטן מאָל ציַ שטארקער, האָסט דאָך געגעסן ברויט... אָט אזוי, אָט אזוי.

הענעך האָט עס געוואָלט מאַכן גוט, זייער גוט, האָט ער געטון אזוי ווי ווינצענטי האָט אים געוויזן — אַ ציַ מיטן שטריק, אַ שטופּ מיטן פוס, נאָך אַ ציַ, נאָך אַ שטופּ, צוויי מאָל אַ ציַ. אַ ציַ מיט דער רעכטער האַנט, אַ ציַ מיטביידע הענט, אַ שוואַכן ציַ, אַ שטאַרקן ציַ.

— בו — — — ו — —ם־ם־ם —

דאַרף מען לאָזן דעם גלאָק זיך אביסל אָפּרוען און באַלד נאָכדעם אַ ציַ טון פאַרן שטריק, אַ ציַ שטאַרק — איינס, צוויי און דריי —

—בום — בום — בום — בום —

— איצט דאַרף מען נאָך אמאָל פון אָנהייב — רואיק, געלאַסן, פּאַמעלעך, עס זאָל זיין אַ ווייכער קלונג:

— באַ—ם—ם—

וואָס מער הענעך האָט געקלונגען, אַלץ בעסער איז דאָס אַרויסגעקומען. ער האָט זיך געוויגט אהין און צוריק מיט די שטריק, אהין און צוריק מיט די גלאָקן, מיט די קלאַנגען, און ווינצענטי האָט דערביי געציילט:

— איינס, צוויי, דריי —

אונטן אויף דער ערד ווייסט קיינער נישט, אַז הענעך קלינגט דאָס אַצינד אין די גלאָקן פון גרויסן קלויסטער. קיינער ווייסט נישט, סיידן אפשר אויבן אין דערהויך, אין די הימלען, ווייל די הימלען הענגען דאָך איבער די גלאָקן.

„אזוי איז אוועק אַ טאָג, אַ וואָך, צוויי וואָכן, ביז דער בראָך איז געקומען אויף מיין קאָפּ" — דערציילט הענעך.

איינמאָל קומט ווינצענטי אין קלויסטער אַ בעסדיקער, ער פּיפּקעט

ה ע נ ע ך

שטאַרקער זיין ליולקע, ער שטייט, ער רעדט הייזעריקער ווי אַלעמאָל:

— מען רעדט אונטן, אַז דו ביסט אַ זשידעק. מענטשן אונטן זאָגן אַזוי. אַן אמת, אַ?

הענעך האָט נישט געקאָנט איצט זאָגן אַ ליגן דעם אַלטן ווינצענטי, האָט ער געענטפערט:

— יאָ.

— ביסטו אין אַ צרה... זיי רעדן דאָרט אונטן אַזוי... וועסטו מוזן גיין.

— איכל גיין, פּאַן ווינצענטי... איך מוז דאָך גיין... — האָט הענעך געשטאַמלט.

הענעך איז באַלד אוועק. ווען ער איז פאַרביי די אָפענע טיר פון קלויסטער, האָט ער געזען, אַז אינעווייניק האָבן שוין געברענט ליכט. ווייבער זענען שוין געשטאַנען אויף די קני. מענטשן זענען געקומען דאַווענען.

— אוים קלויסטער! — דערציילט הענעך — איך האָב זיך נאָר אויסגעלערנט קלינגען. איך דאַרף ווידער גיין זיך ראַטעווען...

קאפיטל זעכצן

אן אור־אלטע יידישע פרנסה

אוים גלאָקן־קלינגער, ווידער — בעטלער.

נאָכדעם ווי ער איז אוועק פון קלויסטער, האָבן הענעכן די פיס אליין אוועקגעטראָגן צוריק צו דער פּולאַווסקע גאַס, ער האָט דאָך דאָרט שוין געהאַט „זיינע" הייזער, ער האָט שוין געוווּסט, ווו א טיר עפנט זיך.

„איר מיינט, אז א מענטש ווייסט, פארוואָס ער שלעפּט זיך ארום, פארוואָס ער לויפט, פארוואָס ער וויל בלייבן לעבן" —דערציילט הענעך ווי א גרויסער. „איך האָב נישט געוווּסט פארוואָס, און ווען א דייטש לייגט מיך אוועק, וואָלט אויך געווען פארפאלן, און איך וואָלט זיך נישט געדאגהט, מער נישט, אז איך בין ארוים פון קלויסטער און געבליבן שטיין, א רגע אויף דער גאַס, האָבן די פיס באלד מיך א טראָג געטון ווייטער, ווייל בלייבן שטיין דארף איך נישט, איך טאָר דאָס נישט, איך מוז גיין און גיין..."

הענעך האָט אליין נישט געוווּסט, ווער עס טראָגט זיינע פיס, און ווער עס באַפעלט אים צו גיין און גיין. ער האָט נישט געוווּסט, אז דער מזל זיינער שלאָגט אין אים, דער יידישער מזל, וואָס איז אויף אים גע־פאלן — דו, הענעך, יידישער יינגל, דער זון פון פייוול דער היטלמאכער, פון גזשיבאָווסקע גאַס, דו מוזט ארוים, דו מוזט זיך ראַטעווען, דו דארפסט שפּעטער זיצן אין אן אונטערערדישן בונקער און פארצייכענען, אזוי ווונ־דערלעך, דיין טאָג־בוך.

ווען דער קליינער, פארשטעלטער יידישער בעטלער איז ווידער גע־שטאנען הינטער אן ארישער טיר, אָנגעקלאַפּט און ווידער געפּליסטערט:
„דער טאטע געפאלן אין מלחמה, די מאמע ליגט קראַנק, האָט רחמנות,

בוג זאפלאטשי..." און א טיר האָט זיך געעפנט, האָט מען אים דערקענט און געפרעגט: „ווי ביסטו פארפאלן געוואָרן די גאנצע צייט?" האָט ער געענטפערט מיט א רואיקן, קאַלטן פּנים: אוועק זען וואָס מאכט מיין קראַנקע מאַמע". — און ער האָט ווידער געקראָגן א נדבה — א שטיק ברויט מיט אַן עפּל.

מיעטעק האָט זיך אויך אָפּגעזוכט, סאַליע און לאַניע אויך. א נייער יינגל איז אויך געווען, מען האָט אים גערופן לייבוש. זיי האָבן שוין געהאַט א נייע „מלינע", דאָס איז געווען א „בונקער" אויף אדינעצעס פעלד, פון אויבן פארדעקט מיט בלעך, באלייגט מיט ערד. חברה האָט דאָרט אויפגענומען הענעכן. מיעטעק האָט געזאָגט, אז הענעך איז א גוטער ברענגער פון עסן.

„שפּעטער, אז מיעטעק האָט געזען ווי שמוציק איך בין" —דערציילט הענעך— האָט ער געזאָגט, אז ער וועט מיר געבן א העמד. איך האָב זיך זייער געוווּנדערט, ווייל — ווי קאָן דאָס מיעטעק נעמען פאַר מיר א העמד?"

ער האָט אָבער געהאַלטן וואָרט. ער איז מיט אים אוועק ווייט איבער דער פּולאַווסקע, צוגעקומען צו א הויז, זיך גוט ארומגעקוקט פון אלע זייטן און אים ארויפגעפירט שטיל־שטיל אויף א בוידים, ווו אויף שטריק איז געהאנגען נאָך פייכטע וועש. „נעם וועלכע העמד דו ווילסט, און טו שוין דאָ אָן" — האָט ער אים געהייסן. „נעם נאָר איינע און דיינע וואַרף אוועק, ווייל טאָמער כאַפּט מען דיך, זאָלסטו גאָרנישט האָבן" — האָט ער אים אָנגעזאָגט.

„איך האָב דאָרט אויפן בוידים, איינס און צוויי, אראָפּגעוואָרפן מיין אלטע העמד און אָנגעטון דאָס פייכטע. עס איז מיר געוואָרן זייער קיל און עס איז געווען זייער געשמאַק, אז איך געדענק נאָך דעם טעם ביז היינט — דערציילט הענעך.

די חברה אין בונקער איז געווען א קליינע. מיעטעק איז דאָרט געווען דער גאַנצער באַלעבאָס. הענעך האָט זיך געהאַלטן כסדר מיט מיעטעקן. „איך האָב זיי אפילו געוואָלט דערציילן די גאנצע מעשה מיט ווינצענטין אין קלויסטער —זאָגט הענעך— איך האָב אָבער בעסער געשוויגן, ווייל

עס איז מיר געווען א רחמנות אויפן אלטן. מאלע וואס עס מאכט זיך און חברה האט לאנגע צינגער".

— ווו ביסטו געווען? — האבן זיי אים געפרעגט. באזונדערס האט עס געוואלט וויסן סאליע, וואס האט זיך געקלעפט צו אים.

— ווייס איך וואס, א דאגה האסטו, זיך ארומגעשלעפט — האט הענעך געענטפערט און נישט דערציילט די מעשה מיטן קלויסטער.

האט מען אזוי „געלעבט", ביז עס איז גוט קאלט געווארן. קיין ווארעמען בגד האט מען נישט געהאט און — מען מוז האבן.

מיעטעק ווייסט אלץ, מיט זיין קליינעם, פארריסענעם נעזל שמעקט ער אלץ אויס; זיינע קאלטע, גרויע אויגן דערזעען, וואס אנדערע דערזעען נאך נישט, און ער האט עס געגעבן די עצה ווו מ'זאל קריגן ווארעמע זאכן:

— אין געטא איז שוין לאנג שטיל —האט ער געזאגט— גויים דערציילן, אז דארט וואלגערן זיך בערג קליידער פון טויטע יידן. איך האב אליין געזען ווי זיי פארקויפן עס אויף „קערצעלי"; וועלן מיר זיך דארט ארייןכאפן און זיך אנטון ווי פריצים.

— צוריק אין געטא?

— ווידער א רייזע אהינצו?

מיעטעק האט געזאגט:

— מיר זענען דאך שקצים, וואס־זשע קאנען מיר מורא האבן?...

הענעכן האט זיך דאס פון אנהייב נישט געלייגט אויפן שכל, ווארום וויבאלד א בונקער, האט מען אויף אדיניעצעס פעלד, „הייזער" האט מען אויך — צו וואס־זשע זאל מען קריכן אין פייער אריין, אין געטא?

עס האט אבער א צי געטון אהינצו. דארט איז דאך די היים. דארט קען ער דאך אלע גאסן. מען זאגט, אז אביסל יידן זענען נאך דא. אפשר איז דא עמעצער פון זייער גאס?

אפשר ברוך?... אפשר טאדי?...

אפשר גייט דארט נאך ארום די מאמע? דער טאטע?...

די געטא האט א רוף געטון, א צי געטון. עס ציט די גזשיבאווסקע גאס, די מילע גאס, די מוראנאווסקע. דאס הארץ איז צו־קליין איינצו־האלטן אין זיך די נאגעניש. זאגט ער צו מיעטעקן:

— מ'דארף א קוק טון...

דאָס געפעלט מיטעקן און ער ענטפערט אים צוריק:

— מירן גיין נאָר זאַלבעצווייט, נאָר מירביידע.

מיטעק, וואָס ווייסט אַלץ, וואָס שמעקט אוים אַלץ מיט זיין פאַר־ריסענעם נעזל, וואָס האָט אַזעלכע קאַלטע, גרויע, רואיקע אויגן און זעט אַ סך זאַכן פון דערווייטנס, איידער אַנדערע דערזעען דאָס, האָט דער־ציילט הענעכן:

— גויים גייען אין געטאָ און טראָגן פון דאָרט אַרויס אייזנס, כּלים, זייגערס, מאַנטלען, און פאַרקויפן עס אויפן „קאַרצעליאַק״. מירן אויך טון אַזוי...

— מיר זענען דאָך יידישע יינגלעך.

— מיר זענען שקצים — האָט אים מיטעק געענטפערט. — דו דאַרפסט עס גוט אַריינגעמען אין זינען.

— אָבער... ווערט זיך הענעך.

— אָבער עסט אַ פערד... — ענטפערט אים מיטעק.

ביידע חברים, מיטעק און הענעך, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צוריק אין געטאָ אַריין. אַ נייע, געפערלעכע רייזע.

אַריינקומען איז געווען לייכט. קיינער האָט די צוויי שקצים נישט פאַרהאַלטן. —וווּהין — האָט זיי אַ פרעג געטון אַ פּאָליציאַנט. „צו די זשידאָווסקע מאַיאָנטקעס״ — האָט מיטעק געענטפערט.

גענשאַ גאַס, פראַנציסקאַנער גאַס, מוראַנאָווסקע גאַס... — טויטע גאַסן. נישטאָ קיין יידן, נישטאָ קיין דייטשן, נישטאָ קיין אוקראַינער. דאָס ביסל יידן אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין די דייטשע שעפּער. קיינער באַגעגנט נישט, קיינער טשעפּעט זיי נישט. עס גייען צוויי שקצים, צוויי לאָבוזעס — מיטעק און העניעק.

אַז די מורא איז אַרוים פון די פיס, ווילט זיך גיין, ווילט זיך אין איין רגע זיין אין אַלע גאַסן. עס שרעקט נאָר אַביסל די שטילקייט און די ליידיקייט. עס טרעפט, אַז מען טוט פּלוצלינג אַ ציטער און מ׳ווייסט נישט אפילו פאַרוואָס און פאַר ווען.

— דאָ איז געווען מיין שולע...

— דאָ האָט געוווינט מיין מומע...

זיי קומען אַרויף אויף הייף — שטיל, ליידיק, פּוסט. אין הענעכן

איז אריינגעקומען אזוי ווי א רוח, עפּעס אַן אימפּעט אזא, ער שלעפּט מיעטעקן, ער זאָל גיין מיט אים, גיין און גיין.

— לאָמיר גיין אויף נאַלעווקי...

— לאָמיר גיין אויף נאָוואָליפּקי...

הענעך איז מער נישט קיין קליינער יינגל, וואָס לויפט און שטיפט איבער גאַסן. ער איז נאָר א פארשטעלטער שגץ. ער איז א קליינער ייד, ער איז א יורש. קיינער איז שוין מער נישטאָ — נישטאָ דער טאַטע, נישטאָ די מאמע, נישטאָ ברוך, נישטאָ גיטעלע, נישטאָ דער לערער ברוידע, נישטאָ דער אלטער דאָקטאָר, נישטאָ טאָדי, נישטאָ די שולע, נישטאָ שאיע דראָזש־קאָזש, עס איז נאָר געבליבן הענעך, ער איז אליין אויף אלע יידישע גאַסן.

זיי בלייבן שטיין ביים קלויסטער, וואָס שטייט אויפן גרויסן הויף צווישן די גאַסן נאָוואָליפּקי און דזשעלנע. די טירן פון קלויסטער, הויכע און אייזערנע, זענען פארמאכט, פארקלאַפּט. אויפן שפּיץ פון קלויסטער איז א גרויסער צלם. אויפן גרויסן הויף שטייט א שטיינערנער מענטש און טראָגט אויף זיין איינגעבויגענער פּלייצע א גרויסן צלם.

דאָס איז דער גויאישער גאָט — זאָגט מיעטעק.

שטייען זיי ביידע און קוקן זיך איין אויף אים. מיעטעק, וואָס ווייסט אלץ, זאָגט ווייטער צו הענעכן:

— אין שולע האָט דער לערער געזאָגט, אז ער איז געווען א ייד...

הענעך איז נישט מסכים. דאָס קען נישט זיין, אַז אָט דער, וואָס שטייט אויפן שטיין מיט א צלם אויף דער פּלייצע, איז א ייד, ער זאָגט מיעטעקן:

— די דייטשן וואָלטן אים נישט געלאָזט שטיין.

זאָגט אים מיעטעק אויף צוריק:

— ביסט א חכם. ער איז דאָך א שטיינערנער.

— אפילו א שטיינערנער — שפּאַרט זיך הענעך.

ווען מיעטעק האָט זיך נאָך אלץ איינגעקוקט אויף דעם שטיינערנעם מענטשן אויפן קלויסטער־הויף, האָט אים הענעך א צי געטון:

קום, וועסט ביי אים נישט קריגן קיין מאַנטל מיט א פּאָר שיך...

מען דארף זיך טאַקע נעמען צו דער ארבעט, צו דעם, נאָך וואָס זיי זענען אהער געקומען, מען דארף געפינען די בערג מיט די זאכן.

זיי שמעקן אריין אין איין הויף, אין אַ צווייטן הויף, און אַט זענען זיי ארויף אויפן הויף נאוואליפּקי 39.

— עס איז דאָ!

דאָ איז טאקע דאָ א בארג מיט קליידער — רעקלעך, מאַנטלען, קי־שנס, שיך, טישטעכער, פּארטעכער, הויזן, וועסטלעך, טלית־קטנס, קאַ־פּעלושן, קאַפּאָטעס, טליתים, היטלעך, שטריימלעך, פּעלערינעס, ראָטאָנ־דעס, שטיוול, יארמולקעס, קינדערשע העמדלעך, שיכלעך, היטעלעך...

זייביידע האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין בארג, געזוכט, געכאַפּט, אוועקגעוואָרפן, אָנגעטון און אויסגעטון, געמאָסטן, געגראָבן זיך אין בארג טיף, טיפער, אז מען האָט זיי שוין גאָרנישט ארויסגעזען:

— אַן אוצר, מיטעק...

— איך האָב דיר געזאָגט...

דערציילט הענעך אזוי: „מיר האָבן געמאָסטן אויף זיך. איינס איז צו גרויס, דאָס צווייטע איז צו קליין. איינס קריכט נישט ארויף, דאָס צווייטע — פֿאַלט אראָפּ. מיטעק טוט אָן אויף זיך א קאַפּעלוש איבער די אויגן, אז איך קייך פון געלעכטער. געפין איך א צילינדער און זעץ אים ארויף אויף מיין קאָפּ, זאָגט מיטעק, אז איך זע אויס ווי א מאַלפּע. טוט מיטעק א כאַפּ אַ שווארצן בגד און אַ שלעפּ ארויף אויף זיך, איז דאָס גאָר אַ סורדוט מיט א שפּאַלט פון הינטן. מיר האָבן געזוכט מיט ביידע הענט, מיט די פיס, מיטן גאַנצן קאָפּ! ערשט איך האָב ארויסגע־שלעפּט אַ ווייבערשן זשאַקעט. „ס'איז מיין באָבעס" — האָט מיטעק געזאָגט".

ערשט הענעך טוט אַ כאַפּ ארויס אַ מאַנטל, אַ זעץ ארויף אויף זיך — עס פּאסט! אין דער רגע האָט אויך מיטעק געפונען פאר זיך א מאַנטל. דעמאָלט האָבן זיי זיך אריינגעלייגט אין בארג שיך. טרוקענע שיך, צע־פליקטע שיך, צעפּאָרענע שיך אָן בענדלעך, צעלעכערטע שיך, ערשט עס איז דאָ אַ פּאָר שיך ריכטיק פאר הענעכן, אזוי ווי זיי וואָלטן געווען אָנ־געגרייט פאר אים. א צי־אויף אויף איין פוס, אויף דעם צווייטן פוס, נאָך א צי, נאָך א שלעפּ — עס גייט ארויף. „זאָל גלייכער זיין אביסל גרעסער, ווער נישט דריקן, זאָל זיין אויף אויסוואקסן, פלעגט זאָגן מיין מאמע".

מיטעק האָט געפונען צוויי פּאָר שיך, ביידע זענען גוט פאר אים.

איין פּאָר שיך האָט ער אָנגעטון, און די צווייטע האָט ער געהאַלטן אין האַנט.

„אָנגעטון ווי די פראַנטן — דערציילט העניעך — זענען מיר געבליבן זיצן אביסל אויפן בארג. מיטעק האָט געזאָגט, אז מיר זעען אויס ווי חתנים. איך האָב געזאָגט, אז מיר זעען אויס ווי פּיפּערנאָטערס. איך האָב אפילו נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער שאַיע דראָזשקאָזש פלעגט אזוי זאָגן".

דער בארג קליידער איז א גרויסער, א הויכער. די צוויי קליינע יורשים האָבן געזשאַלעוועט אוועקצוגיין און איבערלאָזן דעם בארג אויף הפקר.

— לאָמיר מאכן פּעקלעך פאר חברה... — האָט מיטעק געזאָגט.

— און איינעם פאר האנדל — האָט העניעך צוגעגעבן.

נאָכדעם ווי מיר האָבן געמאכט די פּעקלעך — דערציילט העניעך — האָט מיטעק געזאָגט: „געגאַנגען", און איך האָב צוגעגעבן: „ביסט גערעכט". מיר זענען אראָפּ פון הויף נאָוואָליפּקי 39 און ווידער געזען דעם שטיינערנעם מענטש אויפן הויף פון קלויסטער. איך האָב געזאָגט מיטעקן: „ער שטייט נאָך אַלץ א באָרוועסער, אָן שיך..."

זיי זענען ארויס פון דער געטאָ אזוי לייכט, ווי זיי זענען דאָרט אריינגעקומען. קיינער האָט נישט געקוקט נאָך זיי, קיינער האָט זיי נישט פארהאַלטן, ווייל זיי זענען געווען נישט די איינציקע שקצים, וואָס גייען ארויס פון געטאָ מיט „ירושה".

עס איז נישט געווען שווער צו פארקויפן אביסל סחורה, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך. זיי האָבן דאָס פארקויפט, ווי נאָר זיי זענען געווען ווייט א פּאָר גאַסן פון געטאָ. לאַניא האָט זיך געוואָרפן קושן העניעכן, ווען ער האָט איר געגעבן א פּעקל זאַכן, וואָס ער האָט געבראַכט און נישט פארקויפט. „דאָס קליידל איז ריכטיק פאר מיר. דער מאַנטל אויך", — האָט זי געזאָגט. „ביסט א כוואַט, העניעך, איך האָב דיך ליב".

„מיר האָבן געזען, אז עס גייט גוט, זענען מיר געגאַנגען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — דערציילט ער. — מיר האָבן געהאַנדלט מיט די זאַכן פון די יידן אויף דער גאַס. „זשידאָווסקע פּלודערן" — האָבן די גויים געקויפט און געלאַכט — „לאַכמאַנעס" — האָבן זיי געזאָגט. מיר האָבן אָבער נישט געלאָזט זיך אָפּנאַרן. לאַכמאַנעס, לאַכמאַנעס — עס קאָסט

אָבער געלט. ווילסטו האָבן, טאַ באַצאָל... מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז די דייטשן רופן די הייף מיט די בערג קליידער, שיך און כלים „די פלעצער פון ווערט־ערפאסונג", איך ווייס נישט וואָס דאָס איז, אָבער אַזוי האָבן דאָס די דייטשן גערופן. מיר זענען דאָרט געגאַנגען כמעט יעדן טאָג, גע־נומען סחורה און פאַרקויפט אויף דער אַרישער זייט. גאַנצע טשאַטעס „סוחרים" האָבן זיך געשלעפּט צו די הייף פון „ווערט־ערפאַסונג" און מיר אויך. איין מאָל האָב איך געזאָגט צו מיעטעקן: געדענקסטו, ווי מען פלעגט גיין איבער די הייף און שרייען: „אַלטוואַרג קויף איך!... אַלט־וואַרג, אַלטוואַרג..."

אַזוי איז הענעך געוואָרן אַן אַלטוואַרג־סוחר, פאַרנומען זיך מיט אַן אַלטער, אור־אַלטער יידישער פּרנסה פון די אַלטע געטאָס, פון די ווייטע לענדער און ווייטע צייטן. „אַלטוואַרג קויף איך!... אַלטוואַרג!... אַלט־וואַרג!..." ער האָט אָבער גוט געוווּסט, אַז צו לאַנג וועט דער מסחר זיך נישט ציען

קאפיטל זיבעצן

אין די „שטילע טעג"

„נישט יעדן טאָג האָט מען געקאָנט גיין אין געטאָ אריין", דערציילט הענעך, „אנדערע טעג האָט מען געמוזט „ארבעטן" אין די הייזער, אָבער עס איז דאָך געווען א שטילע צייט". מער נישט, אויך אין דער שטילער צייט האָט מען געהאט גענוג וואָס אויסצושטיין. „אין בונקער איז טאקע געווען קאַלט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיר האָבן דאָרט אָנגעשלעפּט גענוג שמאַטעס זיך איינצודעקן, אָבער עס איז דאָרט דאָך געווען דער בעסטער אָרט, קיינער זעט אונדז נישט, מען קאָן זיך אראָפּרעדן פון הארצן, הערן מעשיות, אפילו וויצן, מען קאָן אפילו שטיפן. מיר זענען דאָרט געווען זאַלבעפערט".

דערציילט הענעך פון דעם וואָס ער איז אויסגעשטאנען אויף דער ארישער זייט אין דער „שטילער צייט".

„גיי איך פארביי נארבוטאַ גאַס נומער 12, שטייט דאָרט א זעלנער אויף דער וואך און שרייט אוים צו מיר: „דו ביסט א יודע" און ער שלעפּט מיך באַלד ארויף אויפן הויף און זאָגט, אז ער וועט באַלד מיך שיסן, דערווייל נאָר זאָל איך לויפן ארום און ארום אין א קרייז. איך מוז עס טון, אָבער איך פארשטיי, אז ער וועט זיך צילעווען אין מיר מיט זיין ביקס, ווען איך וועל לויפן ארום און ארום אין קרייז".

טוט ער אזוי, הענעך: ער פאָלגט דעם דייטש און ער לויפט ארום און ארום. דער דייטש שרייט: „שנעלער!" — לויפט ער שנעלער. „נאָך שנעלער!" — לויפט ער נאָך שנעלער, ער לויפט מיט אלע כוחות. ערשט ער הערט, אז דער דייטש שיסט טאקע, שיסט און שיסט. הענעך ווייסט נישט, צי ער טרעפט אין אים, צי נישט, אפשר לויפט ער שוין מיט א קויל

אין פּלייצע. ביז ער האָט דערשפּירט אין זיך כּוח, ווי ער וואָלט מער נישט געווען קיין קליינער יידישער בעטלער־ייִנגל, נאָר א גרויסער מענטש, און אנשטאָט צו פּאָלגן דעם דייטש און לויפן ווייטער ארום און ארום, האָט ער געטון א לויף צו אים גלייך, א שטעל זיך אים אנטקעגן מיט א געשריי: „נאַ, שיס!...”

ווי קומט דאָס אזאַ גבורה צום קליינעם הענעך, וואָס איז אליין אויף דער וועלט? ווי קומט צו אים א כּוח פון אַ גבור? —

ער איז געשטאַנען מיט זיין הייסן קאָפּ, מיט זיינע בלויע אויגן, מיט זיין אומעטיקן, ענערגישן, קראַפּטפולן פּנים קעגנאיבער דעם שווערן, מיטליאָריקן דייטש מיטן ביקס, און ער איז געווען דעמאָלט וועלטן־ווייט און וועלטן־הויך פון עמלקן מיטן ביקס. עפּעס איז געשען בשעת־מעשה מיטן גולם פון דייטשלאַנד, ער האָט נישט געשאָסן אין קינד און האָט צו אים געזאָגט:

— מאַרש פון דאַנען!... וועסט שוין אריינפאלן צו אַן אנדערן אין די הענט!...

אין די זעלבע „שטילע טעג” איז געשען מיט אים אויך אַן אנדער אומגליק. „איך בין געווען אויף דער פּולאַווסקי גאַס”, — דערציילט ער— „ערשט עס קומט מיר אנטקעגן א פּאָליציאַנט. איך האָב זיך באַגעגנט מיט זיין קוק און איך האָב גלייך געפילט, אז עס טויג נישט. אנטלויפן האָב איך אָבער נישט געקאָנט, ווייל ער האָט מיך באַלד אַ כאַפּ געטון און געזאָגט: „איך וואָלט שווערן, אז דו ביסט א ייד”. זאָג איך צו אים: „אַנו, שווער, וועסט שווערן פאלש. קענסטו מיך דען? איך בין סטאַשעק, איך קום פון אקרענטשים, מיין טאַטע הייסט מיעטשיסלאַוו דער פארבער, מיין מאַמע הייסט מאריע. קום מיט מיר אין אקרענטשים — וועל איך דיר ווייזן. „יעסטעם פּאָליאַקעם” — און איך צלם זיך איבער אזוי פלינק און אזוי גוט ווי איך קען. זאָגט מיר נאָכדעם דער פּאָליציאַנט: דער שוואַרץ יאָר ווייסט דיך, ביסט אין מיינע אויגן א ייד, אָבער — גיי צום טייוול...”

דערציילט הענעך וועגן נאָך א מעשה אין די „שטילע טעג”: „אויף דער אספּאַלטאַווע גאַס איז געווען א גאַנץ גרויסער שפּייכלער פון שמאַ־טעס, וואָס פּאָליאַקן ברענגען „אויפן קאָנטינגענט”. בין איך אזוי־זיך אריין אין שפּייכלער, א קוק צו טון וואָס מען מאַכט דאָרט. איז דאָרט

קיינער נישט געווען. האָב איך זיך דאָרט ארומגעדרייט, ארומגעדרייט, ווייל עס איז גוט צו זען און צו וויסן, ערשט איך בין געווען זייער מיד, האָב איך זיך אָפּגעזעצט און מער נישט געקאָנט גיין, אזוי בין איך געווען פארמאטערט און שלעפערדיק. ערשט איך ווייס נישט וואָס מיט מיר טוט זיך און איך בין, צום אומגליק, טאַקע איינגעשלאָפן. איך בין דעמאָלט געווען אין א בארג שמאַטעס אפשר צוויי מעטער די הויך".

„זעט אויס, אז דער מענטש פון שפּייכלער איז שפּעטער געקומען און דערזען, אז עס וואַלגערט זיך עפּעס א שוך. דאָס איז געווען מיין שוך, וואָס איז אראָפּגעקראָכן פון מיין פוס, ווען איך האָב זיך געדרייט א שלאָפנדיקער אין בארג שמאַטעס. דער מענטש האָט דעמאָלט גענומען מיין שוך און אים באהאלטן. איך כאַפּ זיך אויף, קריך ארויס פון די שמאַטעס און זע, אז איין פוס איז אָן א שוך, נעם איך דאן זוכן ארום מיר דעם פארלאָרענעם שוך — ווער האָט דאָס געקאָנט אראָפּציען פון מיין פוס דעם שוך?... — דערזעט מיך דער מענטש פון שפּייכלער, ווערט בייז ווי א טיגער, און שרייט אויף מיר: „ייד, וואָס טוסטו דאָ?... ווי קומסטו אהער?..." מאַך איך זיך טאַמעוואַטע און זאָג אים, אז איך זוך מיין פארלאָרענעם שוך. ווייזט ער מיר מיין שוך און ער פרעגט מיך, צי ער איז מיינער. אוודאי איז עס מיין שוך, זאָג איך: „יאָ!" גיט ער מיר אָפּ דעם שוך און שלאָגט מיך דערביי, שלאָגט און שלאָגט. „זאָל איך וויינען אָדער שווייגן און זען וואָס עס וועט ארויסקומען פון שלאָגן?" — דוכט זיך מיר, אז דאָס מאָל איז גלייכער, איך זאָל וויינען, און איך האָב טאַקע אזוי געטון. איך האָב אָנגעהויבן וויינען, נישט וויינען הויך, נישט שרייען, נאָר וויינען, וויינען, אזוי ווי עס וואָלט פון מיר עפּעס רינען, רינען און רינען".

„אויף מיין געוויין איז אָנגעקומען דער סטרוזש פון הויף, אָן אַלטער גוי, מיט א בעזים אין האנט, זעט אויס, אז ער האָט אויף מיר רחמנות געהאט, האָט ער אויפגעהויבן זיין בעזים, קיינעם נישט פרעגנדיק, האָט ער אָנגעהויבן מיך קלאַפּן מיט זיין בעזים און שרייען: „אוועק פון דאַנען!... דיין געביין זאָל דאָ נישט זיין!..."

„איך האָב אים געפאָלגט, איך האָב נישט געוואַרט קיין האלבע סעקונדע, איך האָב זיך א טראָג געטון פון דאָרט, אז מיין הארץ האָט

געשפּרונגען פון שמחה. מיין מאַמע פלעג שטענדיק אַזוי זאָגן: „דאָס האַרץ שפּרינגט מיר אַרויס!"

פרעגט הענעך אַזוי:

„ווי אַזוי דערקענען מיך אַלעמאָל די גויים? — בלאָנד בין איך דאָך, פּויליש רעד איך, אַ צלמל אויפן האַלדז טראָג איך, איך בין אַ לאָבוז, אַ בראַדיאַגע, פון די קוישן כאַפּ איך, סיידן זיי דערקענען עפּעס אין מיינע אויגן".

אָט האָט אים, אין דער שטילער צייט, דערקענט אַ שוסטער וואָס האָט געוווינט אויף ראָג קאַשוצקאַ און אַדינגע. ער האָט אים אַריינגע־שלעפּט צו זיך אין שטוב, אים גוט אָנגעשלאָגן, אַראָפּגעצויגן פון אים דעם מאַנטל און אים געלאָזט גיין אויף אַלע פיר זייטן.

„אַן אַנדערס מאָל —דערציילט ער— בין איך געווען אויף דער טשעטשאַווע גאַס נומער פופצן, דאָרט איז געווען אַ היים פאַר היימלאָזע פּאַליאַקן. ערשט אַ חברה יונגע לאָבוזעס האָט מיך באַפאַלן, אַראָפּגעצויגן פון מיר מיין רימען, אַראָפּגעכאַפּט פון מיין קאָפּ מיין שול־היטל, וואָס איך האָב געטראָגן אומישנע, מעשה־שייגעץ, מיך צעשלאָגן ווי אַ ביטערן עפּל און מיך געלאָזט לויפן ווי אַ הונט".

דערציילט הענעך אַלץ פון יענער שטילער צייט: „איינמאָל איז געוואָרן פינסטער און איך בין נאָך געווען ווייט פון בונקער און האָב שוין גאָר קיין כוח נישט געהאַט צו גיין אַהינצו. וואָס האָב איך פאָרט געטון? — איך בין אַרויף אויף אַ דאַך, זיך איינגעטוליעט אין מאַנטל, וואָס איך האָב שוין ווידער געהאַט אויף זיך, זיך אײַנגעקנײַלט, און דאָרט געשלאָפן, און גראָדע איז די נאַכט נישט געווען קיין פראָסטיקע".

ער געדענקט גוט יענע נאַכט אויפן דאַך: „עס האָט זיך נישט גוט געשלאָפן. די אָנגעצונדענע לאַמטערנע, וואָס איז געשטאַנען אפילו זייער ווייט פון דאַך, האָט געשטערט דעם שלאָף. איך בין געלעגן אויפן דאַך אויסגעצויגן ווי אַ פּריץ און געטראַכט. איך האָב געוואָלט בעסער שלאָפן און נישט טראַכטן, עס האָט זיך אָבער נאָר געטראַכט און געטראַכט. איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געטראַכט אַזוי לאַנג ווי דעמאָלט אויפן דאַך. וואָס האָב איך געטראַכט? — עס איז שווער גוט צו געדענקען, אָבער

א ביסל געדענק איך יאָ. איך האָב געטראכט װעגן דעם, װאָס האָבן צו מיר די גױים?... פאַרװאָס יאָגן זײ זיך אַזױ נאָך מיר?... פאַרװאָס װילן זײ מיך נאָר דערהרגענען?..."

עס האָט נישט געװוּסט הענעך, אַז נאָך מיט טױזנטער יאָרן צוריק האָט דער ייד פון תהילים, אין אַן אַנדער לשון, געפרעגט די זעלבע פראַגע: „למה רגשו גױים?..." װאָס װילן זײ, די גױים פון מיר?... — און איצט ליגט דער קלײנער הענעך, דער קלײנער ײדישער ײנגל, אױף אַ דאַך אינ־מיטן דער אַרישער שטאָט, און פרעגט דעם הימל, די שטערן, די זעלבע שאלה: „פאַרװאָס יאָגן זײ זיך אַזױ נאָך מיר?... װאָס האָבן זײ צו מיר, צו הענעכן, דעם זון פון פײװל דעם היטלמאַכער פון גזשיבאָװסקע גאַס?...

„איך בין געלעגן אױפן דאַך און געטראַכט — דערצײלט ער — אַז איך װאָלט נישט װעלן, זײ זאָלן מיך דערהרגענען, איך װיל נאָך בלײבן לעבן, איך װאָלט נאָך װעלן עפּעס טון, אײדער זײ װעלן מיך דערהרגענען. איך בין געלעגן אױפן דאַך און געװוּסט זיכער, אַז איך װעל בלײבן לעבן, אַז איך װעל נאָך זען װי די דײטשן װעלן ברעכן הענט און פיס".

אַן אור־אַלטער, אור־אײביקער בטחון האָט אים אַרומגענומען אין דער קאַלטער נאַכט אױפן דאַך און פון דעם איז װאַרעמער געװאָרן, ביז ער האָט פאַרגעסן, װוּ ער איז, װאָס מיט אים איז. ער האָט נאָר געקוקט גלײך אין הימל אַרײן, װי ער װאָלט נישט ליגן אױפן דאַך, נאָר צװישן די שטערן אױפן הימל.

„איך װעל שױן דערצײלן — זאָגט ער — װי אַזױ אײנמאָל אין געטאָ, װוּ איך בין געװען נאָך אַלטע זאַכן, איז געװאָרן פּלוצלינג אַ גרױסע סכנה, און װי אַזױ איך האָב זיך פון דאָרט װידער אַרױסגעראַטעװעט".

װען די טױערן זענען געװען שטאַרק באַװאַכט און מען האָט מורא געהאַט צו שפּילן די ראָלע פון אַ שײגעץ, האָט מען געקאָנט זיך אַרױס־לאָזן פון געטאָ צוזאַמען מיט אַ גרופּע ײדן, װאָס גײען געװײנלעך דורכן טױער צו דער „אַסטבאַן" אױף אַרבעט. גײט מען נאָר דורך דעם טױער, קאָן מען זיך שױן אָפּטראָגן װי אַ שײגעץ.

הענעך האָט זיך „צוגעקלעפּט" צו אַ גרופּע ײדן, װאָס זענען גע־גאַנגען צו פיר אין אַ רײ און מאַרשירט מיט זײ צוזאַמען. ער האָט זיך „געמאַכט הארץ" און געגאַנגען מיט אַלעמען דרײסט צום טױער.

ה ע נ ע ך

א זשאנדאר האָט אים אָבער אָפּגעשטעלט. ער האָט צו אים געזאָגט „האַלט!" און אים ארויסגעשלעפּט פון דער רייע. עס איז אים נישט געלונגען. די גאנצע חכמה מיט דעם גאנצן מוט איז געווען אומזיסט, ארויסגעוואָרפן. דער זשאַנדאַר האָט אים געשטעלט ביי דער וואנט. באלד וועט מען אים דערשיסן. הענעכס קאָפּ איז הייס, אָבער ער הערט נישט אויף צו ארבעטן.

דערווייל קומט אָן נאָך א גרופּע יידישע ארבייטער, וואָס דארפן אויך דורכגיין דעם טויער. זיי בלייבן שטיין און דער זשאַנדאַר רעווידירט זיי. ער דארף זען, וואָס זיי טראָגן ארויס פון געטאָ, נאָכקוקן זייערע פּאַפּירן, אָפּציילן וויפל זיי זענען. לאָזט ער שטיין הענעכן ביי דער וואנט. ער זאָגט נאָר אָן דעם יידישן פּאָליציאנט, ער זאָל אויף אים אכטונג געבן, און אליין נעמט ער זיך רעווידירן די יידן.

דער זשאַנדאַר איז געווען אין כעס און צעטומלט, ווייל די יידן האָבן געהאט מיט זיך זעקלעך און פּעקלעך, אָנגעשטאָפּטע קעשענעס, האָט ער א געשריי געטון צום יידישן פּאָליציאנט וואָס האָט געהיט הענעכן:

— שטיי נישט ווי א טויטער, קום אהער צו מיר.

ווי נאָר דער יידישער פּאָליציאנט איז אָפּגעטרעטן פון הענעכן, האָט הענעך זיך שנעל אָפּגעטראָגן. „איך בין אנטלאָפן — דערציילט ער — אין פּוסטן געטאָ אויף גענשע גאס".

„איך האָב זיך דאָרט שטיל געשאַרט ביי דער וואנט — דערציילט ער — כדי ווי ס'איז אריבערקריגן זיך אויף דער ארישער זייט. פּלוצלינג האָט מיך דערזען א פּאַטרול פון צוויי זשאַנדאַרן. איינער פון זיי האָט געהאט א העלם אויף זיין קאָפּ און געטראָגן מאַשין־געווער. דער צווייטער איז געווען נאָר אין א זעלנערישן היטל. דער וואָס מיט דעם היטל האָט מיך גענומען אויספרעגן, פון וואנען איך קום און צו וואָס איך דריי זיך ארום איבער דער ליידיקער געטאָ".

הענעך האָט נישט געענטפערט, ער האָט געשוויגן. גיי דערצייל א זשאַנדאַר, צו וואָס א יידישער יינגל שאַרט זיך ארום דער וואנט פון דער ליידיקער געטאָ אויף דער גענשע גאס.

דער זשאַנדאַר שטייט אָבער צו, לאָזט נישט אָפּ און פרעגט אים נאָכאמאָל.

— אזוי זיך —ענטפערט ער— איך דריי זיך ארום.

— וואָס דרייסטו זיך?

— איך זוך עפּעס.

— וואָס זוכסטו?

— שיך...

זאָגט דער וואָס מיטן היטל צו דעם וואָס מיטן העלם:

— דערשיס אים.

האָט אָבער העגעך מזל און דער וואָס מיטן העלם זאָגט צו דעם וואָס מיטן היטל:

— אַ שאָד די אַרבעט.

צעלאַכט זיך דער אַנדערער און זאָגט:

— יאַוואָל, לאָז אים צורו.

טוט ער העגעכן נאָר אַ שטויס אין פּלייצע און לאָזט אים גיין. גייט ער. ער מוז אָבער ארויסגיין פון געטאָ. ווי־זשע קאָן ער דאָס דאָך טון?

„איך בין געשטאַנען אויף דער גענשער גאַס —דערציילט העגעך— און דערזען צוויי גרויסע לאַסט־וועגענער פון דער פירמע „ווּיסלאַ” פאָרן צום ארויסגאַנג פון געטאָ. ביי דעם טויער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, ווייל די זשאַנדאַרן רעווידירן די פּאַפּירן. די זשאַנדאַרן זענען געשטאַנען ביי די פערד און די באַלעגאָלעס. הינטער די וועגענער האָט קיינער נישט געקוקט. דאָרט פון הינטן זענען געהאַנגען גרויסע בלעכענע עמערס, פון וועלכע מען „פּאָיעט” די פערד. די עמערס זענען אריבערגעדעקט מיט צודעקן אויף „זאַוויעסעס”. איך האָב שנעל אַן עפן געטון אַ עמער און אריינגעקראָכן אינעווייניק. איך האָב זיך איינגעדרייט, איינגעקנורעט, דעם צודעק פאַרמאַכט און — קיינער זעט מיך נישט...”

די וועגענער האָבן זיך גערירט, זיי פאָרן. זיי זענען שוין ארוים פון געטאָ. העגעך פאַרט מיט אין אַן עמער. די פערד זענען גרויסע און לויפן שנעל. „דער עמער טרייסלט זיך —דערציילט ער— איך האָב מיר מיין קאָפּ צעטראַסקעט. איך בין שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן אינעווייניק. ארויסשפּרינגען אינמיטן פאָרן האָב איך נישט געקאָנט, ווייל איך האָב מורא געהאַט ארונטערצופאַלן אונטער די רעדער.

ה ע נ ע ד

זאָלן נאָר די פערד נישט וועלן טרינקען! אויב די באַלעגאָלעס וועלן גיין נעמען די עמערס „אַנצופּאָיען״ די פערד, איז ער א פארלוירענער. דעמאָלט וועט זיין א סוף צו אַלעמען. די פערד זענען אָבער, זעט אויס, נישט דורשטיק. זיי לויפן שנעל. הענעך עפנט מיט זיין קאָפּ אביסל דעם צודעק און זעט, אז זיי זענען שוין ווייט־ווייט, אויף שעננא־גאַס. „די וועגענער האָבן זיך אָפּגעשטעלט —דערציילט הענעך— איך וויים גאָר־נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך טו אַן עפן דעם צודעק — ס׳איז גוט, קיינער קוקט נישט אויף די עמערס. „הענעך, מאַך עס גיך!...״ — איך קריך ארויס״.

ער איז ארויס פון עמער און שנעל זיך אָפּגעטראָגן. ער איז ווידער געווען אויף דער ארישער זייט.

קאפיטל אכצן

די בוי־מייסטער פון דער געטאָ

„מיעטעק האָט געזאָגט, אז זינט איך האָב געשלאָפן אויפן דאַך, איז אריין א ווינט אין מיין קאָפּ — דערציילט הענעך, — אז איך פארטראכט זיך אינמיטן דערינען און פרעג קשיות, און דאָס וועט מיך פירן אין קבר אריין".

דאָס וויל ער נישט, אין קבר וויל ער נישט, פאַר דעם שרעקט ער זיך, אָבער אינמיטן דערינען פארווילט זיך אים צו טון משונהדיקע זאכן. עס פאָרט פארביי איבער דער מיט פון דער גאס א דייטש אויף א „ראָווער". טוט ער זיך אזאַ לאָז צו אים, אז נאָר ווייל מיעטעק האָט אים א כאפּ געטון ביי דער האנט, איז ער געבליבן לעבן. ער האָט געוואָלט זיך א לאָז טון צום „ראָווער", א וואָרף טון זיך אויף דער ערד — דער „ראָווער" מיטן דייטש זאָל זיך איבערקערן. „דער דייטש וואָלט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, און איך וואָלט אנטלאָפן". פארוואָס האָט זיך דיר דאָס געוואָלט, הענעך? — „איך ווייס אליין נישט, עס האָט מיך א שטופּ געטון און איך האָב געוואָלט עפּעס טון. איך קאָן נישט קוקן אויף א דייטש".

געוועגלעך, אז זיי זענען זאלבעפירט — הענעך, מיעטעק, סאליע און לאניע — אין בונקער אויף אדיניעץ־פעלד, שווייגן זיי, עס זאָל זיך קיין שטימע נישט דערטראָגן דרויסן. זיי האָבן זיך שוין איינגעוווינט צו שווייגן, און אז מען מוז עפּעס זאָגן, שושקעט מען זיך, שעפּטשעט מען. הענעך האָט אָנגעהויבן א סך צו שעפּטשען אין בונקער. ער וויל וויסן וואָס וועט זיין דער סוף פון ליגן דאָ? און ווי לאנג וועט מען נאָך ליגן? און ווען וועט שוין נעמען א סוף?

לאניע וואַרט אליין, אז איר ברודער זאָל קומען פון די ווישקאָווער

וועלדער און זי מיטנעמען אין „ארץ". זי האָט געהערט, אז אנדערע אנט־לויפן פון דאנען קיין „ארץ"... אפילו אינמיטן דער מלחמה — מען גייט צו די קאַרפּאַטן, פון די קאַרפּאַטן קומט מען אין טשעכיע, קיין אונגארן, קיין איטאַליע און פון דאָרט קומט מען שוין אין „ארץ". זי וואַרט נאָר, איר ברודער זאָל קומען און זי נעמען, וועלן זיי גיין צוזאַמען.

הענעך רעדט איר קאַפּויר. ער זאָגט, אז כל־זמן עס איז מלחמה, קאָן מען נישט ארויס פון פּוילן און מען קאָן נישט גיין אין „ארץ". מען מוז די ערשטע זאַך אוועקלייגן די דייטשן, און די דייטשן וועלן אוועקגעלייגט ווערן פון אמעריקע און ענגלאַנד.

— דאָס וועט טון רוסלאַנד... — זאָגט סאַליע — ווייל רוסלאַנד איז נענטער און שטאַרקער.

הענעך ווייסט די זאַך בעסער, ווייל ער טראַכט וועגן דעם, ער ווייסט, אז רוסלאַנד וועט קומען פון איין זייט, אמעריקע און ענגלאַנד וועלן קומען פון דער אנדערער זייט, און זיי וועלן צווישן זיך צעקוועטשן די דייטשן. מער נישט, עס געדויערט צו לאַנג. הענעך האָט אמאָל אין שולע געלערנט געאָגראַפיע, ווייסט ער ווי אזוי די אמעריקאַנער סאָלדאַטן גייען אריבער דעם ים מיט הונדערט טויזנט שיפן, די ענגלענדער גייען אריבער מיט פופ־ציק טויזנט שיפן, ווייל די ענגלענדער האָבן ווייניקער שיפן. זיי קומען גיך אַריין אין פראַנקרייך, פון פראַנקרייך איז א שפּרונג אין דייטשלאַנד, פון דייטשלאַנד גיבן זיי זיך א שפּאַר אין פּוילן. היינט די עראָפּלאַנען וואָס זיי האָבן. זיי האָבן מער ווי הונדערט טויזנט עראָפּלאַנען, טוען זיי א פלי איינס און צוויי. מער נישט, זיי וואַרטן נאָך אונטער, ווייל זיי האָבן א פּלאַן אזאַ, און ער, הענעך, ווייסט נישט גענוי דעם פּלאַן.

— א ווינט איז אריין דיר אין קאָפּ —זאָגט אים מיטעק— שווייג שוין בעסער.

וועט הענעך שווייגן א קורצע ווײַלע, אָבער באַלד וועט ער ווידער אָנהייבן רעדן:

— אז די אמעריקאַנער, די ענגלענדער און די רוסן וועלן אריינ־קומען אין וואַרשע —זאָגט ער— וועלן זיי צוזאַמענגעמען אַלע יידן וואָס וועלן לעבן, און וועלן זיי פרעגן: „יידעלעך, וואָס פאַרלאַנגט איר?... און יעדער איינער וועט קריגן וואָס נאָר ער וועט פאַרלאַנגען. איך וועל זאָגן,

אז קיין טאטע־מאמע האָב איך נישט, מיין מומע פון גאַרוואָלין לעבט שוין נישט, מיין מומע פון מילע גאס לעבט שוין נישט, ווייל איך צו מיין מומע אין אמעריקע".

— דו האָסט א מומע אין אמעריקע? — פרעגט אים לאַניע.

דעמאָלט צעשפּילט זיך ביי הענעכן די פאַנטאַזיע וועגן זיין מומע אין אמעריקע און ער דערציילט אין בונקער טויזנט און איין נאכט געשיכטן וועגן דער אמעריקאַנער מומע — זי איז זייער א רייכע און זייער א גוטע, זי איז אזוי גוט ווי זיין מאַמע, ווייל זי איז זיין מאַמעס שוועסטער. זי האָט אַן אייגן הויז מיט זעקס צימערן, מיט א זאַל און מיט א באַלקאָן. די מאַמע זיינע פלעגט זאָגן, אַז די מומע פאָרט ארום איבער אמעריקע אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל און זי האָט א זון, האָט ער אפשר א מיליאָן. די מומע וועט גלייך קומען צו פאָרן מיט די אמעריקאַנער סאָלדאטן און וועט זיך פרעגן אויף אים, אויף הענעכן, און וועט באלד אים נעמען צו זיך, אים אָנטון פון קאָפּ ביז די פיס און אים נעמען צו איר אין אמעריקע. ער וועט זיך זעצן אויף א שיף און פאָרן, און פאָרן...

— קריך אַראָפּ פון שיף און ווער שטיל... —בייזערט זיך אויף אים מיעטעק— אַז איך זאָג, אז ער האָט א ווינט אין קאָפּ.

הענעך ווייל נישט שטיל ווערן, ער האָט צו זאָגן צו אלע דריי אין בונקער, אז ער וועט אַן זיי נישט פאָרן, אז ער וועט זאָגן דער מומען, זי זאָל אלעמען נעמען צו איר אין אמעריקע — אלע. לאַניא וויל נישט פאָרן, ווייל זי וויל פאָרן מיט איר ברודער אין „ארץ", וועט ער זי נישט צווינגען, וועט זי טון ווי זי וויל, וועט ער מיטנעמען מיעטעקן און סאַליען, און אויב מיעטעק לאַכט פון אים, וועט ער קאָנען בלייבן אין פוילן, וועט מיט אים פאָרן סאַליע.

אזוי האָט הענעך גערעדט זיינע חלומות אונטער דער ערד, אין בונקער, אויף אדיניעץ־פעלד. קיינער, חוץ די אין בונקער, האָט אים נישט געהערט. עס האָט געווים נישט געוווּסט זיין מומע אין אמעריקע, וואָס ווינט ערגעץ אין ברוקלין, וואָס עס חלומט וועגן איר איר שוועסטערס קינד, דער קיילעכדיקער יתום הענעך.

איין מאָל אינמיטן נאכט האָט זיך אויפגעכאַפּט הענעך פון שלאָף, האָט זיך אויפגעזעצט. עס האָט אים געשמאַרצט און ער האָט זיך דערי־

ה ע נ ע ך

בער לאנג, לאנג געקראצט, ביז ער האָט זיך פארטראכט, פארטראכט, און געזאָגט צו די שלאָפנדיקע:

— איך וויל אוועק צוריק אין געטאָ.

ער וויל מער נישט זיין אויף דער ארישער זייט. ער האָט דאָרט מער נישט וואָס צו טון. ער וויל מער נישט גיין איבער די הייזער און שלאָפן אין בונקער אויף אדיניעץ־פעלד.

ער האָט געוועקט מיעטעקן:

יענער האָט זיך אויפגעכאפט א דערשראָקענער:

— וואָס איז, הענעך?

— איך וועל גיין אין געטאָ.

— שלאָף, שלאָף.

— ניין, מיעטעק, איך וועל גיין...

— וואָס איז מיט דיר?

— איך וועל דאָ מער נישט זיין.

— וועסט שוין זען מאָרגן.

— נישט מאָרגן, נאָר היינט.

— וואָס האָט דיר אָנגעשפארט?

— איך וויל דאָ מער נישט זיין אין א גרוב, איך וויל זיין מיט זיי.

— מען וועט דיך דאָרט דערהרגענען, מען וועט דאָרט אַלעמען דער־הרגענען.

— מען וועט נישט דערהרגענען, און וואָס עס וועט זיין מיט אַלע־מען, וועט זיין מיט מיר.

זאָגט אים מיעטעק:

— האָב נישט מורא, דיין מומע פון אמעריקע וועט דיך געפינען אויך אויף דער זייט. לייג זיך דערווייל אוועק און שלאָף, דריי נישט קיין קאָפּ.

עס האָט נישט געהאָלפן, הענעך האָט יאָ געדרייט א קאָפּ. ער האָט צום ערשטן געדרייט זיין אייגענעם קאָפּ. —עס איז אין מיר אריין ווי א רוח —דערציילט ער— עס האָט אין מיר גערעדט און גערעדט: „גיי צוריק אין געטאָ, גיי און גיי".

„מיעטעק איז איבער לאַניעז און סאַליען געווען שטארקער ווי איך,

ער האָט זיי איינגערעדט, זיי זאָלן נישט גיין מיט מיר צוריק אין געטאָ. וויבאַלד זיי זשיפּען דאָרט ווי שיקסעס, זאָלן זיי שוין זשיפּען ווייטער. ער האָט זיי געזאָגט אויף זיכער, אַז אין געטאָ וועט מען אויסהרגענען אַלע יידן, אַז דערווייל האָט מען דאָרט נאָך געלאָזט אביסל, אָבער מען וועט מאַכן מיט זיי א סוף. עס איז זיכערער צו זיין אויף דער אַרישער זייט. אַנדערע וואָלטן אוועקגעגעבן אַן אוצר, זיי זאָלן קאָנען לעבן אַזוי ווי מיר „איבער די הייזער", אין א בונקער; אז הענעכן האָט זיך דער קאָפּ פאַר־דרייט. אַז איך האָב געזען, אַז איך קאָן מיט זיי גאָרנישט טון, האָב איך זיך איינמאָל אין א טאָג א הייב געטון און אוועק צוריק אין געטאָ מיטן געדאַנק שוין דאָרט צו פאַרבלייבן מיט אַלעמען".

ווען זיינע פיס האָבן אים געטראָגן אין געטאָ אריין, האָט הענעך געוויס נישט געוווּסט, אַז דער מזל זיינער, זיין יידישער מזל, טראָגט אים צו דעם אָרט, ווו איינגיכן האָט זיך געדאַרפט אָפּשפּילן די גרעסטע וועלט־דראַמע און אַז עס וועט זיין דער זכות פון הענעכן צו שפּילן א ראָלע אין דער דראַמע.

„נאָכדעם ווי איך האָב אַנגעטון א מגן־דוד אויפן אַרבל, שוין זייענ־דיק צוריק אין געטאָ, האָב איך דערשפּירט, אַז אַלץ אויף יענער זייט איז נעענדיקט, אַז איך בין צוריק אויף דער זייט..." — האָט הענעך דערציילט.

מען האָט אים אריינגענומען צו וווינען ביי א ייד אויף וואָלינסקע נאָס נומער זעכצן. מען האָט אפילו רעכט נישט געפרעגט, ווער ער איז, פון וואַנען ער איז. עס איז געקומען א ייִנגל, וואָס הייסט הענעך, זאָל ער זיין, פּלאַץ פעלט נישט.

„אין דער זעלבער דירה —דערציילט ער— איז געוועזן א פרוי, וואָס האָט געהייסן שרה־ריוועס. זי פלעגט אַרומטראָגן געבעקס צו פאַרקויפן. זי פלעגט אויפשטיין פיר פאַרטאָג, אוועקגיין מיט איר קויש אין בעקעריי און שפּעטער דאָס אַרומטראָגן צו פאַרקויפן אין די שעפּער, ווו די יידן האָבן געאַרבעט. שרה ריווע האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל גיין מיט איר אין העלפן אַרומטראָגן דאָס געבעקס, וועל איך ביי איר פאַרדינען אויף ברויט".

ער איז דאָרט געוואָרן אַן איינענער, א בן־בית. עס האָט געדויערט נאָר א קורצע צייט און הענעך האָט דערשנאַפּט דאָרט און אין די שעפּער זייער וויכטיקע זאַכן. ער האָט דאָס געהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן:

ה ע נ ע ך

— מען גרייט זיך...

— מען בויט בונקערס...

צו וואָס גרייט מען זיך?... צו וואָס בויט מען בונקערס?... — עס וועט זיין א מלחמה, טאַקע דאָ אין געטאָ וועט זיין א מלחמה. מען וועט מלחמה האַלטן מיט די דייטשן.

הענעך האָט געזען, אז ער איז געקומען צו דער ריכטיקער צייט. „מיין גרעסטע איבערראַשונג און פרייד איז אָבער געווען —דערציילט ער— ווען איך האָב אינמיטן דערינען —איר מעגט דאָס מיר גלויבן— באַגעגנט אויף דער שווענטאָיורסקע גאַס נישט קיין אַנדערן ווי טאַדין”.

—טאַדי...

— הענעך...

מער האָבן זיי ביידע אין דער ערשטער מינוט נישט געקאָנט רעדן. דער זעלבער טאַדי, מיט וועמען ער האָט געלערנט אין שולע. מער נישט, טאַדי איז געווען אין א העכערן קלאַס, דער זעלבער טאַדי וואָס האָט אים גענומען צו דער פּורים־פאָרשטעלונג.

— טאַדי, דו לעבסט...

— הענעך, דו לעבסט...

טאַדי זעט אויס שוין צו זיין א גאַנצער מענטש. טאַדי איז שוין מער נישט קיין יינגל. טאַדי זאָגט, אז ער איז זייער פאַרנומען. ער הייסט הענעכן, ער זאָל קומען אין א פּאָר טעג אַרום צו אים, אויף דער שווענ־טאָיורסקע גאַס. „מירן זיין צוזאַמען —זאָגט ער אים— וועסט זיין מיט אונדז”.

— ווער איז „אונדז” — פרעגט אים הענעך.

— עס זענען דאָרט דאָ חברים... — ענטפערט ער אים מאָדנע־ערנסט, ווי מען ענטפערט א גרויסן.

פרעגט הענעך ביי טאַדין:

— דו מיינסט דאָס וואָס מען גרייט זיך...

— פון וואַנען ווייסטו?...

— זעסט דאָך, אז איך ווייס.

— ביסט שוין א גאַנצער מענטש, הענעך.

הענעך האָט געוווסט, אז אין א פּאָר טעג אַרום דאַרף ער זיין ביי

טאדין, אזוי ווי ער האָט אים אָנגעזאָגט, דעריבער האָט ער אויפן צווייטן פרימאָרגן נישט געהאט קיין חשק פארטאָג זיך אויפצוהייבן און גיין מיט שרה ריוועס קוישן צום בעקער.

„יענעם פרימאָרגן —דערציילט הענעך— איז שרה ריווע אוועק אליין. זי האָט געהאט א פּלאַש־ליכט, מיט וועלכער זי פלעגט באַלויכטן אין דער פינסטער, ווייל עס איז נאָך געווען כמעט פינסטער. זי איז אוועק, ווען אלע זענען נאָך געלעגן אין שטוב און געשלאָפן. איך האָב זיך אויך געמאַכט שלאָפנדיק".

דאָס מאָל האָט זיך שרה ריווע נישט געזאמט, זי איז באלד געקומען צו לויפן צוריק אין איין שרעק און האָט אלעמען געוועקט: „שטייט אויף גיכער, דרויסן שיסט מען". די מענטשן האָבן זיך געפוילט אויפצושטיין, זיי האָבן נישט מורא געהאט, ווייל זיי אלע האָבן דאָך געארבעט אין שאָפּ און יעדער איינער פון זיי האָט געהאט אן ארבעטס־קארטע, און מיט אן ארבעטס־קארטע, האָט מען געמיינט, איז מען זיכער.

הענעך האָט נישט געהאט קיין ארבעטס־קארטע, האָט ער זיך באלד אויפגעהויבן און זיך אראָפּגעכאפּט אין גאַס. „ווי איך בין ארויס פון שטוב, האָב איך געזען, אז עס איז שוין ווידער שלעכט, אזוי ווי דעמאָלט בשעת דעם „קעסל". איך הער שיסערייען און זע ווי זשאַנדארן באלויכטן אונדזער הויז. בין איך צוריק ארויפגעלאָפן אין שטוב, אלעמען אויפגעוועקט און גיך זיי דערציילט וואָס עס טוט זיך אין גאַס. דעמאָלט זענען אלע גלייך ארויסגעשפרונגען פון די בעטן און שנעל אוועק אין א באַהעלטעניש, וואָס זיי האָבן געהאט גרייט פון פריער".

זעט אויס, אז ער איז געווען אזוי צעטומלט פון דעם, וואָס ער האָט געזען אויף דער גאַס, און אזוי פארנומען מיטן אויפוועקן די מענטשן, אז ער האָט גאָרנישט געזען, ווו זיי זענען אלע אהינגעקומען. ער איז געבליבן איינער אליין אין שטוב און ארויסגעקוקט דורכן פענסטער. די טיר האָט ער נאָר פארשלאָסן.

„איך האָב געהערט —דערציילט ער— שווערע טריט אויפן הויף, דייטשן רעדן, אָט גייט מען שוין אויף אונדזערע טרעפּ. אין אלע דירות פון הויז האָט קיינער נישט געוווינט, חוץ אונדז, ווייל יענע זענען אומ־

געקומען אין דער „ערשטער אקציע״. מען קלאַפּט שוין אין אונדזער פאַר־שלאָסענער טיר״.

די טיר האָט העניך מיט א רגע פריער אליין פארשלאָסן. איצט שטייט ער שוין ווידער פארן טויט. פון שרעק איז ער ארונטערגעקראָכן אונטערן בעט. ער האָט דערזען שמוציקע שמאַטעס. „איך האָב גענומען די שמאַטעס — דערציילט ער — זייער שנעל אויף זיי אויסגעגאָסן די „פּאָ־מאָיעס״, זיך שנעל איינגעוויקלט אין די נאַסע, שמוציקע שמאַטעס און ארונטערגעלייגט זיך אין זיי אונטערן בעט. זאָלן זיי מיינען, אז עס ליגט א בערגל שמוציקע, נאַסע שמאַטעס.

דערווייל האָבן די דייטשן אויפגעעפנט די טיר. דורך די שמאַטעס האָט העניך געהערט די דייטשע שטימען. זיי האָבן געהייסן איינעם, ער זאָל א קוק טון, וואָס עס ליגט אונטערן בעט: „איזראַעל, גיב א קוק וואָס דאָרט ליגט״. העניך האָט דאָס געהערט און פארשטאַנען, אז מיט די דייטשן איז דאָ א יידישער פּאָליציאַנט.

„איזראַעל״ האָט נישט געקוקט מיט די אויגן, אָדער מיט די הענט, נאָר מיט דעם פּוס, ווייל ער האָט געזען, אז ס׳איז נאַס און שמוציק: „ניקס — האָט ער געזאָגט — דרעקיג״.

העניך האָט געהערט, וואָס מען זאָגט וועגן אים, און געווען צו־פרידן. ער האָט געפילט, אז עמיצער האָט א שטופּ געטון די שמאַטעס מיטן פוס, א בריקע געטון. ער האָט דערשפּירט א גוטן זעץ אין פּלייצע, אָבער ער האָט נישט ארויסגעלאָזט קיין פּיפּס.

— „ניקס״... — האָט יענער געזאָגט און אלע דייטשן זענען ארויס.

עס איז געוואָרן שטיל. העניך ליגט און הערט, אז קיינער איז שוין נישטאָ. ער איז נאָך אזוי געלעגן א היפּשע ווײלע. נאָכדעם איז ער ארויס־געקראָכן פון די נאַסע שמאַטעס — די דייטשן זענען שוין נישטאָ, ער איז א געראַטעוועטער. ער איז צוגעקראָכן צום פענסטער, ארויסגעקוקט פון דער זייט און — קיינער איז נישטאָ אויפן הויף. ער זעט קיינעם נישט. שאַ־שטיל.

די יידן, וואָס האָבן זיך באהאַלטן, זענען צוריק אריינגעקומען. ס׳איז אויך אריינגעקומען א פרוי מיט א קליין קינד. זי האָט באלד געמאַכט א פייער און געשטעלט עפּעס קאָכן פארן קינד.

די יידן האָבן מורא געהאַט צו בלייבן לאַנג אין שטוב, טאָמער קומען די דייטשן נאָך אַמאָל, און זענען אַוועק אין זייער באַהעלטעניש, וואָס איז געווען אויפֿן בוידים. — „איצט האָב איך שוין געוווּסט, וווּהין זיי גייען". — אין שטוב זענען דערוויל געבליבן די פֿרוי מיט איר קינד און הענעך. ער וועט צייט האָבן צו לויפֿן אויפֿן בוידים, אַבי ער ווייסט שוין ווו. ער האָט זיך דערווייל איינגעקוקט, וואָס די פֿרוי קאָכט אויפֿן פֿייער.

ערשט ער קוקט אַרויס פֿון פֿענסטער און ער דערזעט ווידער דאָס אומגליק. „זיי גייען ווידער, באַהאַלט זיך!..." האָט ער אַ געשריי געטון צו דער פֿרוי און ער האָט זיך אַזוי שנעל אַרונטערגעוואָרפֿן אונטערן בעט און זיך ווידער איינגעוויקלט אין די נאַסע שמאַטעס, אַז די פֿרוי האָט גאָרנישט געזען, ווו ער איז נעלם געוואָרן.

די דייטשן שרייען: „אַלעס רונטער!" די דייטשן זענען שוין אין שטוב, זיי שרייען צו דער פֿרוי, זי זאָל שוין אַרונטער. זי זאָגט, אַז זי איז אין שלאָף־קליידל און דאָס קינד איז נאַקעט. דרויסן איז דאָך אַ פֿראָסט. „גייסט נישט זאָפֿאָרט אַראָפּ, שיס איך!"... — „דאָס קינד איז קראַנק. ערלויבן זי נאָך אַ טוך..." — „זאָפֿאָרט רונטער... זאָנסט שיס איך..."

אין שטוב איז שטיל געוואָרן, באַלד אָבער האָט הענעך דורך די נאַסע שמאַטעס געהערט דעם קינדס געוויין פֿון די טרעפּ. דאָס געוויין האָט זיך אַלץ דערווייטערט, אָבער געבויערט, גענאָיעט, אַריינגעקומען דורך די נאַסע שמאַטעס. די מאַמע האָט אויך געוויינט. זיי האָבן ביידע געוויינט, מער האָט זיך אָבער געהערט דאָס געוויין פֿון קינד — אַ נאַקעט יידיש קורטשאַקל, אַ געוויין וואָס איז געוואָרן ווייטער, שטילער, ער האָט זיך דאָך אָבער לאַנג געהערט.

ביז עס איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל. דעמאָלט איז הענעך ווידער אַרויס פֿון די שמאַטעס, האָט געקוקט אין דער ליידיקער שטוב, האָט צו־געמאַכט די אָפֿענע טיר, איז צוגעקראָכן פּאַמעלעך צום פֿענסטער און אַרויסגעקוקט — פּוסט, ליידיק, מען זעט נישט קיינעם, מען הערט גאָר־נישט. „ס'איז נאָר געווען אַ מורא".

פֿון בוידים איז אַראָפּגעקומען דער ערשטער דער באַלעבאָס פֿון דער וווינונג. הענעך האָט אים געזאָגט, אַז מען האָט צוגענומען זיין ווייב און זיין קינד. ער האָט זיך דעמאָלט —דער גרויסער ייד מיט די באָרוויסע

פיס— אראפגעזעצט אויף א בענקל און געשוויגן. ער האט גארנישט גע־פרעגט — ווי, וואס, ווי אזוי. ער איז געזעסן און געשטומט. ער האט שוין מער נישט קיין ווייב און קיין קינד.

„די אקציע איז געווען א קורצע —דערציילט הענעך— נאך א טאג מיט א נאכט איז מען ארויס אויף דער גאס און איינער האט געפרעגט דעם צווייטן: „זענען דארטן דא דייטשן?”... — „ניין” —האט דער צווייטער געענטפערט —„זיי זענען שוין אוועק” — מען זעט נאר, אז עס פארט פארביי א דייטש אויף א „ראווער” און שיסט, פארט און שיסט, און פארט אוועק. „זיי האבן געוואלט נאר אנשרעקן אביסל” — האט מען גערעדט.

הענעך האט געזען, אז ער האט נישט מער וואס צו זיין אין שרה ריוועס שטוב און אז ער דארף שוין אוועק אויף שווענטא־יורסקע צו טאדין.

„איך בין אריינגעפאלן אין דער ריכטיקער צייט —דערציילט ער— חברה האט געבויט בונקערס. מען האט געארבעט אין די נעכט. מען האט מיך צוגענומען צו דער ארבעט און איך בין גוט צונוץ געקמען. עס איז געווען א מחיה. עסן האט מען געגעבן. טאדי איז געווען מיט מיר און ער האט מיר געוויזן, וואס איך האב צו טון. איך האב געמאכט א בונקער פון צוויי שטאק. מען האט אריינגעצויגן וואסער, אנגעבראכט פעסער קאר־ביר, ליכט, נאפט...”

„איך האב געמאכט א בונקער פון צוויי שטאק...” — זאגט הענעך. נישט אליין האט ער אים געמאכט, ער האט אבער געהאט דאס געפיל, אז ער מאכט דאס, אלענפאלס ער מיט טאדין מאכן דאס. עס איז געווען א ווונדערלעך־העראאישע צייט, ווען אין דער „קליינער געטא” איז אנגע־גאנגען די פאנטאסטישע ארבעט פון די בעסטע פאכלייט, פון די קלוגסטע קעפ, ווען אין די נעכט האט זיך געהערט נאר דאס אונטערערדישע בויען, האקן, שמידן, ווען מען האט אריינגעצויגן וואסער, געגראבן ברונימער, געבויט אונטערערדישע קארידארן, געגרייט וואפן, מייסטערהאפט פאר־מאסקירט די אריינגאנגען, ווען די יונגע בוי־מייסטערס, די יינגסטע זין און טעכטער פון דער געטא, האבן זיך געגרייט צו יענער נאכט פון נסים, צו יענער פסח־נאכט, ווען פופציק טויזנט יידן זענען ארונטער אונטער דער ערד צום קאמף פון די גבורים.

הענעך איז געווען א געהילף צו א געטאָ־בוי־מייסטער. „עס איז געווען די בעסטע צייט פון אלע צייטן —דערציילט ער— איך האָב געבויט א בונקער פון צוויי שטאָק. ביי דער ארבעט בין איך געווען אָנגעטון אין א פארטוך".

דער בוי־מייסטער הענעך!

טאדי פלעגט זאָגן ביי דער ארבעט:

— הענעך, אז עס וועט קומען די צייט, וועלן מיר זיין צוזאמען...

מען דארף נישט זאָגן הענעכן, וואָס פאר א צייט עס דארף קומען. ער ווייסט דאָס אליין. ער איז שוין א מענטש, א גרויסער מענטש. ער איז שוין א ייד, א גרויסער ייד.

„איך געדענק גוט די אויפרייסן, פון וועלכע מען האָט געקאָנט טויב ווערן. עס האָט געקנאַלט און געשאָסן. די גאנצע גאס האָט געברענט, און נאָך א גאס האָט געברענט, און ארום און ארום איז געווען פייער. עס איז א גרויסער גערויש. איך פארשטיי, אז דאָס רוישן די ברענענדיקע הייזער. דער פייער איז הויך, דער רויך איז העכער. עס זעט מיר אויס, אז דער הימל ברענט. און מען הערט ווי איין מאָל און נאָך א מאָל שרייט א ייד".

הענעך איז געווען אין געטאָ־אויפשטאנד צוזאמען מיט טאדין, וועלכער האָט אים אויסגעלערנט וואָס ער האָט צו טון אין דער מלחמה. „מען דארף אָננעמען אָט דאָ פארן העלדזל, האָט מיך טאדי געלערנט, נאָכדעם „פארמאכעוועט" מען זיך און מען דארף די פלאש מיט בענזין אריינטרעפן אין נאָז פון טאנק. אויב מען טרעפט אריין, לייגט מען זיי אוועק". זיי — זענען די דייטשן, די רוצחים. טאדי און הענעך האָבן גע־האלטן מלחמה.

געדענקט הענעך, ווי געזאָגט, שטיקלעך מיט ברעקלעך. דערציילט ער עס אזוי ווי ער געדענקט עס. ער איז געשטאנען אין א ווינקל פון א טויער צוזאמען מיט טאדין. טאדי האָט געהאט צוויי פלעשער און ער נאָר איינע. די מלחמה איז געקומען הענעכן אין פנים אריין — א הארמאַט מיט דייטשן איז צוגעקומען זייער נאָענט. הענעך האָט געוווּסט, אז ער טאָר נישט שטיין ווי א גולם, האָט ער געטון א כאַפּ זיין פלאש מיט בענזין און איז געלאָפן גלייך נאָך טאדין. ער איז געלאָפן נידעריק ביי דער ערד

גלייך צום הארמאַט. קיינער האָט אים אָפּשטעלן נישט געקאָנט און — באַץ! צוויי פּלעשער האָבן געטון אַ שמיץ אריין אין הארמאַט אריין — טאַדים און הענעכס. הענעך איז אַ מזלדיקער, ער האָט אריינגעטראָפן ריכ־טיק אין הארמאַט. אַ קנאַל, אַ טראַסק, און עס טוט אַ פּראַל ארויס אַ פייער. נאָך דעם ערשטן פלאַם לויפן ארויס אנדערע פלאַמען, באַלד ברענט דער גאַנצער הארמאַט. „איך!" — האָט הענעך אַ געשריי געטון צו טאַדין. דאָס מיינט, אַז ער האָט עס געטראָפן מיטן פלאַש אין הארמאַט אריין.

„בחורים זענען ארויסגעלאָפן פון באַהעלטענישן. זיי האָבן געקנאַלט מיט זייערע ביקסן, ארום דעם ברענענדיקן הארמאַט — טאָמער לעבט נאָך דאָרט ווער פון די דייטשן, זאָל אים טרעפן אַ קויל".

„צוויי קליינע טאַנקעלעך, וואָס זענען געפאָרן נאָך דעם הארמאַט — דערציילט הענעך — האָבן זיך דערשראָקן און זיך אומגעקערט צוריק. אויף דער גאַס זענען מער קיין דייטשן נישט געווען", בלויז טאַדי, הענעך און אנדערע בחורים. אַ גרויסער בחור, שמעון האָט מען אים גערופן — דער־ציילט הענעך,— האָט שפּעטער געזאָגט צו אים אזוי: „דו האָסט פאַר־דינט אַ מעדאַל, ביסט אַ סאָלדאַט".

דערציילט הענעך אַן אנדער געשיכטע, וואָס ער געדענקט: זאַלבע־פינף איז מען געגאַנגען זוכן דייטשן צווישן די פלאַמען, ווייל איינצלנע דייטשן אָדער זאַלבעצוויי פלעגן ארומגיין צווישן די פלאַמען און זוכן דאָרטן יידן. איך בין אויך געגאַנגען מיט די פינף. איך האָב געקאָנט קריכן בעסער ווי אַלע פינף, מען זאָל מיך נישט דערזען. איך פלעג שוין דערשמעקן אַ דייטש פון דער ווייטן. זיי, די פינף, האָבן געטראָגן דייטשע העלמען אויף די קעפּ, מען זאָל מיינען, אַז זיי זענען דייטשן. זיי זענען געווען שמעונס פינפטל. די פיס האָבן זיי געהאַט ארומגעוויקלט מיט שמאַטעס, מען זאָל נישט הערן, אַז זיי גייען. ווען די דייטשן פלעגן זיי פּלוצלינג דערזען, פלעגן זיי מיינען, צוליב די העלמען, אַז זיי זענען דיי־טשן, אָבער שמעון מיט זיין פינפטל פלעגט זיי באַלד אוועקלייגן.

„איך האָב אויך ארומגעוויקלט מיינע פיס מיט שמאַטעס, מען זאָל נישט הערן, אַז איך גיי", דערמאָנט הענעך געשפּרעכן און מעשיות, וואָס מען פלעגט דערציילן אין בונקער, ווו די גאַנצע חברה איז געווען צוזאַמען

מיט הענעכן. ער געדענקט אויך נאר אפגעריסענע שטיקלעך פון יענע גע־שפרעכן און מעשיות: „אז איך גיי מיטן רעוואָלווער אויף א גרויסן דייטש" —האט געזאגט שמעון — טראכט איך, אז איך בין דוד, דער פאסטוך, וואס גייט מיט א שטיין אויף גליתן". שמעון האט אמאל דער־ציילט, אז זיין טאטע איז שוין לאנג געווען טויט, ער האט אים געזען אויף סטאַווקע גאס, ווי ער איז געשטאנען מיט א גרויסער מחנה יידן, אין א היטל, א צעטומלטער, וויסנדיק, אז מען פירט אים צו דער שחיטה. זייער אפט זעט ער נאך אמאל זיין טאטן, וואס איז שוין לאנג טויט, און שמעון זאגט אזוי: „א דייטש מיט א העלם אויפן קאפ האט אוועקגעפירט מיין טאטן צו דער שחיטה און איך גיי מיט א העלם אויפן קאפ און מיט שמאטעס אויף די פיס און נעם נקמה".

„איך אויך..." — וויל הענעך זאגן, אבער ער ברענגט עס נישט ארויס פון מויל, ווייל הענעך איז דאך נאך אלץ א קליינער יינגל. שמעון רעדט וועגן זיין טאטן און הענעך דערמאנט זיך אין זיין טאטן מיט די קראנקע פיס, אין זיין מאמען, זיין ברודער ברוך, זיין שוועסטער גיטעלע.

„פון די פייערן איז היים געווען די לופט —דערציילט ער. — דער אס־פאלט צעגייט פון היץ און ווערט פארוואנדלט אין א שיטערע סמאלע און אין דער סמאלע ווערן איינגעקלעפט טויטע יידן. דאס איז אבער גארנישט. ווייל עס איז א מלחמה און אין א מלחמה ווערט מען דערהרגעט".

די מלחמה אין געטא איז אנגעגאנגען. הענעך געדענקט ווי אזוי שמעון איז דערהרגעט געווארן. דאס איז געווען זייער קורץ. איין מאל זענען אריינגעלאפן א פאר מענטשן אין בונקער, ווו הענעך איז געלעגן, און האבן גערעדט צווישן זיך, אז שמעון איז געפאלן ווי א העלד.

דאס איז אלץ. מער האט הענעך גארנישט געהערט, מער געדענקט ער נישט. ער ווייסט נאר, אז שמעון איז געפאלן ווי א העלד.

אן אנדערש מאל האט מען דערציילט וועגן אן אנדער בחור, שלמה האט מען אים גערופן. הענעך האט אים גוט נישט געקענט, ער האט אים נאר געזען ארומדרייענדיק זיך מיט אנדערע בחורים. די גרופע, מיט וועל־כער שלמה איז געווען, האט זיך געמוזט צוריקציען פון מוראנאָווער גאס, ווייל זיי זענען געשטויסן געווארן פון די דייטשן. שלמה האט געהאט א מאשין־ביקס, איז ער געגאנגען הינטערוויילעכטס און געשאסן כסדר מיט

זיין ביקס פּאַראַוים. ער האָט געוואָלט נאָר צוקומען א לעבעדיקער אויפן הויף פון זייער בונקער. ער האָט זיך דערשלעפּט ביזן הויף, די נאַציס האָבן אים פארלוירן. אָבער ווי נאָר ער איז אריין אין הויף, איז ער גע־פאלן. ער האָט נאָך געלעבט. מען האָט אים נישט געקאָנט לאָזן ליגן אויפן הויף, ווייל די נאַציס וואָלטן געקומען שפּעטער און וואָלטן אים פארענדיקט. האָבן די חברים אים אריינגעטראָגן אין א האלב־ברענענדיק חרוב הויז און אים דאָרטן איינגעליינט אויף דער ערד. „חברים — האָט שלמה נאָך באוויזן צו זאָגן — נעמט צו מיין געווער. מיר ווערט עס שוין סיי־ווי־סיי נישט צוניץ קומען, איר דארפט עס גוט אויסנוצן".

העניך געדענקט אויך וואָס מען האָט דערציילט אין בונקער, אין דער צייט ווען די געטאָ האָט געברענט, וועגן דריי מיידלעך. די ערשטע האָט געהייסן אסתר, די צווייטע — גוטע און די דריטע — סאָרקע.

„מיר זענען געגאנגען מיט אסתרן — האָט איינער דערציילט — דורך ברענענדיקע הייזער. די צעבראָכענע גלאָז צעגייט פון היץ. מיר לויפן דורך איינציקווייז דורך ברענענדיקע הייף מיט נאסע טיכלעך אויפן קאָפּ און צווישן די ציינער. דער מויער אויף דער באַניפראַטן גאַס, אויף דעם עק פראַנציסקאַנער, איז פארניכטעט. דאָרטן שטייען פּאַטרולן פון לעטן, אוקראַינער און דייטשן. מען מוז אָבער דורכגיין. האָט מען פּרובירט זיך דורכצורייסן מיט געוואַלד. די ערשטע האָט זיך געלאָזט אסתר. „אסתר — האָב איך צו איר געזאָגט — זאָל זיין מיט מזל". זי האָט זיך א לאָז געטון, די האָר צעשויבערט, דאָס קליידל צעלאָזן, די הענט אויסגעצויגן. זי האָט געטון א לויף און באלד נאָכדעם א פאַל אויף דער ערד. אזוי איז אומ־געקומען אסתר".

אָט דערציילט מען וועגן אן אנדער מיידל, גוטע. די גאנצע זאמענ־האפער גאַס איז געווען באלויכטן מיט רעפלעקטאָרן פון דער דזשיקע גאַס. כדי אריבערצוקומען צו דער מוראַנאָווסקע גאַס, האָט מען געמוזט זיך שאַרן אויפן בויך. דערציילט איינער פון די בחורים, אז ער האָט זיך אזוי אריינגעשארט אויף א הויף, וווּ עס איז געווען בלויז א חורבה, און דאָרטן האָט ער געפונען דריי מענטשן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי רוחות. די ערשטע איז געווען א פרוי. זי איז געלעגן און געקרעכצט, ווייל די פיס זענען איר געווען צעבראָכן. דער צווייטער איז געווען א ייד מיט א געלער

באָרד. ער האָט אויסגעזען ווי א משוגענער. ער האָט זיך נישט געקענט רירן. די דריטע איז געווען גוטע. זי איז געלעגן איינגאַנצן א טויטע. דער ייד מיט דער געלער באָרד האָט דערציילט, אז זי האָט געשריען צו די דייטשן: „איר וועט פארלירן, איר וועט פארשפּילן", און א דייטש האָט אריינגעשטאָכן אין איר דעם באַיאָנעט.

וועגן שרהן דערציילט מען אזוי: זי איז אומגעגאנגען איבער די גאסן מיט א זעקל מעדיצין. זי איז אומגעגאנגען צווישן די ברענענדיקע הייף, ארויפגעקראָכן אויף ברענענדיקע טרעפּ און געזוכט פארוואונדעטע; זי האָט באַנדאַזשירט, ארויסגעשלעפּט פון פייער, אריינגעשלעפּט אין די בונקערס. איין מאָל האָט זי געפונען א פארוואונדעטן אויף דער גאס, דעם קליינעם, שווארצן גדליה. ער האָט נאָך געלעבט. זי האָט זיך אראָפּגעזעצט אויף דער ערד נעבן אים, האָט אים באַנדאַזשירט און גערעדט אזוי: באלד וועט, קינד מיינס, גוט ווערן. עס וועט באלד מער נישט ווייטאָן". אין דער רגע האָט איר געטראָפן א נאַצישע קויל און זי האָט זיך אוועקגעלייגט א טויטע נעבן גדליהן.

צום בעסטן געדענקט הענעך ווי זיין חבר טאַדי איז אומגעקומען. אויפן וויפלטן טאָג פון דער שרפה דאָס איז געווען, געדענקט ער נישט, ער ווייסט אָבער, אז דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען די שרפה האָט שוין געהאלטן באלד ביים סוף. די דייטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך טאַדין און נאָך דריי, וואָס זענען געווען מיט אים. טאַדי און זיינע דריי חברים האָבן באוויזן אריינלויפן אין בונקער. אין דער זעלבער רגע האָט זיך טאַדי אוועקגעלייגט אויף דער קלאַפּע פון בונקער און געשריען צו אלעמען, מען זאָל ארויס פון יענער זייט, ווייל דער בונקער האָט געהאט א צווייטן ארויסגאַנג. „גיכער, גיכער, גייט ארויס, לויפט!" — האָט ער געשריען און אליין געלעגן אויף דער קלאַפּע און די דייטשן האָבן נישט געקאָנט אזוי גיך זי עפענען. מען האָט אים נישט געוואָלט לאָזן אליין און אין דער ערשטער רגע האָט מען אים נישט געפאָלגט, מען איז נישט ארויס פון בונקער. האָט ער אָבער געשריען מיט אלע כוחות: „גייט ארויס, גייט ארויס!" די דייטשן האָבן לאַנגזאַם געשטופּט די קלאַפּע, זיי האָבן מורא געהאט זי צו עפענען, זיי האָבן געמיינט, אז אינעווייניק זענען פאראן מענטשן מיט באָמבעס. אזוי איז געלעגן טאַדי אויף דער קלאַפּע א שיינע פּאָר

מינוט. צו לאנג ליגן האָט ער אָבער נישט געקאָנט, ווייל די דייטשן האָבן כסדר געשאָסן דורך דער קלאַפּע און טאדי איז געפאלן טויט. אז די דייטשן האָבן געעפנט דעם בונקער, איז שוין דאָרטן קיינער נישט געווען, חוץ דעם טויטן טאדי.

הענעך געדענקט נאָך צו דערציילן, וואָס עס איז געווען מיט זיין בונקער אין די לעצטע טעג. מען האָט פון בונקער נישט געקאָנט ארויס־גיין יענעם טאָג. די גאס האָט יעדע ווילע אויפגעציטערט פון דער דייטשער קאַנאָנאַדע. זייענדיק אונטער דער ערד, האָט מען געהערט צוויי מינים שיסערייען. מען האָט געקאָנט אונטערשיידן, ווען די דייטשן שיסן און ווען „אונדזערע" שיסן. מען האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל נישט ארויסגיין פון בונקער, איז מען דאָרט געלעגן און געהערט פון מאָל צו מאָל ווי די ערד ציטערט אויף, זי טרייסלט זיך. נאָכדעם איז געוואָרן איינגאנצן שטיל, מען האָט נישט געהערט מער שיסן. אָבער דאָס עלעקטרישע ליכט פון בונקער האָט זיך פון זיך אליין אויסגעלאָשן. פון קראַן איז נישט געגאנגען מער קיין וואסער. מען האָט פארשטאַנען, אז עפּעס איז דאָרטן אויבן גע־שען. וואָס עס איז געשען, האָט מען נישט געוווּסט, מען האָט נאָר געהערט א זשומען, א סקריפּען, פון מאָל צו מאָל האָט געטון עפּעס א פּאַל, — ביז עס איז געוואָרן אָוונט. דעמאָלט האָט מען געוואגט צו עפענען די קלאַפּע פון בונקער. ווי נאָר מען האָט געעפנט אביסל די קלאַפּע, איז אריינגעפאלן אין בונקער אַן אומגעריכטע ליכט. „עס ברענט!" — האָבן אלע א געשריי געטון.

דער גאנצער הויף האָט טאַקע געברענט, אלע הייף ארום און ארום האָבן געברענט, די גאנצע גאס האָט געברענט. מען האָט אָנגעהויבן ארויס־קריכן פון בונקער. ארום און ארום איז געווען פייער, און דאָך איז געווען קאַלט, די ציינער האָבן געקלאַפּט.

„איך האָב געזען ווי עס לויפט א ברענענדיקער ייד מיט א קינד אויף די הענט" — דערציילט הענעך. „דאָס קינד האָט געוויינט, געשריען". דאָס איז געווען די איינציקע מענטשלעכע שטימע אין דער ווילדעניש.

מען קאָן נישט בלייבן שטיין, ווען אלץ ארום ברענט. מען האָט גע־ווּסט ווו עס איז דאָ א צווייטער בונקער, איז מען אהין געלאָפן. א גאנצע באַנדע ווילדע מענטשן האָט זיך אהין געלאָזט. מען איז צוגעקומען צו

דער קלאפּע פון צווייטן בונקער, אָבער מען האָט דאָרטן נישט געקאָנט אריינגיין. עס איז געשטאנען א מענטש מיט א רעוואָלווער אין האנט און געשריען, מען זאָל נישט גיין אין בונקער, „מען ווערט שוין דאָרט אזוי אויך דערשטיקט, איך וועל שיסן יעדן, וואָס וועט זיך דערנענטערן". האָט זיך עמיצער אויף אים ארויפגעוואָרפן און אומגעשליידערט אויף דער ערד. איינער האָט געשטיקט דעם צווייטן ביים האלדז, ביז מען האָט געהערט א געשריי: „הער אויף, וועלוול!" און צוריק אַן ענטפער: „חיים, איך וועל דיך דערווערגן!" דאָס זענען געווען צוויי חברים. איצט, אין דער שרפה, אין דער ווילדערניש, וויל איינער דערהרגענען דעם צווייטן. דער, וואָס איז געווען מיטן רעוואָלווער, האָט אָפּגעלאָזן. דעמאָלט האָבן אלע אנדערע גענומען ארייקריכן אין בונקער. דאָרטן איז געווען פול גע־פּאקט מיט מענטשן, אָבער דער בונקער איז שוין געווען א האלבער מיט וואסער, ווייל די רערן פון דער וואסער־לייטונג אין בונקער האָבן געפּלאצט. א פּאָר טאטעס האָבן געהאלטן קליינע קינדער אויף די אקסלען, זיי זאָלן נישט ווערן דערטרונקען.

„איך בין געשטאנען ביזן בויך אין וואסער און געציטערט. לאנג שטיין האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב זיך דערקליבן צו דער קלאפּע פון בונקער און שטילערהייט ארויסגעקראָכן אין דרויסן. עס איז שוין געווען בעסער אויפן ברענענדיקן הויף. זאָל זיין וואָס עס וועט זיין".

ער האָט אויסגעקליבן א ווינקל, ווו עס איז געווען טונקל און לײדיק, ווו עס האָט נישט געברענט. ער האָט זיך דאָרטן אוועקגעזעצט, צונויפ־געקנוילט זיך און צוגעמאכט די אויגן.

קיינמאָל נאָך איז קיין ייד נישט געזעסן אין קיין שרפה אזא נשרף, ווי עס איז געזעסן הענעך אין יענער שעה אין ווינקל פון ברענענדיקן הויף פון דער געטאָ. עס זענען געווען די לעצטע שעהן פון דער „שרפה".

הענעך געדענקט נאָך אייניקע אָפּגעריסענע סצענס פון די לעצטע טעג פון דער „שרפה". „דייטשן זענען געגאנגען מיט טרומייטערס — דערציילט ער — און טרומייטערט און געשריען איבער די חורבות: „ווער עס וועט אליין ארויסקומען, וועט געשיקט ווערן אויף ארבעט קיין טראַווני־קי, מען וועט אים מיטגעבן פינף פונט שפּייז". און יידן זענען ארויס־געקראָכן פון הינטער די שטיינער, פון הינטער די רויכערדיקע ווענט. די

דייטשן פלעגן אויך שרייען: — „הערט אויס!... דומע לויטע!... וויר ווערדען שיסען!...״

„איך האָב זיך דערשלעפּט —דערציילט הענעך— צו א בונקער, וואָס איז נאָך געווען אונטער אַן איינגעפאַלן הויז, דאָרט זענען געווען מע־נער און פרויען. איינעם האָט מען גערופן זיגמונט און נאָך איינעם האָט מען גערופן יאָסל. עס איז געווען א מיידל, וואָס מען האָט גערופן לייקע. זיי האָבן מיך אריינגעלאָזט. זיי האָבן אויסגעזען ווי טויטע, זיי האָבן אָבער געלעבט״.

פון אונטער די חורבות פלעגן זיי ארויסקריכן נאָר ביינאכט. מען פלעגט הערן ווי ערגעץ ווייט שרייט א דייטש: „האַלט די פרעסע!... די פרעסע האַלט!...״ מען פלעגט אויך הערן ווי פון מאָל צו מאָל קנאַקט צע־ברענטע בלעך, טוט א שאָס ארויס א שטיק פייער, אָדער עס הערט זיך שרייען פון דערווייטנס: „גוואַלד!... גוואַלד!... גוואַלד!...״

אין בונקער האָט מען זיך געקליבן צום לעצטן וועג — צו די קאַ־נאַליזאַציע־רערן אונטער דער ערד ארויסצוקומען פון יענער זייט געטאָ. יאָסל איז געבליבן איינגעוויקלט אין שמאַטעס און געזאָגט: „נישטאָ שוין מיט וועמען און מיט וואָס...״

ק א פ י ט ל נ י י נ צ ן

דורך קאנאלן

„יאָסל האָט מיך מיטגענומען אין קאנאַל אריין —דערציילט הע־נעך. — ווי נאָר מען איז אריינגעשפּרונגען אין קאנאַל, האָט מען דער־שפּירט אויף זיך א שטראָם פון וואסער. באלד האָבן די פיס געטאָפּטשעט אין צעקראָכענע בלאָטע".

ער געדענקט, אז מען איז געקראָכן אין קאנאַל א לאנגע צייט, אז מען איז דאָרטן געווען הונגעריק און זייער דורשטיק, אָפּגעשוואכט, און דער קאָפּ האָט זיך כסדר געדרייט. מען איז געגאנגען איינער הינטער דעם צווייטן. דער ערשטער האָט געהאַט א ליכט. יאָסל האָט כסדר אכטונג געגעבן אויף אים, אז ער זאָל נישט דערטרונקען ווערן און ער האָט גערופן פון מאָל צו מאָל: „הענעך, הענעך, דו גייסט?" פריער האָט הענעך גע־ענטפערט, נאָכדעם האָט ער שוין נישט געהאַט קיין כוח צו ענטפערן. ער האָט געמאכט מיט די ליפּן: „איך גיי, איך גיי!" יאָסל האָט עס דאָך געהערט.

הענעך האָט זיך געשלעפּט, געקראָכן ווייטער און ווייטער. פאָראויס זענען געקראָכן מענטשן און הינטער אים זענען געקראָכן מענטשן. איינער האָט געשטופּט דעם צווייטן.

— יאָסל האָט געזאָגט —דערציילט ער,— אז מען טאָר נישט בלייבן אין קאנאַל, און אז ווען מיר וועלן דערהערן א געשריי: „יאַן, יאַן!" זאָלן מיר אלע ענטפערן: „יאַן, יאַן". דעמאָלט וועט יאַן אונדז ווייזן דעם דעקל, דורך וועלכן מיר וועלן דאַרפן ארויסקריכן".

אלע זענען געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע, פארשמוצט די געזיכ־

טער, אויסגעווייקט די צעפליקטע קליידער אין שמוץ און אין בלאָטע און — געגאַנגען ווייטער.

יאָסל האָט דורך דעם שמוץ־קאַנאַל פון דער פאַרברענטער געטאָ אַרויסגעפירט די רייניסטע יידן. ער האָט געפירט אַ לעצטע גרופּע לעבנ־געבליבענע געטאָ־קעמפער. הענעך איז געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען, ער גייט ווידער אַרויס פון געטאָ.

„איך געדענק —דערציילט ער,— אַז פּלוצלינג איז ליכטיק געוואָרן און איך האָב דערהערט אַ גרויסן טומל — דאָס האָט מען פון אויבן גע־עפנט אַ דעקל פון קאַנאַל, אַז מיר זאָלן אַרויסגיין. עס איז געווען אַזאַ ליכטיקייט, אַז איך האָב געמוזט צומאַכן די אויגן".

יאָסל האָט געהייסן הענעכן, ער זאָל זיך שטעלן אויף זיינע פּלייצעס און שנעל אַרויסגיין דורכן דעקל פון קאַנאַל: „קריך אַרויס, קריך הע־כער!" גלייך האָט הענעך דערשפּירט, אַז זיין קאָפּ האָט זיך אַזוי ווי אַריינ־געשטעקט אין הימל. עס איז געוואָרן זייער ליכטיק און זייער קיל. ער איז געקראָכן העכער און העכער. גלייך ביים דעקל איז געשטאַנען אַ לאַסט־אויטאָ, אויף וועלכן זיי האָבן געמוזט שנעל אַרויפקריכן. „לייגט זיך אַוועק!" — האָט מען באַפוילן אויף פּויליש. אַלע האָבן אַזוי געטון און דער לאַסט־אויטאָ מיט די מענטשן האָט זיך שנעל געלאָזט אין וועג.

הענעך ווייסט, אַז דער לאַסט־אויטאָ איז אַוועקגעפאָרן צו די ווענ־גראָווער וועלדער. אים אָבער האָט מען געהייסן אַראָפּגיין פריער, הינטערן שטאָט, ביי די ליים־פעלדער. יאָסל האָט אים געזאָגט: ווער דאָ אַ שייגעץ און ראַטעווע זיך. האַלט זיך ביי די ליים־פעלדער, מען וועט אפשר קומען".

דעמאָלט איז הענעך ווידער געבליבן אַליין אויף דער וועלט, ווידער אויף דער אַרישער זייט.

„איך בין געפאַלן אויפן פעלד אָן כוחות. איך בין געווען זיכער, אַז איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער. די האַנט איז שווער אויפצוהייבן, די פיס זענען אַזוי ווי קלעצער".

הענעך דערציילט, אַז ער האָט געזען אויפן פעלד אַ ביימל, איין איינ־ציק ביימל. ער האָט געהערט ווי עס האָט שטאַרק גערוישט. ער האָט אויך געהערט ווי דער ווינט האָט געבלעזלט דאָס וואַסער אין די ליים־גרובן. ווילט זיך אים גאָר וויינען. ער האָט שוין זייער לאַנג נישט געוויינט,

און איצט קומט דאָס געוויין פון זיך אליין, ער קאָן עס מער נישט אָפּ־האַלטן. ער וויינט שטיל, ער וויינט אינעווייניק, עס זאָל קיינער נישט הערן. ווען עס איז געוואָרן גאָר פינסטער אין פעלד, האָט הענעך געטאַפּט מיט זיינע הענט אין דער פינסטער, געטאַפּט דאָס נאַסע פעלד ארום זיין קאָפּ. ער איז שוין א גרויסער בחור, אָבער זיינע הענט זענען נאָך קליינע, קינ־דערשע. זיי זענען געשוואָלן און אויפגעלאָפן. האָט ער אונטערגעלייגט א האַנט אונטערן קאָפּ און איז געלעגן אין ליים־פעלד. ער האָט געוויינט און געוויינט, אָן א קול, גאָר שטיל, אזוי שטיל ווי עס איז דאָס קאַלטע פעלד און דער גרויסער הימל איבער אים. שעמט ער זיך וואָס ער וויינט, דאָס וואָלט פאַסן פאַר א קליינעם ייִנגל, אָבער דאָס געוויין איז אזוי, ווי עס וואָלט זיך גיסן פון זיין קאָפּ, פון זיין נאָז, פון זיין האַלדז.

„עס האָט זיך מיר געדוכט — דערציילט ער, — אז איך זע ווידער מיין מאַמען". א קליינע איז זי געווען, די מאַמע זיינע, א דארע. ער גע־דענקט גוט ווי אזוי ער איז געגאַנגען מיט איר צוזאַמען, ווען ער האָט גע־טראָגן זיין טויטע שוועסטער גיטעלע. ער האָט געשעפּטשעט איצט צו איר דאָ אין פעלד: „מאַמע..." אָט דאָס שטילע שעפּטשען פון הענעכן צו זיין אויסגעחלומטער מאַמע איז געווען א תפילה, וואָס די הימלען האָבן נאָך אזא קיינמאָל נישט געהערט.

ער איז איינגעשלאָפן. ליגט ער מער נישט אויף דעם ליים־פעלד, נאָר אין א פייערדיקן וואָגן. דער וואָגן טראָגט זיך אין כוואַליעס פייער, און דייטשן מיט בייטשן יאָגן זיך נאָכן וואָגן, און עס איז עפּעס אזוי ווי אויך דער טאַטע זיינער מיט די געפּרווירענע פיס איז דאָ. ער, הענעך, זיצט אויף דער קעלניע און ציט די פייערדיקע לייצעס און שמייסט מיט א בייטש: „גיכער, גיכער..."

ערשט עמיצער גיט אים א כאַפּ פאַר דער פּלייצע, פאַר די הענט, שלעפּט אים, שטויסט אים:

— שטיי אויף.

— האַ?

— קום, שטיי אויף!

ער עפנט אויף די אויגן און זעט, אז עמיץ שטייט טאַקע נעבן אים,

ה ע נ ע ד

האַלט אים ביי דער פּלייצע. ער זעט, אַז אַ ווייבל שטייט נעבן אים. זי רעדט זייער שטיל:

— האָב נישט מורא.

— האַ?

— ציטער נישט.

— ווער ביסטו?

— זיי רואיק, ציטער נישט, זיי שטיל. זעץ זיך אַראָפּ. איך וועל דיר נישט טון קיין שלעכטס.

— ווער ביסטו? — פרעגט ער די פרוי, וואָס זיצט שוין נעבן אים אויפן ליים־פעלד.

— איך וועל דיך נעמען אין אַ היים. דיר איז קאַלט, דו ציטערסט.

ער ווייסט נישט, צי איז דאָס אמת, צי עס חלומט זיך אים. כאַפּט ער זיך צו זאָגן:

— איך בין נישט קיין ייד. איך הייס העניעק. וואָס ווילסטו פון מיר?

— גוט, גוט, דו הייסט העניעק, אָבער דו וועסט גיין מיט מיר.

„וואָס עס איז מיט מיר ווייטער געווען, געדענק איך נישט — דער־ציילט ער. — איך ווייס נאָר, אַז פריער בין איך געווען קראַנק. עטלעכע מאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, ווען איך בין געווען קראַנק און ווידער פאַרזונקען געוואָרן, און איך געדענק גאָרנישט. נאָכדעם, אַז איך בין גע־זונט געוואָרן, האָט די זעלבע פרוי מיך אַוועקגעפירט צו אַ חרובער הויז. ווען מיר זענען געקומען צום הויז, האָט זי צו מיר געזאָגט זייער שטיל:

— קוק זיך גוט איין. זעסטו, ווי אַ לייטער גייט אַראָפּ אין דער נידער. מיט דעם לייטער וועסטו אַראָפּגיין אונטן. האָב נישט מורא, דאָרטן זענען דאָ נאָך מענטשן.

זי האָט עס געזאָגט און איז פאַרשוווּנדן. ער האָט זי געפאָלגט און איז אַראָפּ „מיט דעם לייטער אונטן".

דאָרטן אונטן איז געווען אַ פינסטערער קעלער, אַ טיפער און לאַנגער.

„עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז איך האָב דאָרטן, אין קעלער, עפּעס דערזען. נאָכדעם האָב איך באַמערקט, אַז נאָרעס זענען געווען אָנ־געקלאַפּט אין דער גאַנצער לענג פון קעלער. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ פעסל מיט וואַסער. אין דער טונקלקייט האָב איך געקאָנט אָנטאַפּן אַ טיש

און א באנק. אויף די נארעס זענען געלעגן באשעפענישן, אזוי ווי זיי וואלטן זיין מענטשן".

ער איז לאנג אזוי געשטאנען און האט נישט געוווּסט וואס צו טון ווייטער. צעטומלט, צעשראקן, פארווונדערט, האט ער זיך ארומגעקוקט. וואס לענגער ער האט געקוקט, האבן זיינע אויגן אנגעהויבן בעסער צו זען אין דער פינסטער. ער דערציילט אזוי:

„ערשט איך זע, מען קריכט ארויף אין קעלער, מענטשן קריכן פון אונטן; דאס הייסט, אז אונטן איז דא נאך א קעלער, דאס הייסט א קעלער אין א קעלער. דאס האט אויף מיר געמאכט א ווילדן איינדרוק, א זייער מאדנעם — פון אונטער דער ערד קריכן ארויס יידן און שווייגן. אז זיי זענען יידן האב איך גוט געזען. איינער האט מיך אנגעטאפּט און געזאגט: „א נייער". אן אנדערער האט מיך געפרעגט: „פון וואנען קומסטו?" האב איך געזאגט: „פון דער מלחמה". „פון וועלכער מלחמה?" „פון דער ווארשעווער מלחמה". „וואס רעדסטו, וואס פאר א מלחמה?" זיי האבן גארנישט געוווּסט.

— אין געטא איז געווען א מלחמה. יידן האבן געמאכט א מלחמה מיט די דייטשן.

— וואס־זשע איז געווען ווייטער?

— אלע יידן אויסגעהרגעט. די געטא איז פארברענט.

— און די דייטשן?

— מ י ר האבן א סך דייטשן געהרגעט.

„איך האב זיי דערציילט און דערציילט. אלע אין פינסטערן קעלער האבן זיך ארום מיר ארומגעשטעלט און איך האב זיי דערציילט, ווי אזוי מיר האבן איבערגעקערט דייטשע טאנקען, ווי אזוי מיר זענען געגאנגען אין די פלאמען מיט נאסע שמאטעס אויף די פיס, ווי אזוי יידן זענען געשפרונגען פון די ברענענדיקע הייזער. איך האב זיי אויך דערציילט, אז שמעון האט געזאגט, אז יידן וועלן נישט שטארבן ווי שאף, אז זיי וועלן הייסן די דייטשן טייער באצאלן, און אז יאסל איז אוועק אין די וועגרא־ווער וועלדער מלחמה צו האלטן.

ה ע נ ע ד

פון די נארעס זענען אראפגעקראכן די משונהדיקע מענטשן, אראפ־געשלעפט זיך נענטער צו מיר. יידן מיט ווילדע פנימער זענען געשטאנען ארום און ארום. פון דעם אונטערשטן קעלער זענען ארויפגעקראכן נאך יידן. אלע האבן זיך געשטעלט ארום מיר און האבן געהערט, וואס איך האב זיי דערציילט. איך האב גערעדט, און גערעדט, און גערעדט, איך האב זיך גארנישט געקענט אפשטעלן. דערצייל איך זיי אזוי:

„כאפ איך א פלאש בענזין און לויף מיט אימפעט, מיט אלע כוחות גלייך צום טאנק, און טו א שמיס אריין. דער טאנק צינדט זיך אן, ער ווערט ארומגענומען מיט פלאמען. דייטשן שפרינגען ארויס פון די פלאמען. שמעון לויפט נאך זיי מיט א ביקס און שיסט און שיסט: „אין דער ערד אריין, די נקמה אן אייך", און שמעון שרייט: „נעמט מיין ביקס, איך בין שוין פארוווּנדעט, שווייגט נישט!"

ביי די ווערטער „שווייגט נישט" רייסט איבער הענעך זיין טאג־בוך.

דאס זענען די לעצטע ווערטער אין זיין טאג־בוך, וואס ער האט געשריבן טאקע אין דעם קעלער, לויט דער ביטע פון דער פארשטעלטער פרוי, וואס איז געקומען אויפן ליים־פעלד יענעם אוונט, ווען הענעך האט געוויינט אין שלאף און געפארן אויפן פייערדיקן וואגן. „שרייב אן אלץ, וואס דו געדענקסט, אלץ וואס דו דערציילסט זיי" — האט זי אים געזאגט, ווען זי איז איינמאל געקומען אין קעלער, און אים געגעבן דעם גרויסן העפט מיט די בלייפעדערס. ער האט טאקע געשריבן און געשריבן אין דעם קעלער פון דער אונטערערדישער ארגאניזאציע, ביז וואנען ער האט מער שרייבן נישט געקענט. ער האט געמוזט איבעררייסן, ווען ער האט געשריבן די לעצטע ווערטער „שווייגט נישט". דעמאלט איז אויסגעבראכן דער ווארשעווער אויפשטאנד, וואס איז געקומען א צייט שפעטער נאכן געטא־אויפשטאנד.

א לאנגע צייט נאכן אויפשטאנד, ווען ווארשע איז שוין געווען פריי, האט מען געפונען הענעכס העפט צווישן די חורבות. בעת דעם אויפ־שטאנד האט מארושיע געזען ווי דאס חרובע הויז, אונטער וועלכן עס האט זיך געפונען דער געהיימער קעלער, איז אינגאנצן ארומגענומען מיט פלאמען. ארום די פלאמען זענען געשטאנען דייטשן און געשאסן די יידן,

וואָס האָבן זיך געוואָלט ארויסראטעוועז פון קעלער. מאַרושיע איז גע־טריבן געוואָרן מיט אַלעמען צוזאמען פון דער שטאָט ארויס, קיין פּרוש־קאָוו. זי איז דעמאָלט געווען זיכער, אז הענעך איז דערשאָסן אָדער פאַר־ברענט געוואָרן.

זי האָט אָבער א טעות געהאט, ער איז געבליבן לעבן. יאָ, הענעך לעבט.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע
רעדאקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פרץ גראנאטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאבאקסבלאט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאלאָוויטש: טלאָמאצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באלאבאן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד"ר יעקב שאצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מארטירלאָגיע (זאמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדנע: פּליטים
18) ש. קאטשערגינסקי: פּארטיזאנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פּארצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: א וואנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאלע" יידן שפּאלטן ימען
29) יעקב פּאט: הענעך

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
ד"ר יוסף קערמיש: דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא
שמחה פאליאקיעוויטש: א טאג אין טרעבלינקע
א. נחתומי: אין שאטן פון דורות
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאכאוו
יוסף וואלף: לייענענדיק פרצן
יוסף אקרוטני: אין קלעם
י. הירשהויט: פינסטערע נעכט אין פאוויאק
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאגבוך)
רחל ה. קארן: לידער
מנשה אונגער: פשיסכע און קאצק
א. אלמי: מאמענטן פון א לעבן

עס גרייט זיך צום דרוק:

ישראל אשענדארף: איינאקטערס
רחל אויערבאך: מאטעריאלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באראוויטש: אוישע פאפירן (דאקומענטן)
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
הרב אברהם ביק: צען דורות פוילישע גאונים
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאקומענטן)
יאנינא העשעלעס: מיט די אויגן פון א 12־יעריק קינד
עוזר ווארשאווסקי: שמוגלארס
ז. וואסערצוג: יאנוש קארטשאק
אברהם זאק: ווארשעווער געטא
ד"ר הלל זיידמאן: געשטאלטן פונעם ווארשעווער געטא
ה. לייוויק: דער נס פון געטא
צפורה קאצענעלסאן־נאכומאוו: יצחק קאצענעלסאן
מ. נודעלמאן: אפגעשפילט...
מיכאל און צבי ראיאק: חורבן גלובאק
י. ראפאפארט: י. מ. וויסנבערג
א. ל. שוסהיים: גאליציע
ד"ר ח. שאשקעס: א לעבן, וואס איז פארביי...
ל. שפיזמאן: די חלוצישע באוועגונג אין פוילן
שמואל צעסלער: זאבלודאווע — די לעגענדע פון א שטעטל
בער י. ראזען: טלאמאצקע 13

פּרעסע שטימען וועגן:

דאָס פּוילישע יידנטום

כעַר־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

מלך ראַוויטש שרייבט וועגן ז. סעגאַלאָוויטשעס „טלאָמאַצקע 13" ("קענעדער אָדלער", מאָנטרעאַל, 30טער יוני 1947):

דאָס בוך „טלאָמאַצקע 13" פון דעם באַרימטן דיכטער און פּראָזאַיקער ז. סעגאַלאָוויטש האַלט 245 זייטן. עס האָט אַ סך ספּעציעלע בילדער אויף אַריינגעקלעבטע בלעטער און גוטע עטלעכע צענדליק צייכענונגען אין טעקסט. אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו דעם וועלט באַקאַנטן יידישן אַדרעס איז דאָ דאָ. דער נעמען־רעגיסטער נעמט אַרום 291 נעמען. און גוט האָבן געטון די אַרויסגעבער, וואָס האָבן דעם נעמען־רעגיסטער צוגעגעבן. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1946, פאַרלאַגס־לייטונג אַברהם מיטלבערג. אין אָנהייב איז דאָ אַ וואָרט צום לייענער, אונטערגעשריבן פון דער רעדאַקציע. רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג איז דער באַוווסטער זשורנאַליסט פון פּוילן, וואָס וווינט שוין אַ יאָרצענדליק אין אַרגענטינע, אַ מיטגליד פון דער באַקאַנטער, ענערגישער, יידישער קינסטלער־משפּחה, טורקאָוו, מאַרק. דער אונטערטיטל פון ווערק: פון פאַרברענטן נעכטן. טלאָמאַצקע 13 איז געווען דער אַדרעס אין פאַרלויף פון 22 יאָר — 1916 ביז 1938 — פון פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע. דאָס לעצטע יאָר פאַרן חורבן האָט דער פאַראיין געוווינט אויף גראַניטשנע 11, אָבער יענער אַדרעס האָט שוין מער קיין געשיכטע נישט געמאַכט, איז געווען אַן ערב חורבן־אַדרעס בלויז. איין יאָר צייט האָט ער געדויערט. און פאַר אייביקן געדענקען איז געבליבן דער אַדרעס טלאָמאַצקע 13. דער עצם פאַראיין האָט דאָרט געוווינט בלויז אין איין קליינעם צימער — די גרויסע זאַלן זענען געווען פאַרנומען דורך דעם קלוב, וואָס איז געווען אַ יידישער קינסטלער־ און אינטעליגענטן־בינשטאָק אין שענסטן און אין פאָלקסטימלעכסטן זין פון דעם וואָרט. טלאָמאַצקע 13 האָט פונקציאָנירט צוואַנציק שעה אין מעת־לעת — פון זיבן אַזייגער פרי ביז דריי אַזייגער פאַרטאָג. נישט זעלטן, גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת. דער פּלאַץ האָט געהאַט שטאַמגעסט, וואָס זענען טאָקע די גאַנצע 20 און אַמאָל 24 שעה דאָרט געזעסן. כאָטש דאָס אָרט האָט קיין אריכת ימים נישט געהאַט, אינגאַנצן 22 יאָר אַלט געוואָרן, איז דאָרט אָבער געווען טראַדיציע פון דורות. עס איז געווען אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון בית מדרש פון די טויזנטער שטעטלעך פון פּוילן און ליטע, סיי אין זינען פון לערנען מפּה אל פּה, סיי אין זינען פון טומלען און צעפּטרן שעהן, וואָס אויך דאָס איז נויטיק אין מענטשלעכן לעבן.

ז. סעגאַלאָוויטש, באַקאַנט און געאַכטבערט אין דער יידישער ליטעראַטור שוין זינט דעם יאָר 1905, היים באַליבט ביי זיינע אומציילִיקע

לעזער פאַר זיינע האַרציקע און קלאַנגפולע און קלאָרע לירישע לידער און זיינע האַרציקע, צוציענדיקע און פאַרבענקטע ראָמאַנען און דערציילונגען, האָט דאָס רוב פון זיינע יאָרן אָפּגעלעבט איינזאַם אָן אַ משפחה. און עס איז נאָר נאַטירלעך, אַז אַלע זיינע וואַרשעווער יאָרן איז ער געווען איינער פון די שטאַמגעסט פון טלאָמאַצקע 13. און זיינע וואַרשעווער יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1919 און האָבן זיך

געענדיקט אין יאָר 1939. ווען ער איז—וואַנדערנדיק דורך רוסלאַנד—אַריבער אַלס פּליט פון גרויסן חורבן קיין ארץ ישראל. מיטגענומען האָט ער מיט זיך אַ ים מיט דיכטער־ליבע צו די פּוילישע יידן, זיין פאָלק, און אַ ים מיט טרויער איבער זייער פאַרניכטונג. עס איז קלאָר, אַז סעגאַלאָוויטש האָט באַשלאָסן פון איצט אָן צו ווידמען זיין גאַנצע דיכטערישע ענערגיע דעם באַזינגען דאָס פאַרגאַנגענע. ער טוט מיט דעם זיין חוב. און —אַגב— קען ער זיך דען העלפן? דער חוב קומט אַליין, שטעלט זיך הינטער די פּלייצעס ביים שרייבטיש, נעמט אָן די האַנט מיט דער פעדער און שרייבט אַליין...

טלאָמאַצקע 13 — איז אַ טייל פון דעם חוב, וואָס סעגאַלאָוויטש צאָלט דעם פאַרברענטן נעכטן, און דערמיט אַ טייל פון דער גאַנצער חוב־צאָלונג פון אונדזער יידישער ליטעראַטור.

אויף דער הילע פון בוך איז דאָ די צייכענונג פון אַן אָפן פענסטער אין פאַרטאָג, איינס פון די זיבן גרויסע פענסטער פון טלאָמאַצקע 13, דורכן פענסטער קוקט אַריין אַ שטיק פון דער —אין פאַרטאָג שטילער— אָבער אַלע מאָל רירעוודיקער גאַס פּשעיאַזד, אין סאַמע האַרץ פון וואַרשעווער יידישן צענטער פון אַ דריטל מיליאָן יידישע נפשות, און אויפן פאַרטאָגיקן הימל אַ גרויסער, איינציקער, אונטערגייענדיקער שטערן... דאָס בילדל איז פול מיט אַ נאָגענדיקער בענקשאַפט און אַזוי איז דאָס גאַנצע בוך. זוכט דאָרט נישט קיין געשיכטע. אין מוקדם ומאוחר בדיכטונג. האָט איר אַמאָל מנחם אבל געווען אַ משפּחה, וווּ מען זיצט שבעה נאָך אַ טייערן טויטן? די שעהן גייען און מען דערציילט און דערציילט אָן אַ סוף. אַלע דערציילן. מען האַלט זיך אין איין דערמאָנען, מען דערמאָנט היינטיקס און פון פאַר צוואַנציק יאָר, ווילכטיקעס און פאַרביילויפנדיקעס, אַלץ מישט זיך אוים צוזאַמען, ווייל נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער אין ברויזנדיקן און פליסנדיקן שטראָם פון צער. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין עלף קאַפּיטלען. אין די נעמען פון די קאַפּיטלעך איז דאָ אַ סדר און מען זעט, אַז די כוונה פון אָרדנונג איז געווען. אָבער אין בוך, אין יעדן קאַפּיטל באַזונדער, אין יעדן פּאַראַגראַף באַזונדער פאַרשווינדט די אָרדנונג און דאָס שטראָמיקע פאַרנעמט איר אָרט. 291 נעמען, און הינטער יעדן נאָמען אַ פּנים פון אַ מענטש, וואָס איינע האָט מען יאָ, און אַנדערע נישט ליב געהאַט, און היינט האָט מען אַלע ליב מיט אַ הייסער ליבע. און איבער אַ סך, אַ סך פּנימער פון די 291 די שטראַלנדיקע מנורה פון קידוש השם... און אָט די מנורה שטראַלט

און באַשטראַלט אפילו די פּנימער פון די נאָך לעבעדיקע איבער גאָר דער וועלט, וווּ יידן וווינען און שאַפן יידיש וואָרט.

פאַראַן אין בוך אויך קריטיק און שטעלונג צום שרייבער, דער עיקר צו די מעכטיקע און לעבנגעבליבענע, פאַראַן דאָ אַן אומצאָל פון אַנעקדאָטן, און אייניקע פון זיי נעגאַטיווע, אָבער אַלע ליכט־ און שאָטן־זייטן זענען זיי ליניעס פון איין פּנים, דעם פּנים פון דער יידישער קינסטלערשאַפט אין פּוילן. טלאָמאַצקע 13 איז געווען אין דער אמתן די היים פון עבֿדים פון אַלע ניין מוזן ביי יידן. און אָט דאָס געמיינזאַמע פּנים איז אַ מאַרטירער פּנים... כמעט יעדער קאַפּיטל, יעדער פּאַראַגראַף פאַרענדיקט זיך מיט אַ צוזונג אין פּראָזע: נישטאָ, פאַרברענט, רויך, אַש. אָפט דאַכט זיך, אַז צופיל, צו מעכאַניש איז דער צוזונג. אָבער פאָדער נישט קיין פאָרם ביי אַן אבֿל, און נישט קיין אויסרעכענונג ביי אַ טויזנט, ביי אַ מיליאָנענפאַכן אבֿל.

כּמעט 291 נעמען זענען דאָ — פעלן נאָך אַלץ אַ סך נעמען. לדוגמא: לעאָ פינקעלשטיין, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. אין אַנדערע פאַלן זענען דאָ בלויז די נעמען, קלאַנגען בלויז. סעגאַלאָוויטש האָט דאָך נישט בכוונה געהאַט צו געבן געשיכטע, אָדער גאָר אַ לעקסיקאָן. ער האָט געוואָלט איבערגעבן די שטימונג פון טאָלעראַנץ, חברשאַפט, משפּחה־ליבע, געמיינזאַמע גורלדיקייט פון טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער גייסטיקער עליט פון זיבן־פאַרביקן און זיבעציק־קלאַנגיקן, מיליאָניקן, שטראַלנדיקן ישוב פון די פּוילישע יידן. און דאָס האָט ער דורכאויס דערגרייכט. דאָס בוך לייענט זיך מיט אַ פאַרכאַפּט האַרץ און עס ווילט זיך אומקערן דערצו מיט וויי און בענקשאַפט.

דוד מאַרקוס שרייבט וועגן דעם בוך „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן" פון טאַניאַ פוקס אין אַן אַרטיקל „אַ בוך, וואָס איטלעכער מוז לייענען" („פאָלקסבלאַט", מאָנטעווידעאָ, 3טער דעצעמבער 1947):

ווי דעם 24סטן באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס ווערט רעדאַקטירט דורך מאַרק טורקאָוו, האָט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע אַרויסגעגעבן דאָס בוך פון אונדזער מאָנטעווידעער תושבטע טאַניע פוקס: „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן".

די אויטאָרין פון בוך איז די פרוי פונעם געוועזענעם לאַנגיאָריקן רעדאַקטאָר פון לאָדזשער „פאָלקסבלאַט" לאַזאַר פוקס. אַליין אַ געבוירענע אין בעסאַראַביע איז זי דערצויגן געוואָרן אין רוסישע שולן, דאָרטן באַקומען העכערע בילדונג און שפּעטער פאַרלייגט איר „צווייטע היים" אין לאָדזש, וווּ זי איז געווען אַ טעטיקע יידישע זשורנאַליסטין און צוזאַמען מיט איר מאַן מיטגעאַרבעט אין לאָדזשער „פאָלקסבלאַט".

בעתן קריג־אויסברוך, אין סעפּטעמבער 1939, איז טאַניע פוקס געווען אין לאָדזש. נאָכן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין פּוילן, דעם 17טן סעפּטעמבער 1939, איז זי אַוועק קיין לעמבערג און איז דאָרטן פאַרבליבן ביזן דייטשישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד אין 1941. דעמאָלט איז זי צוריקגעפאָרן אין איר „ערשטער היים" קיין בעסאַראַביע און האָט מיטגעמאַכט אַלע צרות וואָס די „געל געלאַטעטע" האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די רומענער אין פאַרלויף פון דער גאַנצער מלחמה.

„אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן" איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־בוך, מיט איינצלהייטן און פאַקטן פון דער ערשטער מינוט אָן זינט דער קריג איז אויס־

געבראָכן ביזן מאָמענט ווען די דייטשן זענען אין 1944 צוריקגעטרעטן פון רומעניע. טאַניע פוקס האָט אויפגעכאַפּט זייער אַ סך געלונגענע מאָמענטן פונעם לעבן אויף די אָקופּירטע געביטן. פאַר אַזאַ איינעם, וואָס האָט די מלחמה אַליין מיטגעמאַכט טויגן אויף מיט אַלע איינצלהייטן יענע בילדער, וואָס די אויטאָרין שילדערט מיט אַזאַ פּלאַסטישקייט. די קונסט פון אַ שרייבער איז צו קענען כאַראַקטעריזירן אַ מענטשן אין אַ פּאָר שטריכן, צו באַשרייבן אַן עפּאָכע אין אַ צענדליק שורות. טאַניע פוקס האָט עס געשיקט געמאַכט, שילדערנדיק אין קורצע זאַצן און אין בולטע פאַרבן דאָס לעבן אין דער צייט צווישן סעפּטעמבער 1939 און יוני 1941; ווי אַזוי ס'האָבן געלעבט די פּליטים, די „ביעזשענצעס" אין זאַפּאַדנאַיאַ אוקראַינאַ, די באַציאונגען מיט דער ארומיקייט, ווי אַזוי ס'האָבן געלעבט און געווירקט די יידישע שרייבער, סיי די איינגעזעסענע, סיי די „אָנגעלאָפענע".

טאַניע פוקס דערציילט, צום ביישפּיל, ווי אַזוי זי איז מיט די צוויי יידישע שרייבער, לעווענשטיין און בערלינסקי, אַרומגעגאַנגען זוכן עפּעס עסן. ערגעץ אין אַ געוועלבל האָבן זיי געפונען אַ פּאָר פאַרעלטערטע „אָפּגענוצטע" קיכעלעך. וויסן זיי נישט וואָס צו טון, אויפעסן אַלץ מיט אַמאָל אָדער לאָזן אַ טייל אויף שפּעטער. בערלינסקי איז אַרויס מיט רייד:

„לאָזט מיך, אַן אַלטן געניטן הונגערער, זאָגן מיין וואָרט: עסן דאַרף מען אויף אַמאָל, מען עסט זיך גוט אָן, האָט מען כּוח ווייטער צו פאַסטן"... מיר האָבן געפאָלגט, אויפגעגעסן אַלץ מיטאַמאָל און... זיך נישט אָנגעגעסן".

וועגן דעם זעלביקן פּעריאָד דערציילט טאַניע פוקס, ווי אַזוי ס'איז צוגעגאַנגען דאָס אַריינעמען קאַנדידאַטן אינעם לעמבערגער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין.

„אַ באַשטימטע פאַך־קאָמיסיע נעמט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם געגעבענעם פאַך קאַנדידאַטן. דער קאַנדידאַט דאַרף זיך עפנטלעך מתוודה זיין, דערציילן זיין אויטאָביאָגראַפיע, באַגרינדן זיין ווונטש אַריינצוטרעטן אין פאַראיין אד"גל. נאָך דעם האָבן דאָס רעכט אים צו שטעלן פראַגן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע און מענטשן פונעם עולם אין זאַל... אין

ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין האָט די דאָזיקע פּראָצעדור אָפּטמאָל אָנגענומען אַ פּיינלעכן כאַראַקטער. ס'איז געווען אַ שטייגער אַ מאָדנע געפיל, ווען מען האָט באַהאַנדלט די קאַנדידאַטור פון דעם גרויסן פּוילישן שרייבער באָי־זשעלענסקי אין פאַראיין, צו הערן קרומקיילעכדיקע פראַגעס, וואָס מען האָט אים געשטעלט מיטן צוועק אַרויסצוברענגען, אַז פריער אין פּוילן איז ער געווען צווישן די פּריווילעגירטע שרייבער, איצט איז עס געווען אַ חטא, און ווען דער פאַרהער פון באָיען האָט אָנגענומען אַ בולט צביעותדיקן כאַראַקטער און האָט זיך לאַנג פאַרשלעפּט האָט עס פאַרדראָסן איינעם פון די אָנגעזעענסטע אוקראַאינישע שרייבער און ער איז אַרויסגעטרעטן און געזאָגט: —„אין וואָס גייט עס אייך, חברים? איר

צווייפלט צי באַי־זשעלענסקי איז אַ שרייבער? ווען מיר וואָלטן ביי אונדז געהאַט כאָטש אַ האַלבן ווי באַי־זשעלענסקי וואָלט אונדזער ליטעראַטור טאָפּלט רייך געווען". ס'איז עפּעס אַ בושה געוואָרן. באַי־זשעלענסקי, אַ שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען, און אין דער קאָמיסיע זענען געזעסן „פּאַכלייט"...

און מ'האָט געטון דעם גרויסן באַי־זשעלענסקי אַ „טובה" — די „פּאַכלייט" האָבן אים אָנערקענט אַלס שרייבער און האָבן אים אריינגענומען אין פאַראיין אריין...

דאָס הויפּט־געוויכט ליגט טאַניע פוקס אויף דער באַשרייבונג פונעם לעבן אין טשערנאָוויצער געטאָ, אויף דער באַציאונג צו יידן מצד די רומענער און אוקראַינער און אויף דעם לעבן פון די פאַרשיקטע יידן אין טראַנסניסטריע. די דאָזיקע באַשרייבונג איז פון גרויסער דאָקומענטאַלער וויכטיקייט, אויב מען נעמט אין באַטראַכט, אַז ביז איצטער איז כמעט ווי גאָרנישט וועגן דעם געשריבן געוואָרן. דאָס איז אַ געשיכטע פון בלוט און פּיין. דאַכט זיך, מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו הערן מאַקאַברישטישע געשיכטעס, אָבער ווען מען לייענט אַדורך אָט די אַלע באַשרייבונגען, די נעמען פון מענטשן, די שילדערונגען וועגן דעם אופן און מעטאָדן פון איזדיעקעוועןן זיך איבער קראַנקע און קינדער — ווערט דאָס בלוט, צום וויפלטסטן מאָל שוין ווידער פאַרגליווערט אין די אָדערן.

די דייטשן זענען די מערדער פון אונדזער פאָלק, אָבער די אוקראַינער און רומענער זענען נישט קיין קלענערע רוצחים. אויך זיי האָבן אַ גרויסן חלק אין דער אויסראָטונג פון די זעקס מיליאָן יידן.

טאַניע פוקס דערציילט פאַקטן, זי ברענגט ליסטעס מיט נעמען פון די אַנטיילנעמער אין די „אַקציעס". צווישן אַנדערן דערציילט זי איבער אַ געהערטע שילדערונג וועגן די „אַקציעס" אין קאָסאָוו (ביי קאָלאָמיי). די געשטאַפּאָ האָט אַ געוויסן טאָג געפאָדערט 6—7 הונדערט יידישע קרבנות; די אוקראַינער האָבן זיי געגעבן צוויי טויזנט מיט אַכט און אַכציק יידישע קעפּ.

פאַר זייער לעצטער „אַקציע" איז אין קאָסאָוו געשען אַזאַ פאַל:

„עס זענען פאַרבליבן אין קאָסאָווער "יידנראַט" דריי קינדערלעך: איינס פון אַכט חדשים, וואָס עפּעס אַ קריסט האָט געבראַכט צופירן... דאָס צווייטע קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַנדערהאַלבן... דאָס דריטע קינד אַ פיר־יעריקס... די געשטאַפּאָ האָט... געפאָדערט מען זאָל זיי די קינדער ארויסגעבן. מ'האָט זיך געהאַלטן אַן עצה. עס איז געווען דערביי אַ רב און אַ דאָקטאָר, און מען האָט באַשלאָסן: די קינדער בשום אופן נישט ארויסגעבן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן און דער דאָקטאָר האָט דעם באַשלוס אויסגעפירט: ער האָט די קינדער איינגעשלעפערט... אויף אייביק... די לעצטע דריי יידישע קינדער פון קאָסאָוו..."

טאַניע פוקס דערציילט אויך ווי אַזוי ס'האָבן זיך אין יענער צייט באַצויגן צו זייערע ברידער די יידישע גבירים.

כדי, צום ביישפּיל, אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן פון דעם רעדאַקטאָר פון די „טשערנאָוויצער בלעטער" סופר, מיט זיין משפּחה, האָט זיך געפאָדערט די סומע פון 150 טויזנט לעי. דאָס דאָזיקע געלט האָבן די יידישע גבירים לייכט געקענט געבן, האָבן דאָס אָבער נישט געגעבן און די סופרס זענען אומגעקומען.

מיר געפינען אין בוך אויך באַשרייבונגען פון יידישע קינדער, וואָס האָבן העלדיש געלעבט און העלדיש אומגעקומען; מיר באַגעגענען דאָ מענטשן מיט פאַרשידנאַרטיקע כאַראַקטערן, אַזעלכע וואָס ציטערן פאַרן אייגענעם שאָטן און אַנדערע וואָס ראַטעווען אַ צווייטן ייד נישט געקוקט אויף דער גרעסטער געפאַר.

אין סך־הכל איז „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן" אַ באַדייטנדיקער ביישטייער צו דער יידישער „מלחמה־ליטעראַטור"; מיטן אינהאַלט פון דאָזיקן בוך מוז יעדער ייד זיך באַקענען.

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 24סטן מערץ 1948 אין דער
דרוקעריי „היימאן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47-7752 — בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 24 de Marzo de 1948 en
los Talleres Gráficos H E U M A N
Pasteur 333 - T. A. 47-7752 - Bs. As.